# ספר הברית

ערקלערט דייטליך אללע וועלט וויסענשאפטען פון הימעל און ערד און ימים אויך פון אלע לעבענדיגע בעשעפינישען, איבערהויפט דיא גאטליכע טהייערע פעהיגקייטען וואס דער מענש איז מיט זייא געקריינט. דאס בעריהמטע ספר האט געשריבען בקדושה וטהרה אויף לשון הקדש דער היילינער חכם הרב רבי פנחס פון ווילנא זצ"ל, אזויא וויא דיא העררליכע זונן שיינט דאס ספר אויף דיא יודישע הימלען. אז וויא דאס ספר איז דאס ערשטע מאהל געדרוקט געווארען אהן דעם מחבר'ס נאהמען, האבען דיא גאונים געגלייבט אז דער גרויסער ווילנער גאון האט דאס פערפאסט.

און צו בעלייכטען דיא אויגען פון דיא מענשען וואס פערשטייען ניכט דיא היילינע שפראך, איז דאס ספר יעצט איבערזעצט געווארען אויף זעהר א לייכטע און שארנאנישע שפראכע, דורך דעם בערוהמטען מעתיק

## הר"ר יוסף מאיר יעבץ נ"י

(המעתיק המשניות והמדרשים והתק לישראל והעין יעקב כו')

נאכדרוק שטרענג פערבאטען

11

**פרק א** דאס איז אבעוואוסטע זאך אז דער הימעל איז קיילעכדיג, אונ אין מיטען איז די ערד אין דערלופט, די ערד איז ווייט פון הימעל אין אללע זייטען גלייך, אונ אזוי ווי מיר גייען אויף די ערד, אזוי איז די אנדערע זייט ערד וואס אונטער אונזערע פיס אויך בעוואהנט מיט מענטשען, אונ זיי גייען מיט זייערע פיס געגען אונזערע פיס אונ פאלין ניט אראפ, אונ איבער זיי איז אויך פערשפרייט דער הימעל אזוי ווי ביי אונז, אונ עס זענען דארט מדינות אונ שטעט אליץ אזוי ווי ביי אונז, אונ אויף די גאנצע קיילעכדיגע ערד אויף אללע זייטען וואהנען מענטשען, נור אין צפון זייט אונ אין דרום זייט קען מען ניט וואהנען ביז צום ענדע ערד, ווייל דארט איז ווייט פון די זונן איז די קעלט זייער שטארק, אונ אפילו אויף די ערטער וואס די זונן ברענט שטארק וואהנען אויך מענטשען, ווייל גאט האט דארטין אנגעגרייט מיטלען די היטץ זאל ניט זיין אזויא שטארק, ווייל דאס מערסטע צייט פון יאהר זענען די הימלען פארוואלקינט, אונ עס בלאזען קאלטע ווינטען אונ עס זענען דא הויכע בערג וואס אויף זייא ליגט שטענדיג שנייא. אונ דורך דעם זענען די וועטערונגען זייער גוט צו וואהנען דארטען, אונ ווען ביי אונז איז טאג איז ביי זיי אונטער די ערד נאכט. אונ ווען ביי אונז איז נאכט איז ביי זיי אונטער די ערד טאג, ווייל אין יעדערע פיר אונ צוואנציג שעה גייט די זונן ארום די גאנצע ערד, ווען ביי אונז איז גרויסע טעג איז ביי זיי גרויסע נעכט, אונ ווען ביי אונז איז גרויסע נעכט איז ביי זיי גרויסע טעג, אונ ווען ביי אונז איז שבת איז ביי זיי וואך, ווען ביי אונז דאווינט מען שחרית דאווינט מען ביי זיי מעריב, נור יעדער מענטש דארף טוהען ווי עס איז אין זיין ארט ווי ער איז, עס זענען דא ערטער וואס ביי זיי איז זעקס חדשים איין טאג אונ זעקס חדשים איין נאכט, אונ זיי מאכען שבת נאך דעם זייגער, אז זיי ציילען אפ זעקס מאהל פיר אונ צוואנציג שעה מאכען זיי פיר אונ צוואנציג שעה שבת, אונ אזוי ציילען זיי ימים טובים אונ יום כפור אליץ נאך דעם זייגער.

**פרק ב** עס זענען דא אויף דער וועלט פיל בערג זייער גרויסע וואס פון זיי גייט ארויס פייער, אין דעם לאנד נעאפעל איז דא אגרויסער בארג [פעזוף] ער איז הויך דריי טויזענד זעקס הונדערט פוס, אין מזרח זייט אונ אין צפון זייט געבען בארג וואקסין וויינטרויבען אונ איילבירטען אונ בלזור אונ נאך פיהל ערליי פרוכטען אונ אויף דעם בארג ברענט אפייער אונ עס גייט אגרויסער רויך, אונ עס איז דא צייטין וואס דער בארג ווארפט פון זיך פייערדיגע שטיינער ווי ברענענדיגע קוילין, יעדער שטיין איז גרויס ווי צוויי צענטנער, אונ די פייערדיגע שטיינער קענען ווערין געווארפען ביז צוויי מייל ווייט, אונ

זיי

זיי מאכען גרויסע שאדינס, זיי פארברענען אללע בויכער און די פעלדער. און אין לאנד סיציליען איז דא אאינזעל אין דעם מיטלענדישען מעער וואס ער איז גרעסער פון אלע אינזלען וואס אין דעם ים. אויף דעם אינזעל איז אויך דא אהויכער בארג [עטנא] ער איז העכער פון פינף טויזענד איילין, אונטען נעבען בארג וואקסין שיינע בוימער מיט פרוכטען, וויינשטאקין, איילבירטען, פייגין, און פיהל תבואה, און ניטע גראז פאר בהמות, און שיינע וועלדער, און אויף דעם בארג אין דערהייך ליגט אייביג שנייא און אייז און האגיל, און אין מיטען בארג ברענט אשטענדיגער פייער, איז אויף דעם בארג אלץ צוזאמען פייער מיט האגיל מיט שנייא מיט רויך, און ווען דער פייער שטארקט זיך אמאהל און ערווארפט ארויס פון זיך ברענענדיגע קוילען, פארברענען די קוילען אלץ וואס זיי טרעפין, הייזער און פאלאצין, און בוימער און גאנצע שטעט.

אין די מדינה אויסלאנד דאס איז אאינזעל אויף דעם אייז מעער, די אינזעל גיהער צו דענענמארק, אויף די אינזעל איז אויך דא פיל גרויסע בערג הויכע וואס אויף זיי ליגט אייביג שנייא און האגיל און אייז, און פון זיי שפריצט שטענדיג פייער, און עס זענען דא בעשטימטע צייטין וואס פון די בערג גייט ארויס אגרויסער רויך און פלאמען פייער, ווערט אויסגעמישט דער האגיל צוזאמען מיט דעם פייער. דער העכסטער בארג איז דער בארג עקלא, פון דעם בארג גייט ארויס אפלאם בייער אין דערהייך ביז צום הימעל, און דער גאנצער בארג איז אין פייער, און דעם רויך זעהט מען זייער וויט, און דא איז אויך אויסגעמישט האגיל מיט ברענענדיגע קוילען צוזאמען, דא זעהט מען ווי גרויס זענען די וואונדער פון גאט ברוך הוא, דא זעהט מען וואס די גמרא זאגט [אין חגיגה פ"ב] נאט האט גענומען פייער מיט וואסער און האט זיי אויסגעמישט צו זאמען, בייא די בערג איז אויך פייער מיט תאכשער צוזאמען.

## פרק ג

עס זענען דא אזעלכע בשעפעניש וואס ווערין געבארין פון פייער, און זיי וואהנען אין פייער, די גמרא רופט זיא סלמנדרא, דאס איז אזוי א חיה וואס איז געבארין פון פייער און דער מענטש [אדער אנדערע זאכין] וואס ווערין בעשמירט מיט דעם בלוט פון די חיה ווערט ער נים פארברענט פון פייער אויף א אינזעל האט מען געפונען אזויא א מין ענדים די לענג זיינע איז ווי אפערטיל איל, גראב איז ער ווי אפינגער, זיין רוקין איז שווארץ, זיין בויך איז גרין, און אויף זיין קערפער איז דא צוויי ציילין בלעוליך [ווי קליינע סבות], און אז מען ווארפט אריין דעם ענדים אין פייער ווארפט ער ארויס אזוי ווי אשפייעכץ פון זיינע בלעוליך ווערט דער פייער פארלאשין, און עס ווערט אין דעם פייער אזוינ און דער ענדים אנטלויפט ארויס, און אויב דער פייער איז גרויס און די מאטעריע פון די בלעוליך איז ווייניג אידם צו פארלעשין, ווערט ער פארברענט.

דער

דער ספר מעשה טוביה שרייבט ער האט געזעהן אויף אאינזעל אהויבין וואס מען מאכט אין אים אייזין, זענען גיבארין גיווארין אין דעם פייער פיהל לעבעדיגע פליגען אונ זענען ארום געפלויגען אין דעם פייער, אונ באלד ווי זיי זענען ארויס פון דעם פייער זענען זיי גיווארין טויט.

## פרק ד די אייראפעאישע ימים זענען זייער פיל, דער ים וואס צווישען

ענגלאנד האלאנד דעניםארק נארוועגין אונ גרמניא [דייטש לאנד] הייסט נארדזעע, אדער דייטשישער מעער. דעם ים וואס גייט צווישען דענימארק שוועדין רוסלאנד קורלאנד פרייסין גרמניא הייסט אסטזעע, אדער באלטישע מעער, אונ דער ים וואס גייט פון נארוועגין ביז צפון זייט וועלט הייסט די קאלטע זעע, אדער אייז מעער אונ איין זייט פון דעם מעער גייט אריין אין רוסלאנד, דאס הייסט דאס ווייסע מעער, דער ים וואס איז אין מערב זייט פון איירופא ביי די גרענעץ פון פארטוגאל הייסט וועסט זעע, דער ים קומט צו זאמען מיט דעם מיטעלענדישען ים ביי די שטאט גיבראלטער. דער גרויסער ים וואס גייט צווישען אירופא אונ אזיא, הייסט מארי מיזי דיטראני [מיטלענדישער מעער], ער איז לאנג זעקס הונדערט מייל אונ ברייט צוויי הונדערט מייל, דער אנהייב פון דעם ים איז ביי מערב זייט גרענעץ פון גיבראלטער, וואס דארט הייבט זיך אן דער ים אוקינוס, די אינזלען וואס זענען אויף דעם ים זענען מאיורקא מינורקא געגען קאטאלוניא. סארדיניא געגען מארסעליא. קורסיקא געגין טוסקנא. דיקיליא געגין קאלבריא אונ נאך אזעלכע אינזלען.

עס איז דא אוואונדערליכער טייך, ער איז לאנג איין מייל אונ ברייט אהאלבע מייל, יעדער זומער ווערט אויסגעטריקינט די וואסער אונ מען נעמט ארויס די פיש וואס בלייבין ליגען אויף די ערד, אונ נאכדעם אקערט מען אויף דעם ארט אונ מען זייעט אויף אידם אזוי ווי אויף אלע פעלדער, נאכדעם ווי מען שניידט אפ די תבואה פערזאמלען זיך דארטין פיל חיות פון די וועלדער, אונ ווי עס ענדיגט זיך דער זומער ווערט דער הימעל פארוואלקינט מיט גרויסע דונערין אונ בליטצען, אונ די ערד עפינט זיך אונ מיט איין מאהל שפארט ארויף דאס וואסער אונ עס ווערט צוריק אגרויסער טייך ווי עס איז גיוועזן פריער, אונ דער טייך שטייט אגאנצין ווינטער, ווי עס קומט זומער ווערט ער טריקען, אונ אזוי איז יעדער יאהר, עס זענען דא קוואלען וואסער געוואלציגע וואס מען רופט זאלץ ברונען, עס זענען דא זאערע וואסער. עס זענען דא ביטערע וואסער, די וואסערין ווערין געטרונקען צו ארפואה. עס זענען דא קוואלין וואסער הייסע, עס איז דא אקוואל וואסער וואס פיר מאהל אין יאהר טאהשין זיך די קאלערין

פון

פון די וואסער, אמאהל איז די וואסער שווארץ אונ אמאהל גרין אונ אמאהל רויט אונ אמאהל ווייס. עס איז דא אקוואל אז מען טרינקט די וואסער בעקומט מען אשטארקע תאוה צו זנות, עס איז דא אקוואל די זעקס וואכענדיגע טעג איז דא וואסער אונ שבת איז דער קוואל טריקען אן וואסער. אין די צייט פון דוד המלך איז געוועז אקוואל מיט בוימאייל אין די שטאט אלטי אלבאנו, אמאהל איז דארט געוועז ערד ציטערניש איז די שטאט איינגעפאלען אונ דער ים האט באדעקט די שטאט מיט דעם קוואל, אונ אמאהל זעהט מען בוימאייל אויף דעם וואסער. די בעסטע וואסער צום טרינקען אונ צום געזונד איז ריינע קאלטע אונ גרינגע וואסער. אזעלכע וואסער בעקומט מען נאר אז די וואסער גייט פון אזאמד בארג אונ שטיינער, פון א טייך איז די וואסער בעסער ווי פון אברונען, אונ יעדער מענטש זאל גיט אכטונג געבין אויף די וואסער וואס ער טרינקט אדער ער קאכט מיט זיי, ווארום אלע קראנקהייט קומען פון שלעכטע וואסער. עס איז דא וואסער וואס אין זיי איז דא דינע אונ קליינע ווערים וואס מען קען זיי גאר ניט זעהן, אונ אז זיי קומען אריין אין מענטש פערגיפטען זיי איהם. נאר די וואסער וואס גייט דורך זאמד מעג מען זיי טרינקען, ווייל דער זאמד ציהט צו זיך אלע שלעכטקייט פון דעם וואסער, אונ ווען דער מענטש איז פארמאטערט אונ דערווארעמט אונ איז דארשטיג, זאל ער דאמאלס ניט טרינקען קאלטע וואסער אונ ניט קאלטע ביער אונ ניט אנדערע קאלטע משקה, נאר זאל פריהער אברוהען אונ זיך אביסעל אבקיהלען נאכדעם זאל ער טרינקען ביסלאכווייז; נאך זאל מען אכטונג געבין גיט צו טרינקען וואסער אדער אנדערע משקה וואס זענען ניט ריין פון זאמד אדער פון דינע שטיינדליך, איבערהויפט זאל זיך היטען א זכר, ווארום די זאמד ווערט פארזאמעלט אין בויך אינטען ביי דעם אריין ארויסגאנג, אונ עס ווערט פון דעם זאמד אשטיין אונ דאס איז אגעפערליכע קראנקהייט. נאר אז מען וויל טרינקען וואסער אדער אנדערע משקה זאל מען אריין גיסען אין אגלאז וועט מען זעהן אויב עס איז ניט ריין זאל מען ניט טרינקען. עס זענען דא פיל ערליי ימים, עס איז דא א ים וואס ער איז גרין אונ עס איז דא א ים וואס ער איז רויט [דאס איז דער ים סוף], די וואסער אליין איז ניט רויט נאר די זאמד אינטען איז רויט, דריבער זעהט אויס די וואסער רויט. עס איז דא א ים וואס די וואסער איז ווי אלע טייכען. אונ עס איז דא א ים וואס מען רופט איהם דער טויטער ים, ווייל אין איהם איז ניטא אין לעבעדיגע זאך, אפילו עס שווימט אמאהל אריין א פיש אין דעם ים ווערט ער באלד טויט. דאס איז דער ים המלח, דער ים פון סדום, אלע ימים בא-העפטען זיך איינער מיט דעם אנדערן. נאר איין ים איז דא וואס ער איז גאר באזונדער, ארום איהם איז פון אלע זייטען ערד, דאס איז דער כספישער ים.

די

די מענטשין וואס פארין אויף דעם ים ביי נאכט, ועהן זיי אמאל אליכטיגקייט אויף דעם ים, ווייל עס קומען צוזאמען אויף דעם וואסער פיל פיש און אנדערע באשעפעניש און זייא זענען בדעקט מיט שיפען וואס זיי לייכטין ווי ברילאנטין, פון דעם קומט די ליכטיגקייט. עס זענען דא ארטער אויף דעם ים וואס די ארט ציהט איהם די וואסער צו זיך מיט אשטארקין קראפט, און אז א שיף קומט אהאלב מייל טייט פון דעם אויף דעם ארט קען זי שוין נישט אוועק גיין, און די שיף מיט די מענטשין זענען פערלארין, די שטריק און די זאגעל ווערין צוברעכען און צוריסען, און זיא ווערט אומגעקערט און די מענטשין ווערין דערטרונקען. אין דעם ים סוף זענען דא אינזלען וואס א שיף טאר נישט צו גיין צו זיי, ווייל ביי די אינזלען זענען דא מאגנעט-שטיינער, געוויינליך איז דא אין יעדער שיף אייזין און דער מאגנעט ציהט צו זיך די אייזין מיט די שיף און מען קען שוין זיא נישט אוועק ציהען פון ארט. עס ווערט אראפגעלאסט אמענטש אין ים ער זאל די אוצרות ארויס נעמען, עס ווערט געמאכט א אייזענער פאס אזוי טיף ווי א הייך פון אמענטש, און ביי די אינם אין די לענג פון איין וואנט צו די אנדערע און אינם אין די ברייט פון איין וואנט צו די אנדערע, עס ווערט געלייגט אברעטיל אויף א ברעטיל און דער מענטש גייט אריין אין די פאס און מען לאזט אראפ די פאס מיט די אפענע זייט אראפ ביז צום גרונד. און אינווייניג גייט נישט אריין וואסער, און ער זיצט אשטריקיל אין דערהייך צו אשיף, און זיי האבין צווישען זיך צייכנם ווען מען זאל איהם ארויפציהען, און ווען ער גייט אונטען פון איין ארט צום אנדערין, עס ווערט מיט אמאשין ארויס געפלומט דאס אלטע לופט און אריין געלאזין פרישע לופט. ביז מען ציהט אים ארויף צוריק מיט אלע זאכין וואס ער האט אונטען געפונען, און דאס האבען שוין אונזערע חכמים לאנג געוואוסט, אז יעדערע כלי וואס מען שטעקט אריין אין וואסער מיט די אפענע זייט אראפ גייט נישט אריין דאס וואסער אינווייניג. [עיין ברטנורה מקואות פ"ו מ"א].

פרקה די ערד איז געטיילט אין פיר טייל, איראפא, אפריקא, אזיא, אמעריקא. אויסער דעם זענען דא פיל אינזלען אין די ימים, וואס זענען בעוואהנט מיט מענטשין, די גאנצע ערד איז בעוואהנט מיט מענטשין ביז הונדערט מיט אכטציג מייל פאר צפון זייט, ווארום אין די הונדערט אכטציג מייל איז די קעלט זייער שטארק און מען קען נישט וואהנען דארטין, און הונדערט אכטציג מייל צו דרום זייט קען מען אויך נישט וואהנען דורך די גרויסע קעלט.

פון די דריי טייל ערד אזיא אפריקא אירופא, איז אירופא די קלענסטע טייל וועלט. אפריקא איז גרעסער פון אירופא, און אזיא איז גרעסער פון אפריקא. ארום אירופא איז דא דריי ימים, אין דרום זייט איז דער מיטלענדישער מער, דער מער קומט אין שפאניא פראנקרייך געאפול איטליא גריכענלאנד ביז ארץ ישראל, די לענג פון דעם ים איז זעקס הונדערט מייל, און די ברייט איז צוויי הונדערט מייל, און דער ים טיילט אפ אירופא פון אפריקא, און אלע אינזלען וואס זענען אויף דעם ים געהערין צו אירופא. אין צפון זייט איז אירופא ביז צו דעם ים וואס איז אין צפון זייט, אין מערב זייט איז אירופא ביז צום ים אוקינוס, און אין מזרח זייט פון אירופא זענען דא צוויי גרויסע טייכין, איין טייך הייסט איהעל, דער טייך ציהט זיך ביז צו דעם ים וואס אין צפון זייט, דער צווייטער טייך הייסט טאנים, און ער ציהט זיך ביז צום ים אוקינוס, די לענג פון אירופא פון מערב צו מזרח איז פון די גרויסע שטאט ליזאבאן וואס זיא איז אין ענדע לאנד פורטוגאל ביי דעם ברעג פון ים אוקינוס ביז די לאנד קונסטאנטינא, דאס איז צוזאמען פינף הונדערט מייל. די ברייט פון אירופא פון דרום צו צפון איז פון דעם אינזעל סיציליע ביז דעם אינזעל איסלאנד, דאס איז אויך פינף הונדערט מייל. און אפילו אירופא איז אויך קלענער פון אפריקא און אזיא, און זיא איז פיל שפעטער בעוואהנט געווארען, פון דעסטוועגין איז אירופא בעסער פון אפריקא און אזיא, זיא איז שיין געבאהט מיט שיינע הייזער און פאלאצין, אין אירופא איז דא ווייניג וויסטע ערד. יעדער מענטש מעג גיין אליין און פארין אליין פון איין שטאט אין די צווייטע, און ער איז זיכער מיט זיין לעבין און מיט זיין פארמעגין און דער האנדיל איז גרויס. **אפריקא**, דאס צווייטע טייל וועלט איז אפריקא, זיא איז צוויי מאהל אזוי גרויס ווי אירופא, אין אלע פיר זייטין אפריקא איז דא ימים, נאר אין ווינקיל מזרח און צפון איז קיין ים דא, דארט גרענעצט זיך אפריקא מיט אזיא, די ברייט פון די שטיק ערד איז פערציג מייל, אין צפון זייט איז אפריקא ברייט פינף הונדערט מייל, און פון צפון ביז דרום גייט אלץ שמעלער ביז עס קומט צו דרום זייט פון ים אוקינוס, דארט איז גאר שמאל גאר עטליכע מייל. **אזיא**, דאס דריטע טייל וועלט איז אזיא, זיא איז זייער לאנג און ברייט, אין מזרח זייט ענדיגט זיך מיט אזיא דאס מענטשין בעוואהנונג ביז צום ברעג ים אוקיאנוס אין מזרח זייט, אין דרום זייט אויך ביז דעם ים אוקינוס, אין צפון זייט אויך ביז דעם ים פון צפון, אזיא איז צוויי מאהל אזוי גרויס ווי אפריקא מיט אירופא, די טייל וועלט איז בעוואהנט געווארען באלד נאך דעם מבול, ווייל די תבה פון נח איז געבליבען שטיין אויף די בערג אררט וואס זיי זענען אין אזיא. בבל איז אויך אין אזיא, און אין בבל איז געשען דער דור הפלגה

וואס

וואס זיי זאָגען געבּאָהט דעם גרויסען טאָרעם, אונזערע אַלטעדין אַבֿרהם יצחק יעקב האָבען אויך געוואָהנט אין אַזיַא, די תורה איז געגעבען געוואָרען אין אַזיַא, ארץ ישראל איז אין אַזיַא, דער מדבר וואס די יודין זענען אין אים געגאַנגען פערציג יאהר איז אין אַזיַא, אונ אַלע זאַכין וואס איז בעשריבען אין תורה נביאים כתובים זענען געווען אין אַזיַא, נאָר דער נביא עובדיה דערמאָנט צרפת אונ ספרד, דאס איז פראַנקרייך אונ שפּאַניא. אין אַזיַא זענען דא גרויסע מדבריות, מדינות זענען דא אין אַזיַא אַכט גרויסע, אַרמעניאה, אַרם נהרים, כשדים, פרס, מדי אינדיאה, חינא, יאַפּאַן, אונ נאָך פיל קליינע מדינות. אַנדערע זאָגען נח'ס קינדער האָבען זיך געטיילט מיט די דריי חלקים וועלט, שם האט גענומען אַזיַא, חם האט גענומען אַפריקא יפת האט גענומען אירופּא. **אמעריקא**, דאס לאַנד אַמעריקא רופט מען דאס נייע לאַנד, ווייל עס איז יעצט פיר הונדערט יאהר ווי זי איז אונז בעוואוסט געוואָרין, דער ערשטער וואס האט געפינען דעם אינזעל אַז ער איז בעוואָהנט מיט מענטשין איז געווען קאָלומבוס, דער קאָלומבוס איז געקומען אין שפּאַניא אונ האט דערציילט דעם מלך פון שפּאַניא אַז ער האט געפונען אַזוי אַ אינזעל, דער מלך פון שפּאַניא האט געשיקט זיין גענעראל [ער האט געהייסען אַמעריקא], מיט אים האט ער געשיקט דעם קאָלומבוס ער זאָל ווייזען די וועג אויף דעם ים צו די אינזעל, אונ האט מיט געשיקט פיל זעלנער מיט געוועהר [ביקסען, קאַנאָנען] אונ גרויסע שיפען, דער גענעראַל אַמעריקא האט געהאַלטען מלחמה מיט דיווילדע מענטשין פון דעם אינזעל וואס זיי האָבען פון אונז גאָר ניט געוויסט אונ האָבען ביז די צייט געלעבט זייער רוהיג, דער גענעראַל אַמעריקא האט איינגענומען די אינזעל אונ מען רופט זיא אויף זיין נאָמען אַמעריקא. אין צוויי אונ צוואַנציג יאהר שפּעטער האט קאַרלוס דער מלך פון שפּאַניא געשיקט נאָך אַמעריקא גרויסע שיפען מיט פיל זעלנער, אונ ער האט איינגענומען נאָך אַ שטיק אינזעל אין אַמעריקא, הונדערט מייל די לענג אויף הונדערט מייל די ברייט, אין די שטיק אינזעל האט מען געפונען פיל גאָלד אין דעם זאַמד וואס ביי די טייכין, אונ מען האט גערופען די שטיק אינזעל „דאס נייע שפּאַניא". נאָכדעם האט געשיקט פראַנציסקא דער מלך פון פראַנקרייך שיפען מיט זעלנער נאָך אַמעריקא אונ זיי האָבען אויך איינגענומען אַשטיק אינזעל, הונדערט מייל די לענג אויף הונדערט מייל די ברייט, אויך אַ גוטע שטיק לאַנד, אונ מען רופט דאס „נייע פראַנקרייך", נאָכדעם האָבען אַנדערע מלכים [ענגלאַנד, האָלאַנד] אויך געשיקט שיפען מיט זעלנער נאָך אַמעריקא, אונ האָבען אויך איינגענומען שטיקער לאַנד אויף די אינזעל זייער גוטע, אונ דאס אינזעל אַמעריקא איז אַזוי גרויס, אַפילו די העלפט איז נאָך ניט בעוואָהנט. נור אין צפון זייט ציהט

ציהט זיך די אינזעל ביז פיר און זעכציג מעלות [אמעלה איז פופצעהן מייל], און פון דארט אונ ווייטער צו צפון זייט איז די קעלט זייער גרויס קען מען דארטין גיט וואהנען: **פירו**, דאס לאנד פירו איז אופיר וואס שטייט אין ספר מלכים ביי שלמה המלך וואס ער פלעגט שיקען שיפען אין אופיר מען זאל פון דארטין ברענגען גאלד, דאס לאנד פירו איז אין דרום זייט אמעריקא, זיא איז פיהל מיט אלעם נוטצען מיט זילבער אונ גאלד, דארט איז אייביג היים, אונ דארט רעגינט קיין מאהל אזוי מען קען דארט זייען אגאנץ יאהר ווען מען וויל אונ עס וואקסט שטענדיג: **גביניאה**, די אינזעל גביניאה איז גיט פון אמעריקא, עס איז יעצט דריי הונדערט נייו אונ זיבעציג יאהר ווי די אינזעל איז געפונען געווארין, מאנגילאנוס דער גענעראל פון פורטונאלישען קעניג האט געפונען די אינזעל אויף דעם ים וואס אין מערב זייט, דרייצעהן חדשים איז ער געפארין אויף דעם ים מיט אשטארקע אגרויסע שיף ביז ער האט דעם אינזעל געפונען, אויף דעם ים איז אגרויסע סכנה צו פארין וייל אין דעם ים זענען דא גרויסע בערג אונ שטיינער, אונ וייל ער איז געוועזען דער ערשטער וואס איז געפארען אויף דעם ים מיט סכנות נפשות, הדיבער ווערט גערופען דער ים אויף זיין נאהמען "דאס מעער מאנגילאנוס" אונ ער האט געפונען די גרויסע אינזעל בעוואוהנט מיט פיל מענטשין, אונ מאנגליאנוס מיט זיינע מיליטער האבען געהאלטען מלחמה מיט די מענטשין אונ האבען זייא איינגענומען, איבערהויפט מאנגילאנוס איז געהרגעט געווארין אין דיא מלחמה, פון דעסטוועגן איז די אינזעל געבליבען ביי פורטוגאל. ביי דער צייט האט מען ניט געקאנט וויסען ווי גרויס די אינזעל איז וייל מאנגילאנוס איז שוין ניט געוועזען, נאר מיט ניין אונ זעכציג יאהר שפעטער איז געפארען איינער [אנגליטירא] בעזעהן די אינזעל אונ האט זיא געפונען אז זיא איז אזוי גרויס ווי גאנץ אירופא. אין צפון זייט וועלט האט מען אויך געפונען אגרויסע אינזעל נאר ווייניג מענטשען וואהנען דארטען, דאס מערסטע טייל איז מדבר וייל דארט איז די קעלט זייער גרויס, די צווי חדשים סיון אונ תמוז זענען איין טאג אגרויסער, עס איז גאר קיין נאכט דא ביי זיי, אונ די צווי חדשים כסלו אונ טבת איז איין נאכט אגרויסע, עס איז גאר קיין טאג דא ביי זיי נאר די לבנה לייכט דארטין זייער שטארק אונ זיא גייט גאר ניט אונטער, אונ וייל דארטין איז שטארק קאלט דריבער וואקסט ניט דארטען קיין תבואה קיין גראז, אין ווייניג ערטער געפינט מען זומער אביסעל גראז נאר ביי זיי זענען דא די חיות וואס הייסען רענטיהרע וואס זיי לויפען זייער געשווינד, זיי קענען לויפען דרייסיג מייל א טאג אונ ניט רוהען אין מיטען, עסין זיי די פלייש פון די רענטיהרע, אונ זיי פאנגען נאך אנדערע חיות אונ עופות אונ פיש אונ די זעע הינד אונ דאס עסין זייא. פון אקערין אונ זייען וויסין זייא ניט, זיי

האבען

האבען קיין האר אונ קיין באָרד, קליידער מאכין זיי פון די פעל פון די זעע הונד אונ פון די אָדעריז אונ די קישקעס פון די חיות מאכין זיי פעדים צום נייען, פון געלד ווייסין זיי ניט, אונ זיי גלייבען אין גאר נישט, ניט אין גאט ברוך הוא אונ ניט אין עבודה זרות, אז עס קומט צו זיי א פרעמדער געמען זיי אים צו זייער פרייליך. עס זענען דא ערטער וואס א גאנצע וואך איז איין טאג, אונ צווייי וואכין איז איין טאג, אונ א חודש איז איין טאג, אונ עס זענען דא ערטער וואס גאנצע זעקס חדשים איז איין טאג אונ גאנצע זעקס חדשים איז איין נאכט, עס זענען דא מדינות וואס דארט איז דער זומער נאר עטליכע וואכין, וואס נאר אין זיי איז די היטץ שטארקער ווי ביי אונז, אונ פון זומער אויף ווינטער אונ פון ווינטער אויף זומער ווערט געענדערט מיט איין מאהל, ווען עס ענדיגט זיך דער זומער איז אויף מארגען שוין ווינטער, אונ ווען עס ענדיגט זיך דער ווינטער איז אויף מארגען שוין זומער, א מיטעל צייט ווי ביי אונז ניסן אונ תשרי איז ביי זיי ניטא אונ דיא איבעריגע צייט פון יאהר איז שטארק קאלט, פון דעסטוועגען מאהגען דארטין מענטשין. נאר די אלע מענטשין וואס וואהנען אין די קאלטע לענדער זענען גרויסע נארען, אונ נידעריגע, זיי וואקסין גאר ביז זיבען פערטיל איל די הייך, זיי זענען מאוס מיט גראבע ליפען. אין די שטאט מ א ל א ב א ר ש ע אין מזרח זייט אינדיען געפונען זיך יודען וואס זיי זענען דארטין פארטריבען געווארען נאך פריער ווי די צעהן שבטים זענען פארטריבען געווארען, זיי האבען געשריבען אבריף צו א גביר אין די שטאט ה א ג וואס אין די מדינה ה א ל א נ ד ער זאל זיי שיקען ספרים אונ צוויי ספרי תורות, אונ ווען זיי האבען ערהאלטען די ספרים מיט די ספרי תורות האבען זיי געמאכט זיבען טאג יום טוב מיט אזוי א שמחה ווי פורים, אונ זיי האבען ניט געוועהן דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש אונ פון אנדערין בית המקדש, אונ זיי זענען דארטין אויך אין גלות אונ זיי האפען אויך אויף משיח ער זאל זיי אויסלייזען ניט וויט פון דארט מ א ל י ב א ר אין ענדע אזיא געבען אינדיא, איז דא אגרויסע שטאט ק א ל י ק ו ט, היינט גיהער די שטאט צו ענגלאנד, דארט איז אגרויסע יריד פון פערשידענע סחורה אונ אלע ערליי בשמים פון פערשידענע מדינות, די פעלקער וואס וואהנען ארום קאליקוט עסין ניט לעבעדיגע זאכען, ניט פלייש אונ ניט פיש, זיי עסין נאר ברויט פון קארין אונ פון גערשטין צוקער האניג מילך פוטער, זיי הרגענען קיין לעבעדיגע זאך, ווארום זיי גלייבען אז מענטשין ווען זיי שטארבען ווערין זיי מגולגל אין בהמות חיות עופות, דאריבער איז ביי זיי דער מנהג ווען איינער האלט נאנט צום שטארבען האלט ער מיט די האנד די העריגער פון א אקס אדער פון א קוה אדער איין אנדער לעבעדיגע זאך וואס איינער וויל האלטין, ווייל זיי זאגין אזוי ווי די נשמה גייט ארויס פון דעם מענטש גייט זיא באלד אריין אין

די

די לעבעדיגע זאך וואס ער האלט אין האנד. דריי טאג גאנג ווייט פון די קמאנ קאליקוט איז דא א מדבר, און אויף די אנדערע זייט מדבר זענען דא פיל יודען און זיי האבען א יודישען מלך, נאר היינט גיהער שוין דאס גאנצע שטיק לאנד צו האלאנד. דער כלל איז פון די זייט וואס די יודען זענען ארויס געטריבען געווארין פון ארץ ישראל זענען זיי פארשפרייט געווארען אויף די גאנצע וועלט.

## פרק ו. ערד ציטערניש.

מיר זעהן אלע טאג ווען א טאפ מיט וואסער שטייט נעבין פייער און די וואסער ווערט שטארק הייס, הייבט זיך אויף די וואסער אין דער הייך ביז זי לויפט ארויס פון טאפ, און עס קען אמאהל ארויס לויפען די גאנצע וואסער פון טאפ. דאס ווערט ווייל דער פייער טרייבט ארויס דעם לופט פון די וואסער און וואס הייסער די וואסער ווערט געשווינדער טרייבט ער דעם לופט און דער לופט ארויסלויפענדיג יאגט ער דאס וואסער. דאס זעלבע איז אונטער דיא ערד, אין די ארטער וואס עס איז דא פיל פייער אין די ערד, און עס איז דא לופט, הייבט אן דער פייער א טרייבען דעם לופט און דער לופט האט קיין ארט דורך וואנען צו אנטלויפען פון זיין שונא דאריבער הייבט ער אויף די ערד מיט די הייזער אין דער הייך און זיי פאלין אויף וועלכין ארט עס טרעפט. און אין ים טרעפט אויך אזוי ווען דער פייער טרייבט ארויס דעם לופט אין דערהייך ווערט אגרויסער שטורעם אין ים נאר אין ווייטן פון הימעל. ווי עס האט שוין געטראפען אין פיל שטעט אין אונזערע ציטען וואס עס איז געוועזען ערד ציטערניש און עס זענען אין איין מינוט איין געפאלען גרויסע מויערן און זענען איינגעזונקען געווארין אין דער ערד, און פיל מענטשען זענען געהרגת געווארען, דאס טרעפט נאר אין די נאהענטע לאנדער, פיל די זונן דערווארעמט דעם פייער וואס אין דער ערד, אבער אין די קאלטע לאנדער טרעפט דאס ניט. אמאהל קומט די ערד ציטערניש שוואך, ווי מיר זעהן דער פאפ קאכט שוואך ווייל די אינוועניגסטע היץ איז שוואך, און אמאהל קאכט שטארק ווען די אינוועניגסטע היץ איז שטארק, ביי די ערדציטערניש איז אויך אזוי, אמאהל טוהט נאר א ציטער די ערד און זיא טאכט קיין שאדין, און אמאהל הייבט זיך אויף די ערד מיט די הייזער, ווי עס האט א מאהל געטראפען אגרויסע ערד ציטערניש אין די שטאט ליסאבונג וואס זיא איז נאנט פון ים, דארט האט זיך אויפגעהויבען די ערד מיט די הייזער און זענען אריין געפאלין אין ים, און אזוי פיל שטובין האט געברענט ביז די שטובין געברענט געווארען, א טייל מענטשען זענען געהרגת געווארען אנדערע זענען פארברענט. טרעפט אז די ערד האט די ערד אריין גענוירקען אין ים. א מאהל טרעפט אז די ערד ווערט אויסגעריסען ביז צום גרונד און די וואסער שטייגט

ארויף אונ עס ווערט אנאנדערער מייך אויף דעם ארט וואס איז געוועזן אשטאט, אונ א מאהל נייט ארויס אפלאם פייער פון דער ערד אויף דעם ארט וואס די ערד האט זיך געעפונט, דאריבער די מענטשין וואס וואהנען אין די ווארעמע לאנדער דארפין זיין שטענדיג פארזיכטיג, ווען זיי מערקען נאר עטוואס אבעינעגונג פון די ערד זאלען זיי באלד ארויס לויפין פון שטוב אונ פון שטאט אויף דעם פעלד, ווייט פון די הייזער.

**פרק ז** די ווינטען קומען פון אלע פיר זייטין וועלט, א מאהל פון מזרח, אדער פון מערב, אדער פון צפון, אדער פון דרום, דער ווינט וואס בלאזט אוועק צואך אין איין סעקונדע אויף פינף איילין ווייט, דאס הייסט א שטילער ווינט, אונ אז ער בלאזט אוועק צואך אין איין סעקונדע אויף פופצעהן איילין ווייט דאס הייסט שטארקער ווינט, עס איז שוין שווער צו גיין געגין אים, אונ אז ער בלאזט אוועק צואך אין איין סעקונדע אויף צוואנציג איילין ווייט, דאס איז שוין אשטורעם ווינט, אויף אזוי א ווינט דארף מען זאגען די ברכה שכחו וגבורתו מלא עולם, אונ די מענטשין וואס פארין אויף דעם ים דארפין שטענדיג האבין א שיף קאפיטאן ער זאל זיין געלערונט צו וויסען פון וועלכער זייט דער ווינט קומט. פון די פייגעל וואס פליהען איבער דעם ים איז דא איין פויגעל וואס די שיפערס רופין אים „דער שטורעם פויגיל", אז ער קומט צו פליהען צו די שיף ווייסט מען אז עס וועט באלד ווערין אשטורעם ווינט. דער קראפט פון ווינט איז זייער שטארק ער קען חרוב מאכין לאנדער אונ שטעט, אונ ער קען איינווארפען דיא שטארקסטע הייזער אונ די שטארקסטע בוימער, אונ אז דער ווינט קומט אויף דעם ים קען ער דערטרענקען די גרעסטע שיפען פון דעסטוועגען טוהט דער ווינט טובות אויף דער וועלט, ער ברענגט צוזאמען וואלקינס פון עק וועלט אונ עס קומט רעגין, ווי דוד המלך האט געזאגט מעלה נשיאים מקצה הארץ, גאט ברענגט וואלקינס פון עק וועלט, ווי אזוי ברענגט ער די וואלקינס, מוצא רוח מאוצרותיו, ער שיקט ארויס א ווינט אונ דער ווינט טרייבט צוזאמען די וואלקינס אויף איין ארט אונ עס גייט רעגין, פון דעם רעגין וואקסין אלע גראזין אונ תבואות אונ די בוימער געבען נייערע פרוכטין, נאך א טובה טוהט דער ווינט ער ריינגט דעם לופט, אונ נאך דעם רעגין צוטרייבט ער צוריק די וואלקינס, אונ עס ווערט ווארעם ווי עס איז געוועזן פריער, וואקסין אלע גראזין אונ תבואות אונ פרוכטין. דער ווינט מאכט פריש אלע וואסערין, ער טרייבט ארויס פון זיי די אלטע לופטין אונ גיט אריין אין זיי פרישע לופטין. דורך דעם ווינט גייען די זעגעל שיפען אויף דעם וואסער. דער כלל איז עס איז דא פיל טובות אויף דער וועלט פון דעם ווינט אויב ער קומט אן שטורעם.

**פרק ח** אין פסוק שטייט ואד יעלה מן הארץ, אפייכטקייט גייט ארויף פון

די ערד, אינ דאס פייכטקייט מאכט נאס די ערד, אזוי ווי אין אגאנץ הייסע שטוב גייט ארויף אפארע אין דערהייך אונ פון די פארע רינט נאכדעם אראפ טראפינס שוויים פון דעם פולאפ, אזוי גייט ארויף אלע טאג אפייכטקייט פון דער ערד אין דערהייך, אונ עס רינט נאכדעם אראפ טראפינס שוויים, דאס איז דער טאה, אונ ווינטער פון די קעלט ווערט פון דעם שוויים שנייא. נאר אויב מען גייט בארוועס אויף דעם טאה אדער אויף דעם שנייא ווערט מען קרעציג. אונ אז מען טרינקט טאה אדער שנייא ווערט מען אפגעצערט, אונ פון די פייכטקייט וואס גייט ארויף פון די ערד ווערט צו צייטין אנעפיל, ווען דער לופט איז היים צוגייט די פייכטקייט אין די היץ, אונ ווען דער לופט איז שטארק קאלט צוגייט די פייכטקייט אין די קעלט, נאר ווען עס איז ניט קאלט אונ ניט ווארעם בלייבט די פייכטקייט אויף דער ערד אונ עס ווערט ווי ארויך, אין די שטאט אמשטרדם איז דא צייטונווייז אזוי אנעפיל אז מען מוז גיין ביי טאג מיט לאנטערנעס אין גאס, אויף דעם ים איז דער נעפיל נאך שטארקער, עס ווערט אזוי פינסטער אז איין מענטש זעהט ניט דעם אנדערין ביי טאג, אויף דעם ים אוקיאנוס איז די פינסטערניש פון דעם נעפיל נאך שטארקער, עס איז קיין אונטערשייד צווישען טאג אונ נאכט, אונ אמאהל טרעפט אז די פינסטערניש דויערט פינף זעקס טאג. דער נעפיל איז שלעכט פאר דעם מענטש דאריבער ווען דער מענטש גייט אין גאס אין די צייט ווען עס איז אנעפיל זאל ער מיט עטוואס פארשטעלין די נאז לעבער אונ די מויל ער זאל ניט אריין ציהען אין זיך דעם שלעכטין לופט. דער רעגין קומט פון די וואלקינס. ווען דער לופט איז נארעם. זענען די וואלקין הויך פון דער ערד דאמאלס קומט דער רעגין מיט אפלייצונג אונ גרויסע טראפן, וואס נארעמער עס איז זענען די וואלקין העכער אונ וואס העכער די וואלקין זענען, שטארקער איז דער רעגין. אונ ווען עס איז קאלט זענען די וואלקין נידעריגער אונ דער רעגין גייט לאנגזאם, אונ אמאהל טרעפט דער ווינט ברענגט צוזאמען פיל וואלקינס אויף איין ארט, אונ ווייל די וואלקינס דריקען זיך צוזאמען גייט ארויס א שטארקער פלייץ רעגין וואס ער קען מאכען פיל שאדין, דאס רופט מען א וואלקין בראך, אמאהל טרעפט עס קומען צוויי ווינטען פון צוויי זייטען איינער קעגין אנדערין אונ זיי שטויסין די וואלקינס אונ עס ווערט פון וואלקין ווי אהויבער טארעם אונ אגרויסער ביימיל פיהל מיט וואסער אונ ער לאזט זיך אראפ גאנץ צו דער ערד, אויב עס זאל דאמאלס עטוואס אנשטויסין דעם וואלקין וועט ארויס גענאסין ווערען וואסער אז עס וועט פארפלייצין הייזער אונ פעלדער, אונ אויב דאס טרעפט אויף דעם ים איבער אשיף קען דער וואלקין דערטרענקען די שיף, דאריבער ווען די שיפערס זעהן אזוי א וואלקין שיסען זיי אין דערהייך מיט קאנאנען די וואסער זאל ארויס

גיין

גיין אין ים אײדער די שיף קומט צום וואלקין . נאך אוואונדער האט גאט באשאפען אזוי אפיש וואס מען רופט אים דער וועטער פיש , ער זאגט פריער ווען עס וועט זיין רעגין , מען חאפט דעם פיש און מען לייגט אים אריין אין אגלעזערנע כלי פיהל וואסער און מען שיט אריין אביסעל ערד אין די וואסער , אזוי לאנג ווי דער פיש איז רוהיג ווייסט מען אז עס וועט נאך קיין רעגין זיין , און אויב דער פיש צומישט די וואסער מיט די ערד מיט זיין ווײדעל , ווייסט מען עס וועט באלד זיין רעגין . און עס איז דא א פראש [זשאבע] וואס זיא זיצט שטענדיג אויף די בוימער צווישען די בלעטער , און ווען דער לופט איז קלאהר און ריין און עס דארף קיין רעגין זיין שווייגט זיא , און ווען זיא זינגט ווייסט מען עס וועט באלד קומען רעגין . און עס זענען דא אזעלכע פויגיל וואס מען רופט זיי רעגין פייפער , זיי שווייגען שטענדיג , נאר אײדער עס קומט רעגין זינגען זיי זייער שיין . אז עס ווערט אווינט פון צפון זייט ווייסט מען אויך עס וועט קומען רעגין . פון דעם רויך וואס גייט פון קוימען ווייסט מען אויך אויב עס וועט זיין רעגין , ווען דער רויך גייט גלייך איז א סימן אז דער לופט איז ריין און טרוקען און עס וועט אזוי געשווינד ניט זיין רעגין . און אויב דער רויך גייט אמאהל אין די זייט און אמאהל אין די אנדערע זייט איז א סימן אז דער לופט איז שווער און נאס און עס וועט באלד גיין רעגין . עס איז דא א מין עופות ווען זיי הערין א דונער אנטלויפען זיי אויף די העכסטע בוימער און בעהאלטען זיך צווישען די צווייגען , נאך א נאטור האבען זיי אז זיי געפונען זילבער אדער גאלד באהאלטען זיי און באדעקין מיט ערד . און ווען עס דונערט זאל מען זיין געהיט מען זאל ניט שטיין געביי אייזען און נעבין אפענסטער וואס אין אים איז דא אײזערנע קראטין און מען זאל ניט שטיין נעבין א הויכע הויז , ווייל די אלע זאכין ציהען צו זיך דעם דונער , און נעבין אהויכען בוים זאל מען אויך ניט שטיין ווען עס דונערט . און די מענטשע; וואס זענען געבארען געוואָרען מיט א הויט באדעקט אויף זייער פנים , דארפען זיך שטארק היטען פון דונערען און בליטצען . נאך דארפען מיר וויסען אז דער בליטץ ציהט ניט צו זיידינצייג און פעך , און אויב די זיידענציינ איז בלאהע איז דער בליטץ נאך מער דערווייטערט , מען דערציילט ביי דעם פרייסישען קאניג איז דא א זאאל וואס אלע ווענט זענען באדעקט מיט זיידענצייג און ווען עס הייבט אן דונערין בעקליידט זיך דער קאניג מיט זיידענע קליידער און גייט אריין אין דעם זאאל , און ער איז דארטען ביז די דונערען גייען איבער .

**פרק ט** ווייל די שטערין זענען פון אונז גאנץ הויך דאריבער האבען מיר ל מאהל פאלשע מיינונגען איבער זייא , מיר זעהן אמאהל ווי די שטערין לויפען פון איין ארט צום אנדערען , אמאהל זעהן מיר אז די שטערין

טאהשי

מאהשין זייערע ארטער דער שטערין פון צפון לויפט אין דרום און זעצט זיך אין דרום אויף דעם ארט וואו דער דרום שטערין איז געזעסין, און דער שטערין זעצט זיך אויף דעם ארט פון צפון שטערין. אמאהל זעהט מען פיל שטערין אויף איין ארט, און עס גייען פיל שטערין אין די לענג אזוי ווי א ווידיל. דאס אלץ איז ניט ריכטיג. ווארום די שטערין רירען זיך ניט פון זייער ארט. און נאך טרעפט א טעות ביי די מענטשין וואס פארין אין וועג, זיי זעהן א מאהל פון ווייטען א ליכטיגקייט ווי אבעליכטונג פון א שטיב דורך א פענסטער, און זיי מיינען דארט איז דא א ישוב וואס מענטשין וואהנען, גייען זיי נאך די ליכטיגקייט, און די ליכטיגקייט פירט זיי אוועג פון ריכטיגען וועג ביז זיי ווערען פארבלאנדזעט און זיי זעהן שוין ניט דאס פייער, ווארום דאס איז נאר ניט געווען א פייער נאר פון די ערד אדער פון א וואלד גייט ארויס אזוי א ליכטיגקייט, און עס דויערט אמאהל א שעה אדער צוויי שעה און עס ווערט פארלאשען, און די מענטשען ווערען דערשראקין זיי מיינען שדים אדער טייפלען האבען זיי אראפגעפירט פון וועג, און וועגען זייער שרעק לייגען זיי קריאת שמע, אנדערע לייגען תפלין אין מיטען נאכט, און ווען זיי קומען אהיים דערציילען זיי די נסים וואס זיי האט געטראפען פון די שדים, און וועגען דעם שרעקין מענטשין צו פארען אין וועג, און דאס אלץ איז נאר געקומען פון די נאטור.

## פרק י פון די ערד וועגען אלע מעטאלען, גאלד זילבער קוועק-זילבער בלייא קופער אייזן צינק,

דאס וועגען זיבען ערליי מעטאלען, גאלד איז דאס שטארקסטע פון אלע מעטאלין. געגען די זיבען ערליי מעטאלין וועגען דא זיבען שטערין, יעדער שטערין ווירקט אויף איין אנדער מין מעטאל, דער שטערין שבתאי ווירקט אויף בלייא, דער שטערין צדק ווירקט אויף צינק, דער שטערין מאדים ווירקט אויף אייזן, דער שטערין חמה אויף גאלד, דער שטערין נוגה אויף קופער, דער שטערין כוכב אויף קוועקזילבער, דער שטערין לבנה אויף זילבער. די אלע זיבען ערליי מעטאלען ציהען זייערע קרעפטען פון די זיבען ערליי שטערין. יסוד המים, פון דעם וואסער מיט די ערד וועגען געגרינדעט אלע געוויקסען אלע גראזען ביז די העכסטע בוימער, און מיר זעהן אלע שיינע קאלערין וואס די ערד גיט ארויף אויף די שיינע געוויקסען, און יעדער פרוכט-בוים בעזונדער האבען זיינע פרוכטען אין אנדער געשמאק, און דאס אלעס ווערט פון דעם וואסער וואס בעפייכטעט די ערד, און ווען עס איז קיין רעגין אדער מען בענעצט ניט די ערד מיט וואסער ווערט אלעס פארטריקנט, די גראזען ווערען פארוועלגערט און וואקסען ניט, די תבואה וואקסט ניט, און וועלכע עס וואקסט יא וועגען די קעדנער אינער די פרוכטען-בוימער פאלין זייערע בלעטער ארונטער. עס איז אויך דא

א מין

א מין בוים וואס ער וואקסט נאר ער איז הארט ווי שטיין דאס, זיינען די קורעלין.
יסוד הרוח, אלע לעבעדיגע זאכען זענען אויף פון ערד און וואסער, נאר
זיי האבען אין זיך דעם לופט אויך, דאס איז דאס לעבהאפט פון אלע לעבעדיגע
סיי די וואס זענען אין וואסער און סיי די וואס זענען אויף די ערד בהמות
חיות עופות און די מענטשען, אז מען וועט ביי זיי פערהאלטען דעם לופט
קענען זיי ניט לעבין. עס זענען דא בהמות וואס זייער פלייש פון קערפע־
נוצט צום עסין, עס זענען דא בהמות וואס זייער קערפער איז נאר באשאפין
געווארען צו ארבייטען, און זייער פלייש איז ווי גיפט צום עסין. עס זענען דא
בהמות חיות עופות וואס זיי האבען אין זייער נאטור גוטע מדות צו טאהן טובות
איינע מיט די אנדערע, און האבען ליב זייערע קינדער, און האבען רחמנות אויף
זיי. און עס זענען דא בהמות חיות עופות וואס זענען רוצחים און ווילען
הרגנן איינער דעם אנדערען, און האבען רחמנות אויף זייערע קינדער און
האבען זיי ליב. עס איז דא א מין חיה וואס זיא איז באהעפט צו די ערד ווי
אלע געוויקסען און זיא איז לעבעדיג ווי אלע חיות, די חיה ווערט גערופען
„אדני השדה", זיא האט א צורה ווי א מענטש מיט האנד און פיס, נאר פון
איר נאפיל גייט ארוים אלאנגע קישקע אזוי ווי א שטריק, און די קישקע איז
צוגעוואקסין צו די ערד, און זיא קען ניט אוועק גיין פון דעם ארט, זיא גייט
נאר אזוי ווייט ווי לאנג דער שטריק איז, און ווער עס גייט צו אים נאנט
הרגט ער אים באלד, די חיה ווערט גערופען ידוע דאס איז ידעוני וואס
שטייט אין די תורה, און אז מען וויל פאנגען די חיה שיסט מען מיט פיילען
אין די קישקע, און אז די קישקע ווערט אפגעהאקט טוהט די חיה א גרוים געשרייא
און ווערט באלד טויט. עס איז דא אזוי א מין פויגיל וואס וואקסט אויף א בוים
אזוי ווי אלע פרוכטען, און אז דער פויגעל האט שוין אויפגעוואקסען ווי ער
דארף וואקסען, פאלט ער אראפ פון בוים און לעבט ווי אלע פייגעלאך. אין די
מדינה אירלאנד איז דא א ארט וואס ווערט גערופען סקאלענד, דארטען איז
דא א מין גאנז וואס וואקסען אויף בוימער וואס זענען געפלאנצט ביי קוואלען
וואסער, און אז עס קומט די צייט וואס זיי זענען שוין גרוים אויפגעוואקסען,
פאלען זיי ארונטער פון די בוימער אין וואסער און לעבען אין דעם וואסער,
[אין יורה דעה (סימן פ"ד) שטייט, די עופות וואס וואקסען אויף די בוימער, און
זיי זענען באהעפט צו די בוימער מיט די שנאבלען, טאר מען זיי ניט עסען,
דער רבנו תם זאגט מען מעג זיי שעכטען און עסען. אין זוהר שמות (דף ט"ג)
שטייט, ווען רבי אבא האט געזעהן א בוים וואס אויף אים וואקסען פייגעל וואס
קענען פליהען, האט ער געוויינט און האט געזאגט ווען מענטשען וואלטען
וויסען די סודות פון די בוימער מיט די פייגעל אויף וועלכע זאגען דאס ווייזט,

וואלטען

וואלטען די צוויטען זייערע קליידער פון הויבען ביז צום בויך פון גרויס צער וואס זיי ווייסען ניט די חכמה פון דעם בוים מיט די פייגעלן. עס זענען דא אזעלכע געוויקסען וואס זיי האבען אבעוועגונג ווי אלעבעדיגע זאך. די געוויקסען זענען דריי ערליי, איינס איז, אזוי א גראז וואס מען רופט אים סינסיטיביס, דער טייטש פון דעם ווארט איז גלייך ווי דער גראז זאגט „זאלסט מיך ניט בע-רירען". ווער עס רירט אן דעם גראז אפילו נאר מיט דעם קלענסטען פינגער, ביינגט אין דער גראז זיינע בלאטער, צו ווייזען אז ער וויל ניט מען זאל אים אנרירען. און ווי דער מענטש גייט נאר אוועק פון דעם גראז עפינט ער צוריק זיינע בלאטער. דאס צווייטע גראז איז דער גראז וואס מען רופט אים באקארוח, אלע פארען נאכט גייט ארויס פון אים אליכטיגקייט ווי א פייער, און אז מען קומט צו אים און מען וויל אים נעמען אנטלויפט ער און מען קען אים ניט כאפען, נאר אז מען שפריצט אויף אים ארין פון א אשה ווערט ער שוואך און בלייבט שטיין אויף זיין ארט. דאס דריטע איז אזוי א בוים וואס ער וואקסט אויף דעם אינזעל צים גורין, זיינע צווייגען שאקלען זיך שטענדיג, אז א מענטש וויל נעמען אדער אנרירען מיט די האנד א צווייג, אנטלויפט דער צווייג פון אים און בייגט זיך ארויס פון די האנד, און אפילו מען האט אפגעהאקט דעם צווייג פון בוים ביז אכט טאג האט נאך דער צווייג א בעוועגונג, אז מען רירט אים נאר עטוואס שאקלט ער זיך. און עס זענען דא גאטונגען גראז מיט גרויסע בלאטער וואס וואקסען אין די זומפיגע ערטער, און גאט ברוך הוא גרייט אן פאר זיי קליינע גאטונגען פליגען און ווערעם וואס שווימען און פליהען אויף דעם וואסער, און באלד ווי דאס קליינע באשעפעניש קומט ארויף אויף דעם בלאט, ביינגט זיך איין דאס בלאט און פאנגט איין דאס קליינע באשעפעניש און זיא ווערט גלייך צוריבען אין די בלאט ווי ערד, און פון דעם ווערט די בלאט געשפייזט. נאך אוואונדערליכע זאך איז דא ביי דעם גראז, אז מען נעמט א בלאט און מען צושניידט זיא אויף שטיקער, שפרייט זיך אוים יעדער שטיק אין די לענג און אין די ברייט און עס ווערט פון איר צוריק אגאנצע בלאט מיט אירע זעלבע פאריגע קאלערין. הונדערט פיר און פופציג יאהר איז א צייט ווי מען האט געפונען די בלאטער פאליפען אין איראפע, זיי וואקסען נאר אויף די זומפיגע ערטער.

## פרק יא די מאלפעס זענען א מין חיה נאר מיט פיל זאכען זענען זיי גלייך

צו א מענטש, זייער פנים איז מענשליך, די אלטע מאלפעס האבען בערד ווי א מענטש, זייערע האנד און פיס זענען מיט מענשליכע פינגער.

זייערע קינדער טראגען זיי

אויף די האנד ווי מענטשען, איפאמפאהל עסען די זכרים די קינדער פון די נקבות

און

און טראגען זיי א ביסעל אויף די האנד און גיבען זיי צוריק צו די נקבות. א מאהל טרעפט ווען דער זכר איז בייז אויף זיין ווייב גיט ער איר א פאטש אויף דעם פנים, און זיא שטייט געגען אים אויף אירע צוויי פיס און האלט ביידע האנד צוזאמען מיט די פינגער אין דערהייך ווי זיא בעט ביי אים ער זאל איר מוחל זיין די זינד. אויך נעמט זיא דאס קינד און גיט אים צו איר מאן גלייך ווי זי זאגט פון וועגען דעם קינד וואס זיא האט צו אים געבארען זאל ער איר מוחל זיין. און די נקבה וואס האט געבארען א צווילינג, ליבט זיא מעהר דאס קינד וואס איז ארויס געגאנגען צום ערשטען און טראגט אים אויף אירע פלייצעס, און דאס צווייטע קינד האט זיא פיינד און לאזט אים ליגען. געוויינליך גייען זיי שטענדיג אויף פיר פיס [דאס הייסט אויף די האנד און אויף די פיס] ווי אלע חיות, און ווען זיי ווילען קענען זיי גיין אויף צוויי פיס אויך. און וואס מענשען טוהען מאכען זיי נאך. עס האט אמאהל געטראפען א מאלפע פלעגט זיך שטענדיג אריין גנבענען אין א שטוב און מאכען גרויסע שאדנים, דער ווירט האט זיא ניט געקאנט חאפען, און ווי זי איז געווען אין שטוב האט ער גענומען א מעסער און מיט די לינקע זייט וואס איז ניט שארף האט ער גע־האלטען אויף זיין האלז און האט געצויגען דעם מעסער עטליכע מאהל הין און צוריק. און נאכדעם האט ער געלייגט אויף דעם טיש א מעסער וואס איז שארף פון ביידע זייטען און איז אוועק געגאנגען פון שטוב, די מאלפע איז באלד ארויף געשפרונגען אויף דעם טיש און האט דעם מעסער עטליכע מאהל הין און צוריק געצויגען אויף איר האלז ביז זיא האט זיך געשאכטען. און עס איז זעהר שווער זיי צו פאנגען לעבעדיג אין וואלד, ווארום ווי זיי זעהן פון ווייטען א מענטש גיין לויפען זיי געשווינד אויף די הויכע בוימער און זיצען דארטען אזוי לאנג ביז זיי זעהן דער מענטש איז שוין נוייט אוועק געגאנגען, נאר די מענטשען וואס ווילען זיי פאנגען טוהען אזוי, ווען די מאלפע איז אויף דעם בוים שטעלט זיך דער מענטש געגען בוים און זיא קוקט אויף דעם מענטש צו זעהן וואס ער טוהט, נעמט דער מענטש און טוהט זיך פלייסיג אויס און ציגע שיך איינינע מאהל ביז די מאלפע זעהט גוט וואס ער טוהט, נאכדעם לאזט ער שטיין די שיך אונטער דעם בוים און לייגט אין זיי אריין פעך און ער בעהאלט זיך אונטער אבוים די מאלפע זאל אים ניט קענען זעהן, זיא קריכט גלייך ארונטער פון בוים און שטעקט אריין אירע פיס אין די שיך, און אירע פיס ווערען איין געקלעבט אין דעם פעך און קענען ניט אוועק גיין פון ארט, און אזוי חאפט מען זיי. זייער עסען איז רייז, הירז, פרוכטען, זיסע פאמעראנצען, און ווען זיי ווילען פארזאמלען פיל עסינוארק אין זייערע וואהנונגען, פארזאמלען זיך מיט איין מאהל אגרויסע קאמפאניע מאלפעס און פארשפרייטען זיך אויף א פעלד וואס אויף איר וואקסט רייז אדער

הירז

הירז, און ביי יעדער ווינקעל פון פעלד שטעלין זיי איין מאלפע ויא זאל אכטונג געבען טאמער קומט א מענטש, און די מאלפעס וואס היטען קוקען זעהר גוט אויף אלע זייטען, און אז איינער זעהט א מענטש פון ווייטען הייבט ער אן שטארק פייפען און שרייען, און אין איין רגע זענען שוין אלע צו לאפען. און די קאמפאניע מאלפעס וואס זענען אויף דעם פעלד, זענען צו טיילט אויף צוויי טייל, איין העלפט רייסען מיט די האנד די זאנגען מיט די רייז. און די אנדערע העלפט כאפען באלד די זאנגען און טראגען זיי אוועק אין זייערע וואהנונגען. און ווען זיי ווילען אברייסען פרוכטען פון אבוים, שטעלין זיי אויך מאלפעס אין אלע זייטען זיי זאלען היטען טאמער גייט א מענטש. און די מאלפעס שטעלין זיך אין א שרענגע פון בוים ביז צו זייער וואהנונג, זיי זענען דערווייטערט איינער פון אנדערין א געוויסע מאס, צוויי דריי מאלפעס קריכען ארויף אויף דעם בוים און רייסען די פרוכטען און ווארפען זיי ארונטער אויף די ערד, און דער וואס שטייט נעבען בוים כאפט די פרוכטען און ווארפט זיי צו דעם אנדערען דער אנדערער ווארפט צו דעם דריטען, און אזוי ווארפט איינער צום אנדערען ביז דער לעצטער ווארפט אריין די פרוכטען אין זייער וואהנונג, און דאס ווערט גע־טאהן אזוי געשווינד אז אין איין רגע ווערען פיל פרוכטען דורך געווארפען פון בוים ביז צו זייער וואהנונג, און זיי זענען זעהר קלוג צום גנבנען. עס זענען דא ווייטע לאנדער וואס דארט זענען דא פיל באזונגען גרויסע מאלפעס, עס גיבט מאלפעס וואס זיי האבען קיין וויידעל, זיי רופט מען וואלד מענטשען, זיי געפונען זיך אין די וועלדער וואס זענען אין אפריקא און אין אסט איגדיען [אסט איז מזרח], זיי זענען הויך ביז צוויי דריי איילין און גראב ווי א מענטש און זייא עסען אלע פרוכטען, דאס מערסטע צייט גייען זיי אויף צוויי פיס, זייער האלז איגמען איז בעוואקסען מיט גרויסע האר, זייערע נאזער זענען קורצע און נידעריגע, זייער מויל איז ברייט, זייערע האנד און פיס און די ברוסטען און די בייכער זענען ווי ביי א מענטשען, זייער פנים איז ווי דער פנים פון א אלטען מאן וואס ער איז שטארק טרויעריג, מען קען אים לערנען און געוויינען ער זאל טאהן אלץ וואס א מענטש טוהט. ער איז גוט אין דער נאטור און לאנגזאם און קען אלץ פערטראגען און ער איז קיין גנב. עס זענען דא אזעלכע מאלפעס וואס מען האט זיי שוין אויסגעלערנט זיי זאלען האקען האלץ. אז זיי זעהן וויא מען בראט פלייש אויף א שפיז ווייסען זיי מען דארף דעם שפיז אלע מאהל אומדרייען די פלייש זאל ניט פארברענט ווערען און עס זאל ווערען געבראטען אויף אלע זייטען. זיי ווייסען צו שטויסען אין אשטויסעל אלץ וואס מען גיט זיי צו שטויסען, זיי עסען פון א שיסעל מיט א לעפעל און שניידען מיט א מעסער און עסען מיט אגאפיל. און טרינקען פון א כלי, אז מען גיט זיי געלד ווייסען זיי צו

גיין

זיין קויפען עסינוואַרק אונ פלייש פון יאַטקע. וואָרום די מאַלפעס זענען קלוגער פון אַלע לעבעדיגע זאַכען. עס איז נאָך דאָ אַ מין מאַלפע וואָס ער איז אַזוי ווי די פריערדיגע מאַלפעס, נאָר זיי האָבען גאַנץ לאַנגע הענד, ווען די מאַלפע שטייט אויף צוויי פיס זענען זיינע פינגער פון די האַנד אויף די ערד. די מאַלפעס זענען אין אָסט אינדיע, זייער עסען איז פייגען מאַנדלען פאָמעראַנצען. עס זענען דאָ מאַלפעס מיט ווידלען אונ זיי וואָהנען אין שטובען מיט מענשען צוזאַמען אונ טוהען קיין שאַדען, נאָר אַז די מאַלפע דערזעהט אַ הונד שפּרינגט ער באַלד אַרויף אויף אים אונ בייסט אים. עס זענען דאָ אַ זעלכע מאַלפעס וואָס מען רופט זיי מעערקאַצען זיי זענען אין זידאַמעריקאַ, דאָס מערסטע צייט שווימען זיי אויף דעם וואַסער צו פאַנגען פיש צום עסען.

## פרק יב

אין יעדען מענטש זענען דאָ פיר יסודות וואָס פון זיי איז בעשאַפען געוואָרען דער מענטש, די פיר יסודות זענען ערד, לופט, פייער וואַסער. אין די ערד פון מענטש האָט גאָט ברוך הוא אַריין געגעבען אַ וואַרעמקייט, אונ אַ פייכטקייט, אונ לופט, אונ די ערד איז פערוואַנדעלט געוואָרען אויף פלייש אונ אין די פלייש ביינער מיט אָדערין אונ עס איז געוואָרען אַ מענטש. עס איז אמת אַז דער גאַנצער מענטש איז אַ אונפערשטענדליכע זאַך, אונ ניט נאָר דעם מענטשענס באַשאַפונג איז אונפערשטענדליך נאָר אַלע זאַכען וואָס זענען אויף די וועלט איז זייער באַשאַפונג העכער פון דעם מענטשענס פערשטאַנד, פון דעם קלענסטען גראָז ביז דעם העכסטען בוים, פון דאָס קלענסטע ווערמיל וואָס קריכט אויף דיא ערד ביז די גרעסטע חיות אונ בהמות אונ עופות, אונ ביז דעם שטאַרקסטען אונ קלוגסטען מענטש אויף דער וועלט, איז אַלץ מיט אַ געטליכע חכמה באַשאַפען געוואָרען, אונ אַלץ איז פון די ערד, די ערד איז דער מאַטעריאַל פון אַלע באַשעפונג, אונ אַזוי ווי אַלץ איז באַשאַפען פון די ערד, אַזוי ווערט פון אַלץ צוריק ערד, ווי שלמה המלך האָט געזאָגט (קהלת ג׳) הכל היה מן העפר והכל שב אל העפר, אַלץ איז געוואָרען פון די ערד אונ אַלץ וועט צוריק ווערען ערד. עס זענען דאָ זאַכען וואָס ווערען געשווינד אין אַ קורצע צייט צוריק ערד, אונ עס זענען דאָ זאַכען וואָס דאַוערין לאַנג אויף דער וועלט אָבער צוריק ערד מוז פון אַלעם ווערען, נאָר ווייל גאָט ברוך הוא האָט צוגעזאָגט אַז צדיקים וועלכע עס וועלען זוכה זיין וועלין צוריק לעבעדיג ווערען, דאַריבער האָט ער באַשאַפען איין ביינדיל אין דעם מענטש וואָס ער ווערט ניט פאַרפוילט אין די ערד אונ ער קען נאָר ניט פאַרלענדט ווערען, דאָס איז דער אויבערשטער ביינדיל פון די שדרה, דער מדרש זאָגט מען האָט אַ מאָהל געקלאַפט אויף דעם ביינדיל מיט אַ האַמער איז דער האַמער צובראָכען געוואָרען אונ דאָס ביינדעל איז געבליבען גאַנץ, דער ביינדעל ווערט ניט פאַרברענט

אין

אין פייער און ניט צו ווייכט אין וואסער. און פון דעם בייגדיל וועט צוריק אויסוואקסען דער גאנצער מענטש ווען עס וועט זיין תחית המתים.

## פרק יג

עס ווענען דא שטיינער אויב א אשה טראגט אויף זיך דעם שטיין אין א ביטעלע וועט זיא ניט מפיל זיין דאס קינד. דער שטיינדיל איז קיילעכדיג און אינווייניג איז דא נאך א שטיינדיל, און אז מען שאקילט דעם שטיינדיל קלאפט אינווייניג דאס אנדערע שטיינדיל אזוי ווי א קערענדיל אין דעם שאלאכץ פון נוס, די שטיינדליך ווענען אזוי באשאפען געווארען ווען די וועלט איז באשאפען געווארען. נאך איז דא א מין שטיין אז מען באדעקט אים מיט ערד אין איין רגע ווארפט ער אראפ די ערד פון זיך און די ערד בלייבט ליגען קיילעכדיג ארום אים, און אין איין רגע קומט אליין ארויף די ערד אויף דעם שטיין און באדעקט אים ווי פריער, און דער שטיין ווארפט נאך א מאהל אראפ די ערד פון זיך, און נאך אין א רגע קומט צוריק ארויף די ערד אויף דעם שטיין און אזוי איז טאג און נאכט איין רגע ווארפט דער שטיין אראפ פון זיך די ערד און די אנדערע רגע קומט צוריק די ערד אויף דעם שטיין. נאך איז דא א מין שטיין אז מען לייגט אים אויף די האר פון קאפ אדער אויף די האר פון בארד פאלט ארויס די האר און אויף דעם קאפ וואקסט שוין קיין האר מעהר, און אז מען לייגט דעם שטיין אויף א גאלען קאפ וואקסט באלד האר ווי ביי אלע מענטשען. דאס איז א וואונדערליכע זאך דער שטיין זאל מאכן צוויי פארקערטע זאכען, די שטיינער געפונט מען אין אסט־אינדיע. דער רבנו בחיי שרייבט, עס איז דא א מין שטיין אז מען צושטויסט אים גאנץ דין און מען שיט אים אריין אין א עסען אדער אין וואסער אדער אין איין אנדער משקה, און מען עסט אדער מען טרינקט מיט די צושטויסענער שטיין, אפילו די אשה איז א עקרה ווערט זיא געזונד און קען האבען קינדער. און עס איז דא א מין שטיין אז מען צושטויסט אים גאנץ דין און מען שיט אים אריין אין וואסער און מען טרינקט אויס די וואסער מיט דעם שטיין קיהלט דאס די בלוט פון דעם מענטש. און עס איז דא א מין שטיין ווען ער איז גאנץ בעלייכט ער ווי א ליכט. און אז מען צושטויסט אים און מען שיט אים אריין אין א עסען אדער אין א משקה און מען עסט אים אדער מען טרינקט אים ווערט מען קלוג און עס ווערען ליכטיג די אויגען. און עס איז דא א מין שטיין אז מען טראגט אים אויף זיך אין א ביטעל אנטלויפען פון אים אלע זיינע שונאים. און עס איז דא א מין שטיין אז מען לייגט אים ארויף אויף די אויגען ווערען זיי ליכטיג, און אז מען לייגט איב אויף א מכה אדער אויף א געשווילעכץ ווערט מען באלד געהיילט. און עס איז דא א מין שטיין אז מען טראגט אים אויף זיך אין א ביטעל האט מען הצלחה אין האנדעל, און ווען מען שלאפט איז דער שלאף מיט פערגעניגען. און עס איז

דא

דא א מין שטיין אז דער מענטש טראגט אים אויף זיך אין א ביטעל ציהט דאס אים צו בייטען. אונ ער האט הצלחה אין בייטען. אונ עס איז דא א מין שטיין ווען איינער איז אין א מלחמה אונ ער טראגט דעם שטיין אויף זיך אין א ביטעל שטארקט אים זיין הארץ צו די מלחמה אן שרעק. אונ עס איז דא א מין שטיין אז מען צושטויסט אים אונ מען מישט אים אריין אין א עסען איז דאס געזונד צום מאגען אונ דער מענטש ווערט געזונד אונ פעט. אונ עס איז דא א מין שטיין אז א מענטש טראגט אים אויף זיך אין א ביטעל האט ער חן ביי אלע מענטשין אונ אז דער מענטש קומט אריין צו מלכים האט ער הצלחה אונ מען פאלגט זיינע עצות. אונ עס איז דא א מין שטיין וואס האלט איין דאס בלוט וואס גייט פון א מענטשין.

## פרק יד

עס זענען דא בוימער וואס זייערע צווייגען בייגען זיך נאר צו די זון, פון פריא ביז האלבען טאג זענען די צווייגען געבויגען צו מזרח זייט, האלבען טאג שטייען די צווייגען גלייך נאך האלבען טאג זענען די צווייגען געבויגען צו מערב זייט, מען רופט אים זאנענבוים, אין די גמרא רופט מען אים אדאני. אין וועסט אינדיען איז דא א מין בוים וואס מען רופט אים „דער זיבען יאהר בוים", ווייל אז מען האקט אפ דעם בוים פון די ערד לעבט ער ליגענדיג אויף די ערד ביז זיבען יאהר מיט זיין שיינע קאלער אונ מיט זיין נאציע פייכטקייט אונ מיט זיין גוטען ריח, אונ ווי עס קומט ענדע זיבען יאהר ווערט ער טריקען מיט איין מאהל אונ פארלירט זיין קאלער אונ זיין ריח. עס איז דא א מין גראז וואס ער גיט פון זיך א גוטען ריח זיבען מאהל אין טאג, ניט מער אונ ניט ווייניגער, יעדער מאהל דויערט דער ריח עטליכע מינוטען ניט מער. עס זענען דא א נעלכע בלומען וואס הויבען טאקסט אויף זיי ווי גאלדפארבינגע האר דאס איז די זאפרען, די בעסטע זאפרען זענען די וואס וואקסען אין עסטרייך. אונ די זאפרען מוז מען אראפנעמען פון די בלומען ביי נאכט ווען די לבנה שיינט, אונ דאס מוז געשאהן ווערען דורך יונגע מיידליך וואס האבען נאך ניט געהאט זייער פעריאדע, אונ איידער זיי הייבען אן נעמען די זאפרען מוזען זיי באדעקין די בלומען, אונ פון אונטער דעם באדעקונג נעמען זיי די זאפרען, אונ אויב עס ווערט אנדערש געשאהן פארלירען די זאפרען זייער קאלער אונ זייער גוטען ריח. אין אינדיען זענען דא טייטל בוימער זייער גרויסע די בלעטער פון די טייטלען זענען לאנג דריי איילין אונ גראב ווי א פויסט, אונטער איין בלאט קענען שטיין זעקס מענטשען אונ די בלאט באדעקט זיי פון די זונן זיא זאל ניט ברענען אויף זיי, אדער פון רעגין, פון די בלעטער מאכט מען זעק אונ קארב ראנצעס אונ די געצאלטין, אונ די בלעטער רופט מען שירעס-פאלמע. אין אזא איז דא

א מין פייגען-בוים א גאנץ הויכער ביז צוועלף איילן די הייך, די בלאטער זענען לאנג ביז פיר איילן און ברייט א איל מיט א האלב. פון די בלאטער מאכט מען פיל ערליי כלים און מען באדעקט מיט זיי די טישען, און מען שרייבט אויף די בלאטער פון ביידע זייטען ווי אויף פאפיר, און מען שרייבט אויף זיי ספרים ביכער און מען בינד זיי איין מיט מאוולען ווי מיר בינדען איין אונזערע פאפירענע ספרים, מענטשען זאגען פון די בלעטער האבען גענומען אדם און חוה און האבען געמאכט פון זיי גארטלען, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה.

## פרק טו ווען די וועלט איז באשאפען געווארען זענען די לעבעדיגע זאכען צו טיילט געווארען אויף צוויי טייל.

דאנערשטיג זענען באשאפען געווארען אלע לעבעדיגע זאכען וואס אין וואסער, און אלע לעבעדיגע זאכען וואס פליהען, פרייטיג זענען באשאפען געווארען אלע בהמות און חיות און אלע לעבעדיגע זאכען וואס קריכען אויף די ערד. אלע לעבעדיגע זאכען (אויסער דער מענטש) זענען זיי צו טיילט אויף זעקס מינים, (א) עס זענען דא אזאלכע וואס גלייך ווי זיי ווערען געבארען זייגען זיי מילך פון זייערע מוטערס ברוסט ביז א געוויסע צייט, נאכדעם פארפעלט ביי די מוטער די מילך און זיי הייבען אן עסען דאס זעלבינע וואס די מוטער עסט. און זיי האבען אין זיך רויטע בלוט און ווארעמע. (ב) זענען די עופות וואס האבען אין זיך רויטע בלוט ווארעמע און זיי געבורען ניט לעבעדיגע קינדער נאר אייער, און זיי זיצען און דערווארעמען דיא אייער ביז א געוויסע צייט, ווערען געבארען אין די אייער יונגע הינדליך פייגעליך, זיי ווערען באדעקט מיט פעדערן און פליהען אין דערהייך. (ג) זענען די באשעפעניש וואס לעבען אין וואסער און אויף די ערד. מען רופט זיי אמפיביען זיי האבען אין זיך רויטע בלוט, נאר דאס בלוט איז קאלט און זיי ציהען דעם אטעם דורך א לונג וואס איז ביי זיי אין בויך. (ד) זענען די פיש, זיי האבען אויך רויטע בלוט קאלטע, זיי ציהען ניט דעם אטעם דורך א לונג נאר דורך די באקין, זיי הייבען אויף די באקין און שעפין דעם לופט אין זיך, און זיי לעבען נאר אין וואסער. (ה) זענען אזעלכע לעבעדיגע זאכען וואס קריכען אויף די ערד, און זיי האבען קיין בלוט נאר זיי האבען אין זיך אזוי א ווייסען זאפט, דאס מערסטע פון זיי האבען זעקס פיס. און זיי האבען אזוי ווי דינע הערנער וואס גייען ארוים פון קאפ. (ו) זענען די ווערים וואס האבען אויך קיין בלוט נאר א זאפט און זיי האבען קיין הערנער, א טייל פון זיי האבען קליינע נידעריגע פיס, א טייל האבען גאר קיין פיס, די נאטור-פארשערס האבען געפונען אויף דער וועלט הונדערט פופציג ערליי מינים בהמות און חיות, און פינף הונדערט מינים עופות און דריי טויזענד מינים פיש, און צוואנציג טויזענד מינים לעבעדיגע זאכען וואס קריכען אויף די ערד, אויסער די וואס ווערען געבארען אלע טאג אויף די מיסט.

אצינד

אצינד וועלען מיר דערציילען די חכמה אין די וואונדער פון גאט ברוך הוא ווי ער גוט אכטונג אויף זיינע אלע באשעפעניש. און ער האט געגעבען חכמה אין יעדער באשעפעניש ווי אזוי זיא זאל בעקומען איר שפייז, און האט געגעבען צו יעדער באשעפעניש זיינע געווער און חכמה מיט וואס ער זאל רעטין זין לעבען פון די וואס ווילען אים הרגנען.

**פרק טז** אין אסט-אינדיע און אין אפריקא איז דא א מין חיה וואס ער עסט די פרוכטען פון די בוימער און די יונגע פייגעלעך. צווישען זיינע פיס האט ער א קליינעם ביטעל, אין דעם ביטעל פארזאמעלט זיך ביסלאכווייז אזוי א זאפט וואס האט א שטארקען ריח, דאס רופט מען מושקאט, דער מושקאט ווערט בענוצט צו באלזאמירען די טויטע קערפערס, און צו מארענירען אסינגווארע. די האלענדער מענטשען פאנגען די חיה לעבעדיג און שליסען זי איין אין א שטייג, און יעדען דריטען טאג ציהען זיי ארויס פון איר דעם זאפט אין א קליינע לעפעלע און דאס ווערט געזאמעלט און טייער פארקויפט. אין אזיא איז דא א מין בוים וואס וואקסען אויף אים ניס מען רופט זיי מושקאט-ניס, ווייל זיי שמעקען אויך ווי דער מושקאט זאפט. אין דעם לאנד סינא איז דא א חיה וואס מען רופט זיא בינאם, די זכרים פון זיי האבען א ביטעל אונטערין בויך וואס אין איהם פערזאמעלט זיך ביסלעכווייז א זאפט, און ווען די ביטעל ווערט פיהל מיט דעם זאפט האט די חיה גרויסע שמערצען און זיא קען גיט רוהען ביז זיא קוועטשט אויס דעם זאפט אויף שטיינער אדער אויף אנדערע זאכען, און דארטען ווערט דער זאפט פערגליווערט, דאס איז דער בשמים-בינאם, וואס ווערט פארקויפט זעהר טייער. אין אמעריקא איז דא א חיה ער איז גרויס ווי א קאץ און אז ער זעהט פון ווייטען אז א מענטש אדער איין אנדערע לעבעדיגע זאך וויל קומען צו אים, איז ער משתין און ווארפט ארויס פון זיך די צואה און עס שטינקט אזוי שטארק אז מען מוז פון אים אנטלויפען, און אויב ער זעהט מען איז גיט אנטלאפען און מען וויל נאר גיין צו אים, שפריצט ער אויף דעם מענטש זיינע אורין און קערט זיך אום מיט דעם אונטען צום מענטש, שטינקט אזוי שטארק אז דער מענטש מוז אנטלויפען, און ווען ער זאל נים אנטלויפען פאלט ער אויף די ערד און ווערט פארחלשת. אין אמעריקא איז דא א מין מויז מען רופט זיא ביי טיל-מויז [ווייל זיא האט א ביטעל צווישען די פיס], ער איז גרויס ווי א קאץ מיט א לאנגען וויידעל, דער וויידעל איז אן האר, איין מאהל אין יאהר האט זיא קינדער פיר אדער פינף מיט איין מאהל ווען זיי ווערען געבארען זענען זיי קליין ווי די אייער פון א טאהב, די אויגען זייערע זענען פארמאכט און זעהן נים, די מוטער נעמט זיי אריין אין דעם ביטעל וואס צווישען אירע פיס, דארטען האט די מוטער אכט ווארצלען אין אירע בריסט, יעדעס קינד

# ספר הבריאת

קינד נעקסט אין מויל א וואָרצעל און זייגט צוואנציג טאג מיט איין מאהל און רוהט
ניט איין מינוט, די מוטער לויפט מיט זיי אין וואלד זוכען עסען, און עס ווייסט
קיינער אז זיא האט קינדער אין בייטעל, סוף צוואנציג טאג הערען זיי אויף צו
זייגען און די מוטער ווארפט זיי ארויס פון בייטעל, דאמאלס זענען זיי שוין גרויס
ווי אונזערע מייז, און זיי גייען שוין אליין זוכען עסען. זייער עסען איז די אייער
פון די פייגעלעך, אז די מייז ווערען גרויס קריכען זיי ארויף אויף די בוימער.
דעם ווידעל פארטשעפעט ער אויף א צווייג און הענגט מיט דעם קאפ אראפ
און קוקט אויף אלע זייטען, אז ער דערזעהט א קליינע באשעפעניש גייט ניט ווייט
פון בוים, שפרינגט ער אראפ און הרג'ט זיא און טרינקט אויס איר בלוט, נאך
איין מין מויז איז דא אין אמעריקא וואס ער האט שטארק ליב זיינע קינדער, אז
ער זעהט פון ווייטען מען גייט צו אים, נעמט ער זיינע יונגע קינדער אויף זיך
און הייבט אויף זיין ווידעל איבער זיי כדי זיי זאלען ניט אראפ פאלען פון אים,
און ער אנטלויפט מיט זיי ביז ער ווייסט אז זיי זענען שוין געראטעוועט פון זיין
שונא. עס איז דא א חיה וואס האט קליינע פיס און ער שלאפט מער פון אלע
לעבעדיגע באשעפעניש, ווינטער שלאפט ער די גאנצע זעקס חדשים און זומער
שלאפט ער אלע טאג פון זעקס דעם זייגער אין דער פריא ביז צוועלף דעם
זייגער ביי נאכט, האלבע נאכט וועקט ער זיך אויף פון שלאף און גייט זוכען
עסען ביז זעקס דעם זייגער אין דער פריא, ווי פיל ער האט געגעסען איז גענוג
פאר אים און לייגט זיך שלאפען, צווישען זיינע פיס איז דא א טיף ארט וואס
מער ווערט ער פיהל מיט שמאלץ, ווינטער בייגט ער דארט אריין זיין קאפ און
שלאפט אזוי דעם גאנצען ווינטער און שלאפענדיג עסט ער אויף די גאנצע שמאלץ,
ווארום ער שלאפט ניט ק' שטארקען שלאף ווי אלע אנדערע חיות נאר ווי אבגעשוואכט.
עס איז דא א חיה וואס ער שלאפט מיט איין מאהל זיבען חדשים אין יאהר פון
ראש חדש תשרי ביז ראש חדש אייר, און ווען ער שלאפט ליגט ער אן א
בעוועגונג ווי א שטיין, נאר אז עס טרעפט א מאהל אין ווינטער א שיינער טאג
ניט קאלט, וועקט ער זיך אויף פון שלאף און גייט זוכען עסען, און פארין נאכט
לייגט ער זיך צוריק שלאפען און שלאפט ביז צו אנדערע זיבען חדשים. אין לאנד
נארוועגען זענען דא זייער פיל מייז, עס טרעפט א מאהל פון זיי א קאמפאניע
ביז פינף מאהל הונדערט טויזענד, און זיי פארשפרייטען זיך ביז צום לאנד
שוועדין, און זיי מאכען גרויסע שאדענס אין די פעלדער און אין די גערטנער.
אין לאנד בראזיליא איז דא א מין חיה וואס זיא איז פויל, די חיה איז גרויס
ווי א פיקס און האט א קליינעם קאפ, איר פנים איז ווי דער פנים פון א מענטש
וואס וויינט, זי האט קיין ציין אין מויל, איר עסען איז די בלעטער פון א בוים,
די חיה איז פויל און נארעשער פון אלע באשעפעניש. זי האט קיין פארשטאנד

זי

צו הוטען זיך פון איהר שונא וואס וויל איהר הרגענען, איהר גיין איז קריכענדיג, אז זי גייט א גאנצען טאג קען זי ניט מער גיין נאר ביז זיבעציג איילען, אונ אז זי וויל ארויף גיין אויף א בוים אבבייסען די בלעטער צום עסען דארערט צוויי דריי טאג ביז זי קומט ארויף אויף דעם בוים, נאר אז זי איז שוין אויף דעם בוים זיצט זי אויף אים דריי חדשים אונ א מאהל פיר חדשים, אונ אז אויף דעם בוים איז שוין אפגעריסען אלע בלעטער קריכט זי אראפ פון אים אונ עס דאערט צוויי וואכען אונ א מאהל דריי וואכען ביז זי קומט צו איין אנדער בוים, פון איין מאהל עסען איז זי זאט א לאנגע צייט ביז א חדש אונ נאך מער ווי א חדש, אונ זי טרינקט קיין מאהל. אלע לעבענדיגע זאכען ווען זיי שלאפען זענען זייערע אויגען פארמאכט. נאר דער "האז" שלאפט מיט אפענע אויגען. אין ווארעם אזיא אונ אפריקא איז דא א מין קעמלען מען רופט זיי רמכים, יעדער קעמעל קען לויפען זעכצעהן מייל א טאג, אונ נאך דעם עסען קען ער זיין זאט זעקס טאג אן עסען אונ אן טרונקען, אונ ער האט גאנץ לאנגע האר, איין מאל אין יאהר שערט מען אפ פון אים די האר אונ ביז צום יאהר וואקסען זיי צוריק, אונ זיי ווערען פארקויפט אין אירופא אונ מען מאכט פון זיי די קעמיל הארענע קליידער. אין דרום אמעריקא איז דא א מין חיה וואס מען רופט זיא דער "מילבינבער", ווייל ער עסט זייער גערין די מילבין, עס זענען דא קליינע אונ מיטעלע אונ גרויסע, אונ א טייל פון זיי זענען בעוואקסען מיט גרויסע האר. דער גרעסטער פון זיי איז גרויס ווי א הונד דער קלענסטער פון זיי איז ווי א גרויסע מויז, זייערע קאפ זענען קליין אונ די נאז לאנג, אהן ציין אין מויל אונ זיי עסען די מילבין, אז זיי טרעפען א בערגעל מילבין שטעקען זיי אריין די נאז צווישען זיי אונ זיי קריכען אריין אין די נאז לעבער, הייבען זיי אויף דעם קאפ אונ מיט די צונג געמען זיי ארויס די מילבין פון די נאז לעבער אונ עסען זיי, נאכדעם שטעקען זיי נאך א מאהל אריין די נאז צו די מילבין, אונ זייער גיין איז אויך זעהר פויל. אין אפריקא אונ אין אזיא איז דא א מין חיה מען רופט זיא היענען, זי גראבט שטענדיג אין די ערד צו געפונען א טויטען קערפער צו עסען, זיא איז די גרעסטע געפערליכסטע חיה, זיא הרגעט אלע לעבענדיגע זאכען וואס זיא טרעפט אפילו דעם לייב, זיא גייט שטענדיג דעם קאפ אראפגעבויגען צו די ערד, ווייל זעהן וואס אונטער אים איז, מוז ער זיך אין גאנצען אויסדרייען, ווייל איהר וואלז איז הארט אונ זיא קען אים ניט איינבייגען אויף אונטען, אונ זיא האט פאר קיינעם מורא. איהר גרייס איז ווי א הונד אדער ווי א וואלף, אונ דאס גליק פון דער וועלט איז וואס דער מין חיה איז דא ווייניג, ווייל יעדע נקבה פון זיי האט ניט מער ווי צוויי אדער דריי קינדער, אונ צו יעדער מאהל געבוירט זיא נאר איין קינד, אונ זיי לעבען נאר ביז פופצעהן יאהר, אז די חיה איז הונגעריג אונ

האט

האט ניט װעמען צו הרגנען עסט זיא געװיקסען פון פעלד אדער װארצלען פון ביימער. דער לייב, הויפט װאהנונג פון די לייבען איז אין אפריקא, אונ טוהט קיין שאדין נאר װען ער איז הונגעריג, זיינע נאטור איז רחמנות צו האבען אויף די באשעפענישין װאס זענען שװאכער פון אים, אונ ער טוהט אב טובות צו די װאס האבען אים געטאהן טובות, אונ ער האט פאר קיין זאך מורא נאר פאר שלאנגען אונ פייער. דער טיגער װאהנט אין אפריקא אונ אסט־אינדיען, ער איז גרוים װי א גרויסער הונד, נאר ער איז לענגער װי א הונד, זיין פעל איז שוין געפלעקט אונ איז געפערליכער װי דער לייב, ער הרגעט אלע לעבעדיגע באשעפעניש אפילו װען ער איז זאט, אונ ער האט קיין רחמנות אפילו אויף זיינע אייגענע קינדער אונ ניט אויף זיינע מוטער װען ער איז הונגעריג הרגעט ער זיינע קינדער אונ עסט זיי, אונ אויב די מוטער װיל זיי רעטטען פון אים הרגעט ער זי מיט די קינדער, ער שפרונגט מיט איין מאהל פינף איילין, אונ ער קען טראגען אין מויל דעם גרעסטען אקס אזוי װי דער װאלף טראגט א שעפס, אונ ער שטעלט זיך אפילו געגען א עלפאנד אונ װיל אבבייסען זיין נאז, אונ אז דער עלפאנד זעהט ער קען ניט באשטיין געגען דעם טיגער, װארפט ער זיך ארויף אויף אים אונ זיי װערען ביידע געהרגעט. דער פאנטער, ער װאהנט אין אפריקא זיין פעל איז אויך מיט שיינע פלעקען, אונ ער איז גרעסער װי א לייב אונ א טיגער, אונ ער האט א שטארקע הויכע שטימע נאך גרעסער װי דער לייב, פון זיין שטימע ציטערט דער גאנצער װאלד. דער לעאפארד. זיין װאהנונג איז אויך אין אפריקא, ער איז א ביסעל קלענער פון טיגער, נאר זיין פעל איז שענער פאר דעם טיגערס פעל זי איז געפלעקט אזוי װי א מעלער װאלט דאס געמאלט, זיין נאטור איז װי די נאטור פון טיגער. דער צעברא ער איז די שענסטע חיה פון אלע חיות, זיינע פעל איז געמאלט מיט דינע שמאלע שטרייפען פון פערשידענע קאלערין, רויט װייס גרין שװארץ, ער איז גרויס װי א װילדער איזעל, ער װאהנט אין אפריקא אין די הייסע לאנדער װוּ מענטשען קענען דארט ניט װאהנען. דער עלפאנד, ער איז גרעסער פון אלע חיות, ער איז הויך פון אכט ביז נײן איילין, זיין קערפער איז זייער גראב, זיינע פיר פיס זענען גראב װי פיר זיילען, ער עסט אלע ערליי גראז אונ בלעטער פון די בוימער, אונ ער לעבט ביז הונדערט יאהר, אז ער װערט אלט פערציג יאהר װאקסען אים ארויס צװיי גרויסע ציין פון די אונטערשטע באק, אונ די ציין ארויס פון מויל ביז א האלב אייל די לאנג. אונ אז ער װערט אלט נאך צװיי יאהר פאלען פון אים ארויס די צװיי ציין אונ עס װאקסען ארויס אנדערע צװיי ציין גרעסערע פון די ערשטע, אונ אזוי איז אלע צװיי יאהר, עס פאלען ארויס די צװיי ציין אונ עס װאקסען ארויס גרעסערע צװיי ציין, ביז די ציין

ווערין לאנג דריי איילין, און גראב ווי די האנד פון א מענטש, איין צאן וועגט א מאהל ביז הונדערט מיט פופציג פונט. און מען מאכט פון די ציין פערשידענע כלים. דער עלפאנד האט א לאנגע נאז, די נאז העננט צווישען די גרויסע ציין און זיא באדעקט אים די מויל. מיט די נאז רייסט ער אוים די גראז פון די ערד און מיט די נאז לייגט ער אריין די גראז אין מויל, ווייל מיט זיין קאפ קען ער גרייכען צו די ערד, ווייל ער איז הויך און זיין האלז איז קורץ. און אז ער וועט זיך לייגען אויף די קניא וועט ער זיך נים קענען אליין אויפהייבען, סיידען מען זאל אים העלפען, און מיט זיין נאז קען ער אויסרייסען בוימער מיט דעם ווארציל. און אז ער ווערט בייז אויף איינעם גוט ער אים א פאטש מיט די נאז ווערט ער גלייך געהרגת, און ער קען אויף זיך טראגען א משא ביז דריי טויזענד פונט. און ער קען גיין אין איין טאג ביז פערציג מייל, און ער קען שווימען אויף דעם וואסער, און ווען ער שווימט האלט ער די נאז איבער די וואסער, ווארום אז די וואסער וועט אים אריין גיין אין די נאז וועט ער דערשטיקט ווערען. אין אפריקא און אין אזיא איז דא א חיה מען רופט איר נאזעהארין, זי איז מיט פיל נאכען גלייך צום עלפאנד נאר זי איז קלענער פון אים. איר קערפער איז אויך זייער גראב און האט קורצע פים גראבע, זי האט אויך אגרויסע נאז לאנג איין איל, נאר אויף איר נאז האט זי א הארען, דער הארען איז לאנג צוויי איילין און איז שארף, א מאהל זענען זיי צוויי הארנער איינער אויף דעם אנדערין, זי עסט אויך גראז און בלאטער פון די בוימער, און לעבט נאר פופציג יאהר. עס איז דא א חיה וואס איר פעל איז זייער גוט און טייער. ווען זי שפירט ביי זיך אז זיא דארף שוין שטארבען, גייט זי ארוים פון וואלד אויף אזוי א ארט וואס מענטשען גייען און ווארט דארט ביז זי שטארבט, ווייל זי וויל מענטשען זאלען הנאה האבען פון איר פעל.

## פרק יז די חיות וואס קענען לעבען אין וואסער און אויף דער ערד

מען רופט זיי אמפיביען, עס זענען דא אזעלכע וואס זענען געבארען אויף דער ערד, און וואס זענען געבארען אין וואסער, איינער פון די חיות איז דער ביבער, אדער קאשטאר, די חיות זענען דא אין איראפא אויך, נאר דאס מערסטע ביבערס זענען אין נארד-אמעריקא אין אזיא אין אינדיע. דער ביבער איז גרוים ווי א שעפס, נאר זיין קאפ איז ווי די קאפ פון א מויז, זיינע ציין זענען זייער שארף, ער קען מיט זיי צוברעכען טענען בוימער, זיינע האנד זענען קירצער פון זיינע פים, די פינגער פון זיינע פים זענען באדעקט מיט א הויט אזוי ווי די פינגער פון א גאנז, ער זאל קענען מיט זיי שווימען אין וואסער. זיין עסען איז דיא שאלאכץ פון יונגע בוימער און בלעטער פון גראז וואס וואקסען אין וואלד און אין פעלד. זייער פעל איז באדעקט מיט דינע האר און ווייכע

אזוי

אזוי ווי זייד א טייל ביבערס זענען שווארצע , א טייל ווייסע , א טייל געפלעקטע , די פעל פון די ביבערס ווערען טייער פארקויפט, דער ווידעל פון דעם ביבער איז ברייט ניט קיילעכדיג ווי ביי אנדערע חיות דער ווידעל איז באדעקט מיט שופען. אונ ער איז לאנג א האלב אייל אינ ברייט א פערטיל אייל אונ גראב ווי דער גראבער פינגער אונטער דעם ווידעל האט ער ווי צ קליינע ביטעל אין אים איז דא א זאפט אונ א פעטקייט , מיט דעם פעטקייט באשמירט ער זיינע האר איידער ער גייט שווימען אין וואסער, די וואסער זאל זיך ניט פערהאלטען אויף די האר, ווייל ער האט מורא או די וואסער וועלען נאס מאכען ער וועט אים זיין קאלט, דעם זאפט פון דעם ביטעל ניצט מען אין די אפטייקען צו מעדיצין, דאס איז ביבערנאל ; זיי לעבען ביז צוואנציג יאהר, יעדערע מוטער געבירט יערעס יאהר צוויי אדער דריי קינדער. עס איז וואונדער צו דער ציילען ווי אזוי די ביבערס בויען פאר זיך א פאלאץ, אין דעם פאלאץ זענען דא פיל שטובין אונ וואהנונגען, אין אנדערע זומער פערזאמלען זיך אויף איין ארט א גאנצע קאמפאניע ביבערס ביז דריי אדער פיר הונדערט, אונ עס בלייבט ביי זיי מען זאל זוכען אליידיגען פלאץ ביי א טייך מען זאל דארטען בויען א פאלאץ מען זאל אין אים וואהנען אגאנצען ווינטער, אונ ווען זיי געפונען ביי א טייך א נוטען פלאץ וואס זיי געפעלט אונ זיי האבען מורא טאמער וועט גרויס ווערען דער טייך וועט די וואסער פארפלייצען זייער פאלאץ, מאכען זיי שלייזען ביי דעם טייך דיא וואסער זאל קענען באלד אפלויפען אויף א זייט, אונ אויב זיי האבען געפונען א נוטען פלאץ ביי א געגראבענעם טייך, וואס דער טייך קען ניט שטארק גרויס ווערען אונ ער וועט זייער וואהנונג ניט פארפלייצען, מאכען זיי ניט די שלייזען, אונ די שלייזען מאכען זיי ביי די גאנצע ברייט פון טייך, אפילו דער טייך איז ברייט ביז הונדערט פוס, די ברייט פון די שלייזען מאכען זיי ביז צוועלף פוס אונ א מאהל נאך ברייטער ווי זיי בארעכענען די שטארקייט פון די וואסער אפילו די וואסער וועט גרויס ווערען אונ זיי וועלען ארויף קומען אויף דעם פלאץ זאלען זיי ניט קענען פארפלייצען זייער וואהנונג, נאכדעם ווי זיי האבען שוין פארשטעלט דעם וואסער, גייען זיי צו דעם פלאין זוכען בוימער, אז זיי זעהן א בוים וואס ער איז געפלאנצט ביי א קוואל וואסער אפילו ער איז הויך ביז צום הימעל אונ גראב ווי א מענטש, שניידען זיי אים אפ אונטען ביי דעם ווארצעל מיט זייערע שארפע ציין אונ ווארפען אים אויף דעם וואסער, אונ אויב דער בוים איז ניט געפאלען אין וואסער שלעפען זיי אים מיט כח ביז אין וואסער אונ פיל פון זיי זעצען זיך אויף דעם בוים אונ מיט זייערע ווידלען אונ מיט זייערע פיס שטויסען זיי דעם בוים ער זאל שווימען ביז צו דעם ארט וואס זיי דארפען אים, אז זיי קומען מיט דעם בוים צום ברעג טייך

שלעפען

שלעפען זיי אים מיט כח פון וואסער אויף דער טריקעניש, אונ מיט זייערע שארפע ציין שניידען זיי אפ פון בוים די צווייגען אונ מאכען דעם בוים א פונדאמענט צו זייער שטוב וואס זיי ווילען בויען, נאכדעם צו טיילען זיי זיך אויף עטליכע טייל, איין טייל גייען ברענגען צווייגען פון בוימער, אונ זיי שניידען בוימער פון וואלד צו מאכען פון די זיילען צו בויען אויף זייער שטוב, איין טייל גראבען טיפע גריבער אונ קעלערס אין דער ערד, אריין צו שטעלען אין זיי די שווערע זיילען, אונ נאך איין טייל שטעלין אריין די זיילען אין די גריבער אונ לייגען גלייך די בוימער פון איין זייל צום אנדערען, אונ איין טייל ברענגען פייכטע ריטער צו פלעכטען זיי פון איין זייל צום אנדערען עס זאל ווערען א וואנט, אונ טייל אין דעם פלעכטונג איז דא לעכער ברענגען זיי זאמד אונ ערד צו באקלעבען די לעכער. אונ זיי ברענגען שטרויא איין צו קנעטען אין די ליים, אונ מיט זייערע ברייטע ווידלען באקלעבען זיי די לעכער מיט די ליים, אונ ווען זיי פלעכטען די ווענט מאכען זיי אין דערהייך גרויסע לעכער דאס זאל זיין פענסטער, אונ אין די שלייזען וואס זיי האבען געמאכט געבען דעם וואסער מאכען זיי אויך פענסטער. אז ווען די וואסער וועט פארפלייצען זאל די וואסער קענען אפלויפען צוריק דורך די פענסטער, אונ ביי דעם בויען באשעפטיגען זיך אלע עס זאל שנעל פערטיג ווערין.

אונ ווי די אויסווייניגסטע ווענט זענען פערטיג געווארען, צו טיילען זיי זיך צו פאמיליען, יעדע פאמיליע בעזונדער בעקומט אשטיקעל פלאץ אינווייניג זיי זאלען פאר זיך מאכען א בעזונדער וואהנונג, אגרעסערע פאמיליע בעקומט א גרעסער ארט א קלענערע א קלענער ארט, עס זענען דא משפחות צו צעהן ביז צוואנציג אין א משפחה, יעדע פאמיליע דאס איז דער מאן מיט זיין ווייב אונ זייערע קינדער וואהנען בעזונדער, שטיל אונ רוהיג, איינער טוהט קיין אומרעכט דעם צווייטען, געוויינליך ווערט אינווייניג געמאכט זיבצען שטיבלעך צו זיבצען פאמיליען, די גרויסע שטוב איז געמאכט קיילעכדיג, די ווענט זענען גראב אונ שטארק, אינווייניג זענען די ווענט באקלעבט מיט ליים, אונ עס איז אלץ געמאכט אזוי נוט גלייך ווי מענשען וואלטען דאס געמאכט, אויף די ערד פון שטוב איז אויסגעשפרייט פיל גראז זיי זאלען האבען ביי נאכט אויף וואס צו ליגען. א מאהל מאכען זיי אין די שטובען דריי עטליי וואהנונגען, אונטערשטע אונ צווייטע אונ דריטע, אונ זיי מאכען צו יעדער שטוב צוויי טירען, איין טיר צו דעם וואסער זייט אונ איין טיר צו די ערד זייט, טאמער קומט א שונא אויף זיי זאלען זיי זיך קענען רעטטין דורך די אנדערע טיר, אונ ווען זיי דארפען טאהן זייער ריינינגונג, גייען זיי צום וואסער וואדום זייער נאטור איז צו וואהנען ריין, אין די קעלערס איז זייערע שפייכלערס דארט פערזאמלען זיי דיא ווייכע צווייגען אונ די ווייכע קארע פון די בוימער, [illegible] זאלען האבען א גאנצען ווינטער צו עסען. [illegible] ווי [illegible] עסען

ני

זיי גיט, נאכדעם ווי אלץ איז פערטיג גייט יעדע פאמיליע אין זיין וואהנונג, אונ לעבען צוזאמען פריינדליך דעם גאנצען ווינטער, אז עס קומט צוריק זומער אונ נייע גראז האט שוין ארוים געוואקסען, פארלאזען זיי דעם וואהנונג אונ גייען צו־זאמען אין די וועלדער, אונ האבען פערגעניגען צו עסען די פרישע גראזען מיט די שיינע בלומען, אונ זיי געכטיגען אין די וועלדער, אונ אז זיי קומען צום אנדערען ווינטער אונ טרעפען דער וואהנונג איז צורוינירט געווארען, קומען נאך א מאהל אלע ביבערס צוזאמען, אונ מאכען די וואהנונג צוריק אין ארדענונג, ווער עס האט גיט געזעהן זייערע וואהנונגען מיט וועלכע חכמה זיי זענען געבאהט געווארען קען דאס גיט גלייבען. עס איז דא נאך אזוי א מין חיה מען רופט איר פ י ש־א ט ע ר. ער איז אביסעל קלענער פון דעם ביבער, אונ זיין ווידעל איז אויך באדעקט מיט ווייכע האר ווי זיין גאנצער קערפער, זיין פעל איז אויך טייער, מיט פיל זאכען איז ער גלייך צום ביבער, ער שווימט שטענדיג אויף דעם וואסער אונ פאנגט פיש צו עסען, געבארען ווערט ער אויף די ערד. נאך א מין חיה אזעלכע איז דא מען רופט איר דער זע ע הו נ ד, ער ווערט געבארען אין וואסער, זיין וואהנונג איז אין צפון זייט אירופא, אויך אין אזיא אונ אין אמעריקא אונ אין איסלאנד אונ אין נארוועגען, לאנג איז ער פון דריי ביז פיר איילין, זיין קערפער איז גראב א אייל אונ אהאלבע, זיין קאפ איז ווי די קאפ פון א הונד, זיין ווידיל איז ווי דער ווידעל פון א פיש, זיינע פיס זענען קורצע אונ ברייטע אן קנעכיל אונ אויסגעקרימט אויף אינטען, זיין פעל איז באדעקט מיט קורצע הארטע האר. די זעע־הונד גייען א מאהל ארויס פון ים אויף דעם אייז וואס איז אויף דעם ברעג זיי זאלען זיך אפקיהלען, זיי קומען ארויס גאנצע קאמפאניעס מיט איין מאהל, אונ שלאפען אויף דעם אייז זעהר זיס, אונ די מענטשען וואס פארען אויף דעם ים מיט די גרויסע שיפען צו פאנגען די גרויסע וואלפיש קומען זיי ארויף אויף דעם אייז אונ שלאגען די זעע הונד מיט גראבע שטעקינס אויף די קאפ אונ הרגנען זיי, אונ וויל זיי ליגען אונ שלאפען אלע צוזאמען איז גרינג מען זאל פון זיי פיל הרגנען, אונ די הונד וואס וועקען זיך אויף, ווי זיי אדערזעהן די מענטשען מיט די שטעקינס, אנטלויפען זיי געשווינד צוריק אין וואסער אונ מען קען זיי שוין גיט חאפען, די הונד ווען זיי זענען אין וואסער פאנגען זיי פיש אונ עסען. אונ די טויטע הונד וואס בלייבען ליגען אויף דעם אייז ציהט מען אראפ פון זיי די פעל אונ מען פארקויפט זיי טייער. עס זענען דא אין ים גרויסע פערד, מען רופט זיי נ ו א ל־ר א ס, זיי ווערען אויך געבארען אין וואסער, אונ זיי זענען צוזאמען מיט די זעע־הונד אויף איין ארט. די פערד זענען גרעסער ווי די פערד וואס זענען אויף דער ערד, אין די אויבערשטע באק האבען זיי צוויי גרויסע קרומע ציין, צו פאנגען מיט זיי די פיש אונ אנדערע בעשעפענישען פון ים,

אמאהל

א מאהל לאזט זיך דאס פערד אראפ טיף אין ים און עסט די גראז וואס וואקסט אויף דעם גרונד, זיין שטימע איז ווי א אקס. עס זענען דא אין ים נוייסע־בערין, זיי קענען לעבען אין ים און אויף דער ערד.

**פרק יח** אין די גאנץ ווארעמע לאנדער אין עגיפטען און אין אראביע זענען דא גאנץ הויכע שטיינער וואס מענטשען קענען ניט ארויף קומען אויף זיי. אויף די שטיינער געפונען זיך נעסטען פון די פייגעל וואס הייסען גייער, דער גרעסטער פון דעם מין איז דער פויגעל גריף, זיינע פליגעל זענען ברייט אכט איילען. די פעדערן זענען גרויס און גראב מען מאכט פון זיי בלים, דער קראפט פון דעם פויגעל איז אזוי גרויס אז ער קען כאפען א שעפס אדער א ציג אין מויל און פליהט מיט אים ביז צו זיין נעסט און דארט צו רייסט ער אים אויף שטיקער און גיט אים צו זיינע קינדער, און אז עס קומען צוזאמען א וועלכע צוויי דריי פייגעל הרגנן זיי א אקס, איין פויגעל שטעכט אויס די אויגען פון דעם אקס און מאכט אים בלינד, דער אנדערער רייסט אויף זיין בויך מיט זיינע נעגיל און ער נעמט ארויס די קישקעס, זיי טרינקען אויס דאס בלוט און עסען אויף דאס פלייש. אויף דעם אינזעל טראפּובּאנה געפונען זיך זייער פיל פון דעם מין פויגעל. דער אדלער, דער גרעסטער מין אדלער זענען די וואס האבען געלע גאלדפארביגע פעדערן, די קלענסטע גאטונגען אדלער זענען די שווארצע, זיי לעבען לאנגער פון הונדערט יאהר, און וואס עלטער ער ווערט שטארקער און געזונדער ווערט ער. דער פויגעל פאלק, ער מאכט זיינע נעסטען אויף די הויכע בערג און אויף די הויכע שטיינער, און די גרויסע שרים לערנען זייערע פויגעל זיי זאלען פאנגען עופות, און זיי האלטען מלחמה מיט עופות פליהענדיג אין דערלופטען, און זיי שטויסען זיי אראפ לעבעדיג ביז צו דער ערד נעבען זייערע שרים, און דאס ווערט גערופען דער פאלקען־יאגט, און די פאלקען וואס זענען געלערנט צום פאנגען עופות ווערען גאנץ טייער פארקויפט, דער רבנו בחיי שרייבט ווען יעקב אבינו האט געשיקט א מתנה צו עשו האט ער אים געשיקט דעם פויגעל פאלק. דער קוקוט מאכט ניט בעזונדער נעסטען, נאר די נקבה לייגט אירע אייער אין דעם נעסט פון איין אנדער פויגעל, און ווען דער קוקוט קומט אין דעם פרעמדען נעסט לייגען זיינע אייער נעמט ער ארויס די אייער וואס ער געפונט אין די נעסט און עסט זיי אויף, און לאזט ליגען זיינע אייער אין די נעסט, און פליהט אוועק, און ווען דיא פויגעל קומט צו דיא נעסט און ווייסט ניט אז מען האט אומגעטאהשט אירע אייער, דערווארעמט זיא די פרעמדע אייער און עס ווערען געבארען יונגע פייגעלעך און זי האט זיי פיינד ווייל זיי זענען פון פרעמדע אייער. דער העבער, ער האט זייער שיינע פעדערן, אויף איר קאפ האט זיא א קרוין פון פעדערן וואס דורך א שרעק ווערט זיא אויפגע־שטעלט אין דערהייך, זי איז גרויס ווי א יונגע טאהב און עס איז פון איר א שלעכטער

שלעכטער ריח. אויך ווערט זי שנעל בייז אויף יעדער זאך וואס איז ניט ווי איר ווילען. די קראפּגאנז, איר וואהנונג איז אין אזיא אונ אין אמעריקא, זיא איז גרויס ווי א געוויינליכע גאנז, אונטער איר שנאביל האט זיא אגרויסען ביימעל וואס זי שלינגט אין אים אריין פיל וואסער מיט פיש אונ שנעקקען, אונ ער ווארפט זיי ארויס אויף די ערד אונ עסט זיי אויף, זייערע נקבות לייגען זייערע אייער צווישען די מוראשקעס אונ צווישען קליינע שרצים, אונ מיט זייער קריכען שטענדיג אויף די אייער ווערען זיי דערווארעמט אונ עס ווערען געבארען די יונגע פייגעלעך, אונ אז די פייגעלעך ווערען עלטער עסען זיי אויף די מוראשקעס. עס איז דא אבשר'ער פויגעל זיין וואהנונג איז אין טערקייא, מען רופט אים יאיקארים, נאר דער ר"י הקדוש ז"ל שרייבט מען זאל אים ניט עסען ווארום עס איז א סכנה, דער וואס עסט אדער ער שאכט דעם פויגעל וועט ער אדער זיין זוהן שטארבען אין דעם יאהר. עס איז דא א פויגעל וואס זיא הייסט די זינגערין, ווען זיא ווערט שוואך אונ האלט ביי דעם שטארבען, גייט זיא ארויף אויף אבוים אונ הייבט אן זינגען מיט א זיסע שטיממע אפרייליכע געזאנג אונ זינגענדיג ווערט איר דער בויך צושפּאלטין אונ שטארבט. דעם פילאזאף סוקראטוס שרייבט, פון דעם פויגעל קענען מענטשען לערנען זיי זאלען זיך ניט מצער זיין אויף דעם שטארבען, נאר אויב דער מענטש האט ערליך געהאנדעלט אויף דער וועלט מיט מענטשען אונ צו גאט, איז דאס שטארבען א גליקליכע זאך פיר דעם מענטש. ווייל ער קומט צו א זיסערעס לעבין ווי דאס לעבען פון די וועלט, דאס גייסטליכע פערגעניגען אהן קערפּער איז גרעסער ווי דאס קערפּערליכע פערגעניגען ווען ער איז מיט דעם גייסט צוזאמען, ווען אויך דער פויגעל האט קיין גייסט צום לעבען, האט גאט אים באשאפען ער זאל שטארבען מיט געזאנג, מענטשען זאלען בעמערקען אז דאס שטארבען קען פריילעכער זיין ווי דאס לעבען). דער שטראך. זומער איז זייער וואהנונג אין נארד-איראפּא, אין ענדע זומער ציהען זיי פאמיליענווייס גרויסע קאמפּאניעס מיט נאך אנדערע מינים פויגעל צוזאמען אין די ווארעמע לאנדער, דארט ווינטערען זיי דעם גאנצען ווינטער, אונ ווען עס פאנגט נאר אן דער פריהלינג קומען זיי צוריק אין איראפּא אויף די זעלביגע ערטער וואס זיי זענען פריער געוועזען, אונ זיי מאכען זייערע נעסטין אויף די הויכע הייזער אונ בוימער; אונ אזוי פירען זיך פיל גאטונגען עופות. דיא שטראם איז גרעסער פון אלע גאטונגען עופות, דער פויגעל מיט זיין לאנגען האלז איז הויך פון פיר ביז פינף איילען אונ וועגט ביז נייגציג פונט. זיי זענען אין אפריקא, בארבריא, אינדיא, די ווילדע ערטער ווי מענטשען גייען ניט, זיין עסען איז געוויקסען אונ גראז, ווען ער איז הונגעריג אונ געפינט ניט גראז שלינגט ער ביינער, אייזען אונ אנדערע מעטאלען אונ גלאז, ער לעבט ביז זיבעציג יאהר, די נקבות לייגען יעדעס יאהר פערציג אייער, יעדער איי וועגט זעקס פונט, אונ

איז

איז גרויס ווי א קאפ פון א קינד, די שאלאכץ פון די אייער זענען גראב און הארט, מען מאכט פון זיי פערשידענע כלים, דער קאפ פון דעם פויגעל איז ווי די קאפ פון א גאנז. דער רד"ק שרייבט דער שטראס-פויגעל ווען ער איז אין דער מדבר שרייט ער שטענדיג מיט א טרויעריגע שטימע. דאס פלייש פון דעם פויגעל איז טריקען ווי האלץ, נאר זייערע נקבות באלד ווי זיי ווערען געבארען ביז עטליכע טעג קען מען עסען זייער פלייש, דאריבער שטייט אין דער תורה מען זאל ניט עסען „בת היענה", די קליינע קינדער (די נקבות) פון די יענה (שטראס), וואָרום די גרויסע דארף ניט די תורה געביטען מען זאל זיי ניט עסען, ווייל מען קען זיי ניט עסען). דער פויגעל האט נאר צוויי פינגער אין יעדער פוס, פליהען קען ער נאר ניט, נאר ער לויפט זייער געשווינד, נאך געשווינדער ווי דער הערש. זייערע נקבות בריהען אוים די פייגעלעך פון די אייער מיט זייערע אויגען, זיא שטעלט זיך געגען די אייער און זיא קוקט אויף זיי אזוי לאנג ביז די הערליכע פייגעלעך קריכען ארוים, פון דעם זעהן מיר דעם קראפט וואס איז דא אין די אויגען, דאס זעלביגע איז אין דיא אויגען פון א מענטש דאס איז עין הרע, אז איינער קוקט אויף א מענטש אדער אויף זיין פארמעגען מיט א שלעכטע אויג טוהט ער אים שאדין, אונזערע חכמים האבען געזאגט א מענטש זאל ניט קוקען אויף זיין חברס פעלד ווען די תבואה איז פערטיג, ווייל זיינע אויגען קענען שאדין מאכען די תבואה, און אונזערע תנאים און אמוראים און אנדערע צדיקים וואס זיי האבען געהאלטין היילג זייערע אויגען האבען זיי געקענט פיל ווירקען מיט זייערע אויגען, אז זיי האבען א קוק געטאהן אויף א רשע האבען זיי אים באלד געטייט, ווי עס שטייט אין פסוק רק בעיניך תביט ושלומת רשעים תראה, די וועסט נאר א קוק טאהן אויף דעם רשע וועסט די זעהן זיין שטראף, דאס איז א מוסר צו מענטשען מען זאל האלטען היילג די אויגען, ניט קוקען אויף זאכען וואס מען טאר ניט און ניט קוקען מיט קנאה אויף מענטשען ניט פארגינען זיי זייער געזונד זייערע קינדער אדער זייער פארמעגען. דער פלעדער-מויז האט פליגעל צום פליהען, ביי טאג בעהאלט ער זיך אין אלטע לעכער ווי ער בעקומט נאר אפינסטערען ארט, און ביי נאכט גייט ער ארוים אויף דער וועלט ווי א גנב און זוכט צו געפונען א נעסט מיט קליינע פייגעלעך צום עסען, און ווי עס קומט ווינטער וויקעלט ער זיך איין אין זיינע פעדערין און שלאפט אגאנצען ווינטער.

## פרק יח אין די גרויסע ימים פיגרען זיך זייער גרויסע פיש וואס זענען לאנג ביז הונדערט איילין און ברייט פופציג איילין, זיין קאפ איז זייער גרויס ביז אדריטעל פון זיין קערפער, ביז דריי און דרייסיג איילין די לאנג, זיין גרעב איז ווי די העלפט פון זיין ברייט, ביז פינף און צוואנציג איילין, ער האט קיין ציין אין מויל, נאר צוויי לאנגע ביינער, איין ביין אין די רעכטע זייט און איין ביין אין

די

די לינקע זייט, די ביינער זענען איינגעשניטען אין דער לענג אונ אין דער ברייט אין פיל צייכונגען, די ביינער רופט מען פיש-ביין. פון דעם פיש-ביין ווערט געמאכט פיל זאכען. אויף זיין קאפ איז דא אבערגיל וואס אינוויינינג איז דא צוויי לעכער, דורך די לעכער שטויסט ער ארויס די וואסער וואס ער שלינגט איין ווען ער עסט די פיש, די וואסער גייען ארויס אין צוויי זיילין, הויך ביז זעקס איילין אונ גראב ווי די האנד פון אמענטש, נאכדעם בייגען זיך איין די זאלען אונ פאלען אריין אין ים מיט אגרויסען רעש, אין קאפ האט ער צוויי אקסענע אויגען, פון איין אויג צום אנדערען איז ווייט זעקס איילין, ער געבוירט לעבעדיגע פיש, אונ זייגט זיי, זיין בלוט איז ווארעם, ער האט א לונג אין בויך צו שעפען פרישע לופט דאריבער קען ער ניט זיין אלאנגע צייט אונטער דעם וואסער. יעדעם יאהר האט ער צוויי גרויסע קינדער ווי אקסען, אונ ווען מען וויל דעם פיש פאנגען, קומט מען מיט אגרויסע שיף צום אייז מעער, צום ארט גרענלאנד וואס דיא אייז איז גראב ביז זעקס אדער ביז זיבען איילען, אויף די גרויסע שיף איז דא זעקס אדער זיבען קליינע שיפלאך, לאוט מען אראפ די שיפלאך אויף דעם ים, אין יעדער שיפעל גייען אריין עטליכע מאטראזען מיט אייזענע שפיזען אין זייערע האנד, יעדע שפיז איז לאנג אהאלב אייל, ביי דעם שפיץ איז ער דרייקאנטיג אונ זייער שארף, אין דעם אנדערען עק שפיז איז דא אלאך וואס דארט איז אריין געצויגען א שטריק וואס ער איז לאנג זעקס הונדערט איילין אונ גראב ווי אפינגער פון א מענטש, דער אנדערער עק שיף איז אנגעבונדען צו די קליינע שיפול, אזוי איז געמאכט ביי יעדער קליינע שיפול, אונ די שיפלאך שווימען אויף דעם ים אונ זוכען דעם וואלפיש, אונ ווי איינער דערזעהט דעם פיש ווארפט ער אויף אים מיט גרויסע שטארקייט דעם שפיז, אונ די שפיז גייט וואס אמאהל אריין טיפער אין זיין פלייש, אונ פון זיינע גרויסע שמערצען לאזט ער זיך אראפ אונטער דעם וואסער, אונ ווייל ער מוז שעפען דעם לופט קען ער ניט זיין לאנג אונטער דעם וואסער אונ ער שווימט באלד צוריק ארויף, אונ אמאהל טרעפט אז דער פיש שלעפט צו זיך דאס קליינע שיפול דורך דעם שטריק וואס איז אין איהר אנגעבונדין, אויך טרעפט אז דער פיש לויפט ארונטער אונטער דעם אייז, אונ ווייל מען האט מורא מאמער וועט ער מיט שלעפען די שיפול אונטער דעם אייז, מוז מען אפ-שניידען דעם שטריק, דאמאלס איז שוין פארלארען דער פיש אונ די שטריק, אויף דעם ארט וואס דער פיש ווערט געשטאכען, גייט ארויס אזוי פיל בלוט אז א שטיק ים ווערט רויט, אונ אויב דער פיש לויפט ניט ארונטער אונטער דעם אייז אונ ער בלייבט טויט, שווימט ער אויף דעם וואסער מיט דעם בויך ארויף, דאמאלס קומט צו אים די גרויסע שיף אונ מען בינט אים צו די שיף מיט אגראבען שטארקען שטריק, אונ די מאטראזען מיט די קליינע שיפלאך שיפען זיך צו איהם,

אונטער זייערע שטיפעל זענען דא שפיציגע טשוועקעס זיי זאלען זיך ניט ארויסגליטשען פון דעם פיש, ניי עפענען זיין בויך מיט העק און נעמען ארויס פון אינווייניג די פעטס, וואס ווערט געקאכט און דיסטעלירט, דאס איז דער טראן, דער פיש-טראן ווערט בענוצט צו פיל זאכען, מען קען אים בריינגען אין אלאמפ, מען קען אים טרינקען צו ארפואה, מען מאכט מיט אים ווייך די לעדער אהאל נעמט מען ארויס פון דעם פיש הונדערט פעסער טראן. מען נעמט ארויס די ביינער פון זיין מויל און פון זיין ווידעל, דאס איז דער פיש-ביין נאכדעם נעמט מען ארויס זיין צונג, זיין מויל איז אזוי ברייט אז מען קען זיך אריין שיפען מיט אקליינע שיפעל, נאר זיין האלז איז אינווייניג זייער ענג, דאריבער עסט ער נאר די קליינע הערינג פיש. נאך איין מין פיש איז דא אין דעם גרויסען נארד-מער און אין מיטעלענדישען-מער, דעם פיש רופט מען הא-יפיש. זיי האבען אגאנץ ברייטען האלז, זיי קענען איינשלינגען אמענטשען אדער א לעבעדיגע בהמה מיט איין מאל, זיי שווימען נאך די שיף טאמער וועט עטוואס צאפ פאלען פון די שיף אין ים וועלען זיי דאס איינשלינגען, אפילו קליידער און זאק וואס פאלט אריין אין ים שלינגען זיי איין, די פיש זענען גרויס ווי די אקסין און עס זענען דא נאך גרעסערע פון אקסען אויך, געבוירען זיי לעבעדיגע קינדער, דער שבט מוסר שרייבט, עס איז דא אבעשעפעניש אין ים אז זיא זעהט איינער וויל נעמען אירע קינדער שלינגט זיא אים איין און שווימט אוועק מיט אים ווייט אויף דעם ים און דארט לאזט זיא אים ארויס פון מויל לעבעדיג און זיא שווימט צוריק צו אירע קינדער, און אויב די בעשעפעניש איז אפיש, קען זיין אז דער פיש האט איינגעשלינגען דעם נביא יונה. דער אפודי שרייבט, עס איז דא א מין פיש וואס יעדען פרייטיג פארין נאכט שווימט ער ארויס פון ים און בלייבט ליגען אויף דעם ברעג ים ביז מוצאי שבת, און אז מען מאכט אקלייד פון זיין הויט קען ניט דורך גיין קיין פייל און קיין שפיז. אין דעם נארד מעער נעבען גרעגלאנד איז דא אמין פיש וואס מען רופט אים דער זעגפיש. ער איז לאנג ביז אכט איילין און גראב איין איל, אויף זיין קאפ גייט ארויס אביין וואס איז לאנג דריי איילין און ברייט איין פערטיל אייל און איז ווי א זעג פון ביידע זייטען, און ווער עס קומט צו אים שלעכטס טאהן שלאגט ער אים מיט דיא זעג, און וואס ער פאנגט צו שניידט ער מיט די זעג אויף שטיקער צום עסען. נאך איין מין פיש איז דא, מען רופט אים דער האמער-פיש, ווייל ער האט אויף זיין קאפ איין האמער צו שטויסען די וואס קומען אים שלעכטס טאהן, אין מזרח זייט מעער איז דא א מין פיש מען רופט אים קאשעלאט-פיש ער איז גרויס בענויא ווי דער וואלפיש, זיין קאפ איז לאנג ביז זיין האלבען קערפער, און האט קליינע אויגען, דורך דעם לאך וואס איז איבער זיינע אויגען שעפט ער

אין

אין זיך דעם לופט אונ שטויסט ארויס די וואסער וואס ער שלינגט איין. אונטען געגען נאקען נייען ארויס ווי צווי ביינער יעדער איז לאנג א איל, זיין מויל אונ זיין האלז איז זייער ברייט, ער קען איינשלינגען א גאנצען אקס מיט איין מאהל. אין די אונטערשטע באק האט ער צוויי אונ דרייסיג ציין, יעדער צאן איז לאנג א האלב איל, אונ גראב ווי די האנד פון א מענטש. ער שווימט א מאהל אריין אין אנדערע ימים אין איראפא, מען זאגט אז דער פיש האט איינגעשלינגען דעם נביא יונה. זיין מוח איז זייער גרויס אונ פיל מיט שיטערע פעטס, אונ אזוי ווי מען נעמט נאר ארויס די פעטס פון מוח ווערט ער באלד פארגליווערט. פון דעם פעטס מאכט מען ליכט צום ברענען אונ מען בענוצט אים צו מעדיצין. נאך איז דא א מין פיש מען רופט אים דער מענטש ען־פרעסער, ער איז לאנג צוועלף איילין אונ גראב פינף איילין, זיין האלז איז גאנץ ברייט ער קען אריין שלינגען א פערד אדער א אקס ער זאל זיי גיט דארפען צו קייען. עס האט א מאהל געטראפען אין מיטלענדישען מער איז א מענטש אראפגעפאלען פון די שיף אין ים אין איין רגע איז שוין געקומען דער פיש אונ האט אים איינגעשלינגען, אונ מען האט באלד געשאסען אויף אים מיט א הארמאט, האט ער ארויס געווארפען צוריק דעם מענטש פון זיין מויל אין וואסער לעבעדיג, האט מען געשווינט צו אים געווארפען שטריק אונ מען האט אים ארויס גענומען לעבעדיג פון וואסער אין די שיף אריין, אונ מען האט נאך געיאגט דעם פיש אונ מען האט אים געהרגעט. דער שיף־קאפיטאן האט געשענקט דעם פיש א מתנה צו דעם געראטעטען מענטש; דער מענטש איז געפארען מיט דעם פיש אין גאנץ איראפא מען זאל זעהן דאס וואונדערליכע בעשעפעניש, דער פיש איז געווען לאנג צעהן איילין, ברייט פיר איילין, געוואגען האט ער צוויי הונדערט פיר אונ צוואנציג פונט, אונ האט זעקס פראנגען ציין אין מויל. אין דעם מיטלענדישען ים איז דא א מין פיש מען רופט אים דער ציטער־פיש, ער איז צו בעוואונדערן, גרויס איז ער דריי פערטיל איל, ברייט א האלב איל, אז א מענטש רירט אים אן מיט די האנד אדער אפילו מיט א שטעקען, פאלט א שרעק אונ א ציטערניש אויף דעם מענטש, אונ דער גליד וואס האט אים אנגערירט הייבט אן צו ציטערין, אונ דאריבער ווערט דער קליינער פיש גערעטעט פון אלע חיות וואס זענען אין ים אונ פון אלע גרויסע פיש וואס פאנגען די קליינע פיש אונ עסען זיי, ווייל זיי קענען אים ניט אן רירען; די פיש לעבען שטענדיג אין וואסער זומער אונ ווינטער אונ דארפען קיין שלאף, אונ אז דער שלאף נייטיגט זיי שטארק, איז פאר זיי גענוג איין מינוט צו שלאפען מיט אפענע אויגען. עס איז דא נאך א מין פיש מען רופט אים פיש־אאל, ער זעהט אויס ווי א שלאנג נאר זיין קאלער איז ניט ווי א שלאנג, דער מין פיש איז דא בעינוי אין אלע טייכען, ער איז לאנג איין איל, גראב איז ער דריי פינגער, ער געבירט

לעבענרינע

לעבעדיגע קינדער. אמאהל קריכט ער ארויס פון וואסער אויף דער ערד אונ זוכט וואס צו עסען, נאך איז דא א מין פיש אין דעם גרויסען מעער אין כונה זיין וואס מען רופט איהם דער שווערד-פיש, ווייל אויף זיין קאפ איז דא א שארפער לאנג דריי איילן, אונ ברייט איין פערטיל איילן, מיט דעם ביין האלט דער פיש מלחמה מיט די וואס ווילען איהם פאנגען אונ ער שטעכט זיי, דיין שפייז פאנגט ער מיט זיין מויל. אונ ער האט פיינד דעם וואל-פיש, אז ער טרעפט איהם שטעכט ער איהם אויך מיט זיין שווערד. אמאהל פארזאמלען זיך פיל שווערד-פישען ארום דעם וואלפיש אונ הרגען איהם ווייל זיי שווימען געשווינד אונ ער קען ניט אנטלויפען פאר זיי ווייל ער איז גאנץ גרויס, אונ זיי האבען ליב צו עסען זיין פעטען קערפער. דער שווערד-פיש איז לאנג צעהן איילן אונ ברייט איין איילן. עס איז דא נאך א מין פיש מען רופט איהם דער פליגענדער-פיש, ווייל ער האט אויף זיין ברוסט זעגען לאנג אויך ברייט איין פערטיל פעדערען וואס ער האט אויף זיין ברוסט זענען לאנג אויך ברייט איין פערטיל איילן, זיין קערפער איז לאנג דריי פערטיל איילן, אונ אויב מען וויל איהם פאנגען הייבט ער זיך ארויס פון וואסער אונ פליהט גאנץ הויך מיט זיינע פלום פעדערען, אונ אז די פלום פעדערען ווערען טריקען, פאלט ער צוריין אין וואסער אונ מאכט זיי נאס אונ פליהט נאך אמאהל גאנץ הויך ביז די פלום פעדערען ווערען נאך א מאהל טריקען. דערווייל גייען אוועק זיינע שונאים; זיין וואהנונג איז אין אסט-אינדיען אונ אין אמעריקא אונ אין מיטלענדישען ים. עס איז דא א פיש מען רופט איהם קנור-פיש, ווייל ווען מען פאנגט איהם שרייט ער קנור קנור, ער געפונט זיך אין דער נארד-זעע אויך אין דעם טייך עלבע. עס איז דא א מין פיש מען רופט איהם זיימע-שווימער, אנדערע רופען איהם שאללען אדער בוטען, ער איז גאנץ ברייט אונ דין, אויף איין זייט איז ער שווארץ אונ אויף איין זייט איז ער טייס ווי שניי, ער איז בעשאפען אנדערש פון אלע לעבענדיגע זאכען, ער האט זיינע בײדע אויגען אין קאפ אויף איין זייט, אונ ער קען ניט שווימען אויף דעם בויך נאר אויף א זייט, א טייל האבען זייערע אויגען אין קאפ אויף די רעכטע זייט, זיי שווימען זיי אויף די לינקע זייט, א טייל האבען זייערע אויגען אין קאפ אויף די לינקע זייט שווימען זיי אויף די רעכטע זייט. זייער ברייט איז שטענדיג העלפט פון זייער לענג, מעהר געפונען זיי זיך אין האלאנד אונ זיי זענען כשר צום עסען. די הערינג זענען אין איין מעער אין דעם ים קענען ניט קומען מענטשען ביז שיפען. זיי וועלין שטארבען פון קעלט, אונ ווייל די פיש האבען ניט דארפען פון מאגען זיך צו דערנערין, דאריבער יעדער יאהר אין אנהייב זומער ציהען אוועק פון דעם ים פיל טויזענדער הערינג צו זוכען עסען אונ זייא פארשפרייטען זיך אין פיל ימים אונ טייכען, אונ דארטען ווערען זיי געפאנגען, מען געפינט זיי אין נארוועגען, ענגלאנד, האלאנד, די האלענדער מענטשען פאנגען די גע-אלצענע

פיש

פיש אויף דעם אינזעל שאטלאנד ביז צוויי מיליאן פעסער א יאהר. ווען די פיש זענען אין די פעסער זאלצט מען זיי אונ מען שיקט זיי אין איראפא צו פארקויפין. די שאטלענדער הערינג זענען די בעסטע. ווייל זיי זענען גיט ווייט פון דעם אייזמעער אונ זענען נאר עטליכע טאג געשוויכען זענען זיי ניט אפגעמאטערט געווארען אונ זענען נאך פריש אונ פעט, דער מין פיש ברוכטבארט זיך מער פון אלע מינים פיש. ווארום אויסער דעם וואס זיי ווערען פארקויפט יעדעם יאהר מיליאנען, ווערין זיי פיל פארצערט אין ים פון די גרויסע פיש.

## פרק יט דער שילדקרעט, זייער וואהנונג איז אין אזיא אונ אין אפריקא אונ אין אמעריקא אונ אין אנדערעווארעמע לאנדער, זיין גאנצער קערפער

איז באדעקט מיט צוויי הארטע שאלאכצער ווי הארין, אונ דער גאנצער שילדקרעט ליגט אין די שאל אונ קען ניט ארויסקריכען, נאר זיין קאפ אונ די פיס קען ער ארויס שטעקין אונ אריין נעמען אין דיא שאל, יעדעם יאהר האט די נקבה ביז ניינציג אייער אונ זי בעהאלט זיי אין זאמד ביי דעם ברעג טייך אונ זיא גייט אוועק פון זייא, צו ענדע זעקס וואכען קומט זי צו דעם ארט וויא זיא האט די אייער בעהאלטען אונ זי טרעפט לעבענדיגע קינדער, ווייל די זונן האט רערוואַרעמט די אייער אונ פון אלע אייער זענען געבארען געווארען די יונגע שילדקרעטליך, אונ די מוטער פרייד זיך זעהר מיט אירע קינדער אונ זי נעמט זיי מיט זיך אונ אלע גייען זובען עסען. שילדקרעטין זענען רא צווייערליי, א טייל זענען דא וואס ערציהען זיך אין וואסער, אונ די פינגער פון זייערע פיס זענען באדעקט מיט א דינע הויט (ווי ביי א גאנז) זיי זאלען גרינג שווימען, אויף דער ערד קענען זיי ניט גיין מיט זייערע פיס נאר זיין קריכען לאנגזאם מיט דעם בויך, זייער עסען איז פיש אונ ווערים. אונ א טייל שילדקרעטין זענען דא וואס זיי ערציהען זיך אויף דער ערד אונ גייען מיט די פיס אונ זיי עסען גראז אונ אנדערע געוויקסען פון פעלד, אויך זענען דא קליינע שילדקרעטין ווי אפויסט פון די האנד, אונ זיי וואקסען ניט גרעסער, אונ עס זענען דא שילדקרעטין וואס זענען גרוים ווי אקסין יעדער וועגט ביז פיר הונדערט פונט. די הארטע שאלען פון זיי זענען גרוים ווי א טויער, מען מאכט פון זיי פערשידענע כלים, אונ אז מען וויל זיי פאנגען, קומען עטליכע מענטשען פון אינטען מיט לאנגע שטעקינס אונ טוהען אים א שטארקען שטויס אונ אז ער פאלט אנידער איז ער שוין געפאנגען, ווייל ער קען זיך ניט אויפהייבען, אונ אויב די מענטשען איז ניט געראטען זיי זאלען אים אומווארפען מיט דעם ערשטען שטויס, זענען זיי אין א גרויסע סכנה ווייל ווי ער האט נאר בעמערקט אז מען וויל אים פאנגען ווארפט ער אויף די מענטשען שטיינער אונ זאמד מיט גרויס געשווינדיגקייט אונ מיט גרויס שטורעם ביז ער הרג'ת זיי. די שילדקרעטין לעבען ביז צוויי הונדערט יאהר. זייערע אייער זענען

גרוים

גרויס ווי א קאפ פון א קינד. עס איז דא נאך א מין שילדקרעט מען רופט איהם ריזען־קרעט, יעדער וועגט ביז אכט הונדערט פונט. ער קען טראגען אויף זיך צעהן מענטשען אונ לויפען שנעל מיט זיי. יעדע נקבה געבוירט ביז צוועלף הונדערט אייער יעדעס יאהר, יעדעס איי איז גרויס ווי א קאפ פון א קינד; ביי זיי זענען דא קליינע קרעטין וואס ליגען אויך אין צוויי שאלען. זייערע שאלען ווערען גערופען פעריל־מושיל אדער פערול־מוטער, אין די קאפ אויך אין בויך פון די ריזענקרעטין געפינט מען א מאהל פעריל, די פעריל איז ביי זיי א קראנקייט [אזוי ווי עס טרעפט א שטיין ביי א מענטש אין בויך] אונ זיי שטארבען דורך דעם. די פערול נעמט מען ארויס מיט דעם מויל ניט מיט די האנד. ווייל דאס אנריהרען פון די האנד מאכט איהם גלייך גרין, דער קונסטלער וואס לעקערט זיי מוז זיין זעהר פארזיכטיג זייא זאלען ניט צו בראכען ווערען. דיא שילדקרעטין געפונען זיך אין דיא ימים וואס זענען אין אזיא.

**פרק ב** אין דעם מין שלאנגען זענען דא קליינע אונ גרויסע, עס זענען דא שלאנגען גיפטיגע אונ אהן גיפט, די שלאנגען וואס זענען אין די מזרח לאנדער האבען קיין גיפט. אין אירופא איז דא א מין רינגעל־שלאנג, ער האט קיין גיפט, אונ מענטשען געוויינען איהם צו ליגען ביי זיי אין שויס אונ אין בוזעם אונ ער טוהט קיין שלעכץ, מען נוייזט דאס אין די זאלאגישע פארשטעלונגען פאר א וואונדער, אבער דאס איז קיין וואונדער, ווייל זייא האבען קיין גיפט; אלע שלאנגען האבען אויערין אונ העריז פון גאנץ ווייט. זייער צונג איז געשפאלטין אין צוויי טייל, ווי עס וואלט געווען צוויי צונגען. זייערע ציין זענען שארף אונ צווישען זיי ליגט דער גיפט. זיי צו קייען ניט זייער עסען גאר שלינגען. עס אין גאנצען אריין, אונ די גרויסע שלאנגען קענען אראפשלינגען דאס בעשעפעניש וואס זיי פאנגען אפילו עס איז גרעבער פון זייער האלז, ווייל זייער האלז אונ צייער בויך איז ווי א גומע אונ ציהען זיי אויס ווי ברייט זיי ווילען. זיי עסען גראז פרוכטען, אונ לעבענדיגע זאכען, אז זיי זענען שטארק הונגעריג עסען זיי ערד, די אייער געבוירען זיי אויף די מיסט, אונ זיי זענען צוזאמען געקלעבט ווי די אייער פון פיש, אונ וואס עלטער די שלאנגען זענען ווערען זיי גרעסער אונ שטארקער, מעהרסט שלאנגען שלאפען דעם גאנצען ווינטער אונ אין פריהלינג וועקין זיי זיך אויף פון שלאף. עס איז דא אין אפריקא אונ אין אמעריקא א מין קלאפער־שלאנג, זיין לענג איז דריי איילין, גראב איין פויסט, אויף זיין ווידעל איז דא דרייסיג שופען ווי א פאנצער, אונ אז א לעבעדיגע זאך קומט נאהנט צו איהם קלאפט ער מיט דעם ווידעל, די נאטור האט נאט ברוך הוא געגעבען אין דעם שלאנג ווייל ער האט רחמנות אויף זיינע באשעפעניש, ווארום דער שלאנג איז זייער געפערליך, אז ער פאנגט א בהמה אדער א מענטש שלינגט

ער

ער אים אריין, אין איין מינוט, אונ ווייל עס קען פיל מאהל טרעפען אז דער
מענטש אדער דיא בהמה זאלען ניט אכטונג געבען אז אויף דער ערד ליגט א שלאנג
אונ זיי וועלען גיין נעבען איהם וועט ער זיי באלד איין שלינגען, דאריבער האט
גאט ברוך הוא געמאכט ווי דער שלאנג דערזעהט פון ווייטען א לעבעדיגע זאך
הייבט ער אן קלאפען מיט דעם ווידעל, ווייסט מען אויס צו מיידען זיין וועג.
אונ ווען דער שלאנג דערזעהט א קליינע באשעפעניש אדער א פויגעל איז ניט ווייט
פון איהם, עפענט ער זיין מויל אונ גיט אויף זיי א בלאז ווערען זיי באלד פערשמאכט
אונ זיי לויפען אהין אונ צוריק ווי משוגע אונ זיי לויפען אריין לעבעדיג אין זיין
אפין מויל, ווייל זיינע אויגען ציהען זיי צו איהם ווי א מאגנעט; דער שלאנג
מיטעט קיין באשעפעניש נאר ווען ער איז שטארק הונגעריג, עס טרעפט פיל
מאהל אז א מענטש ליגט אויף דער ערד אונ שלאפט אונ א שלאנג קריכט אויף
איהם אונ ער טוהט איהם גארניכט, ווייל ער איז ניט הונגעריג. אין אסט-אינדיען
איז דא א מין ברילען-שלאנג וואס איז לאנג ביז צעהן איילין אונ גראב איין
פערטיל איל, זיין גיפט איז שטארקער פון דעם גיפט פון אלע שלאנגען, אויף
זיין קערפער איז דא פלעקין וואס זעהן אויס ווי ברילען. עס איז דא אין אסט-
אינדיע א מין ריזען-שלאנג וואס איז לענגער פון אלע שלאנגען, זיין לענג איז
סופצעהן איילין, אונ גרעבער ווי א מענטש, ער שלינגט איין א גאנצען הערש
אדער א אינד מיט איין מאהל, אונ ער איז אזוי שטארק צו הרגנען א לייב אונ א אקס,
ווען זיי קומען נאהנט צו איהם, עפענט ער דאס מויל אונ גיט אויף זיי א בלאז מיט
זיין אטעם ווערען זייא באלד פארמישט אונ קענען ניט אנטלויפען, קריכט ער
ארויף אויף זיי אונ רינגעלט זיי ארום מיט זיין קערפער אונ צוברעכט זיי אונ עסט
זיי שטיקערווייז, אונ א מאהל שלינגט ער זיי איין אין גאנצען, ער האט קיין גיפט,
די אינדיאנער פאנגען די שלאנגען אונ הרגנען זיי אונ עסען זייער פלייש, אונ
זייערע שיינע געפארבטע פעל פארקויפען זיי זעהר טייער; די שלאנגען ציהען
יעדעם יאהר אראפ פון זיך זייער פעל אונ עס וואקסט צוריק א נייע פעל, אונ די
פעל איז א סגולה פאר א אשה וואס איז מפיל קינדער, זיא זאל אריין לייגען די
פעל אין א טוך, אונ זאל מיט דעם טוך ארומוויקלען דעם בויך אין די גאנצע
ניין חדשים וואס זיא איז מעוברת וועט זיא ניט מפיל זיין. אין עניפטען איז דא
א מין פייפער-שלאנג, ער לייגט ניט אייער נאר ער געבירט לעבעדיגע קינדער,
אונ זיין פלייש ווערט בענוצט אין די אפטעקען צו מעדיצינען. עס איז דא א מין
נאטער-שלאנג וואס געבירט אייער. אונ ער זוכט גאר אריין צו גיין אין א
שטאל פון בהמות, זיין עסען איז גראז אונ ווערעם, א טייל פון זיי האבען א
קיילעכדיגען ווייסען שטריך ארום האלז, זיין הויט איז גראה ווי אש, אונ א שווארצער
שטאהלער פאס ווי א פאדים איז געצויגען איבער זיין גאנצען רוקען פון קאפ ביז
צום

צום ווידעל און ער טוהט קיין שאדין צו מענטשען, אין אסט-אינדיע איז דא א מין עגדים וואס קען פליהען, ער איז אין גאנצען גלייך צו די עגדעסען פון אונזערע לאנדער, נאר ער האט צוויי פליגעל פון הויט, מיט די פליגעל שפרינגט ער פון די ערד אויף א בוים און פון איין בוים אויף דעם אנדערן בוים. נאר פליהען אין דערהייך ווי א פויגעל קען ער נים. אין וואסער נילוס און אין מזרחים ביי דעם טייך נילוס איז דא א מין גרויסער און געפערליכער עגדים [קראקאדיל] וואס שלינגט אן מענטשען בהמות חיות, ער שווימט אין וואסער און גייט אויף די ערד, ער איז זעהר שטארק און עס איז שרעקליך צו קוקען אויף אים, לאנג איז ער צוועלף איילין, פארונט געבין די ברוסט איז ער ברייט איין אייל און געגען ווידיל איז ער ברייט איין האלב אייל, זיין ווידעל איז לענגער פון זיין גאנצען קערפער, יעדער פוס האט דריי פינגער מיט גרויסע שארפע נעגיל וואס ער צוריסט מיט זיי וואס ער פאנגט, יעדע נקבה לייגט יעדעס יאהר פופציג אייער, זיא בעהאלט זיי אין זאמד ביי דעם ברעג טייך, און די זון דערוואראעמט זיי ביז עס ווערט פון זיי געבארען די קליינע קראקאדעלין, און ווייל גאט ברוך הוא האט רחמנות אויף זיינע בעשעפעניש זיי זאלען נים פארלענדען ווערען פון די געפערליכע קראקאדעלין האט ער באשאפען אזוי א מין מייז וואס זיי האבען ליב די אייער פון די קראקאדעלין, און זיי גראבען אוים די אייער פון דעם זאמד און עסען זיי; די קראקאדעלין לעבין ביז פופציג יאהר, זיי עסען גראז און שלאנגען און עגדיסען און נאך אנדערע לעבעדיגע זאכען, און אז דער קראקאדעל פאנגט א אקס אדער אפערד אדער זיין אנדערע גרויסע בהמה אדער אגרויסע חיה, צוריסט ער אים אין איין מינוט און עסט אים אויף אין גאנצען, און אז ער זעהט פון ווייטען א מענטש גייט, לייגט ער זיך צווישען דעם גראז און בעהאלט דעם קאפ און רירט זיך נים נאר ער ליגט ווי אשטיק האלץ און פון ווייטען מיינט מען אשטיק האלץ ליגט ווייל זיין קאלער איז ווי א בוים פון וואלד, און אז ער שפירט פון די טריט אז דער מענטש איז נאנט פון אים גיט ער זיך פלוצלונג אהייב אין דערהייך און שפרינגט ארויף אויף דעם מענטש און הרג'ת אים, און אויב מיט דעם שפרונג איז ער נאך נים געקומען צום מענטש, גיט ער אים א פאטש מיט דעם ווידעל און הרג'ת אים באלד. עס איז דא א מין עגדים מען רופט אים קאמעלעאן, זיין פעל איז קלאהר ווי א שפיגעל, וועלכער מענטש אדער וועלכע זאך מען שטעלט געגען אים זעהט מען דאס אויף זיין הויט אזוי ווי מען זעהט אין א שפיגעל, די זאך איז זייער וואונדערבאר צו זעהן. אויב א עגדים האט געטאהן אביס אמענטש, איז די רפואה מען זאל דעם עגדים הרג'ען און אים לייגען אויף דעם ארט פון דעם ביס.

**פרק כא** עס זענען דא פיר יסודות [פונדאמענטין] פייער, וואסער, לופט, ערד, פון די פיר יסודות זענען באשאפען געווארען אלע באשעפעניש, נאר

עס

עס זענען דא באשעפעניש וואס אין זיי איז דא איין יסוד מער ווי די איבעריגע דריי יסודות, אמייל האבען אין זיך פייער מער, אמייל האבען אין זיך לופט מער, אדער וואסער מער, אדער ערד מער, אבער אלע פיר יסודות האבען זיי אין זיך, דאס איז ביי די גרויסע באשעפעניש, עס זענען אבער דא קליינע באשעפעניש, וואס זיי ווערען באשאפען פון איין יסוד אליין, פון וואסער אליין, אונ פון פייער אליין, אונ פון לופט אליין, אונ פון ערד אליין. אמת גישט יעדע ערד גיבט פון זיך ארוים באשעפעניש, אונ גישט אלע וואסער אונ גישט אלע פייער אונ גישט אלע לופט, נאר ברוך הוא האט אבער צו טיילט די באשעפעניש זיי זאלען באשאפען ווערען יעדער מין אויף זיין ארט, ווי די גמרא זאגט עס איז דא א מין מייז וואס זיי ווערען באשאפען נאר פון די ערד, אונ זיי זענען נים געבארען געווארען פון א לעבעדיגע זאך נאר פון די ערד אליין, אונ זיי זענען העלפט ערד אונ העלפט פלייש. אונ אז מען ברענט פייער זיבען יאהר אויף איין ארט ווערט באשאפען א חיה וואס זי הייסט סלמנדרא, אונ עס זענען דא גאנץ קליינע באשע־פעניש וואס זיי ווערען באשאפען פון וואסער אליין, אדער פון די לופט אליין, אונ עס זענען דא ווערים וואס ווערען באשאפען פון עסענוואַרג, אונ פון משקה וואס איז געווארען קאליע אדער זויער, אונ עס זענען דא לייז וואס ווערין באשאפען אויף דעם מענטש פון זיין שוויים, עס זענען דא טויזענדער מינים באשעפעניש וואס עס איז ניטא א מענטש אויף דער וועלט זאל וויסען צו וואס זיי זענען באשאפען געווארען וועלכען ניצען זיי ברענגען אויף דער וועלט, דאס ווייסט נאר נאט אליין, ער האט זיי באשאפען אונ ער ווייסט צו וואס ער האט זיי באשאפען אונ ער שפייזט זיי, אונ די נאטור פארשער האבען געגעבען א צאהל צו די קליינע באשע־פעניש, זיי זאגען עס זענען דא פערציג מינים לייז, אכטצעהן מינים מילבין, הונדערט מינים מיקען, הונדערט צוואנציג מינים פליגען, הונדערט ניין אונ פערציג מינים האר גיספליגען, עס זענען דא א זעלכע באשעפעניש וואס די אויגען קענען זיי נים זעהן, נאר אז מען קוקט דורך א פארגרעסער גלאז קען מען זיי זעהן, אונ אלעם לעבט אונ ווערען געשפייזט, אונ מיר וויסען נים פון וואס זיי ווערען געשפייזט, אונ נים ווי אזוי זיי ווערען געשפייזט, איין כלל מוזען מיר זאגען אזוי ווי צו נאט ברוך אליין איז קיין ענדע אזוי איז קיין ענדע צו זיינע באשעפעניש, אונ עס איז צו בעוואונדערין ווי אזוי איין אייכען־בוים שפייזט מיט זיינע ווארצלען אונ מיט זיין האלץ אונ מיט זיין שאלאכין אונ בלעטער, אונ בליהונג אונ פרוכטען, דריי הונדערט גאטונגען באשעפעניש, אונ דער גראז וואס מען רופט איהם ברענגעססלין אדער קראפאווי ווערין פון איהם געשפייזט זעכציג מינים באשעפעניש, אונ אזוי איז באשאפען פאר יעדער מין זיין שפייז וואס ער האט ליב, נאך מער איז צו בעוואונדערין די מענטשען וואס האקין די גרויסע

שטיינער

שפרינגער גערופן אמאהל אין מיטן שטיין צווישן לאך וואס איז אים געווען דא לעבעדיגע זשאבעס. די שפרינגען ארויס מיט א געשריא און שפרינגען ארויס אויף דער ערד, ביז יעצט איז געווען דער שטיין פארמאכט פון אלע זייטן, פון וואס האבן זיי געלעבט? ווי האבן זיי גענומען שפייז? ווי האבן זיי גענומען לופט? זעהן מיר דאך אז גאט ברוך הוא האט דארט אויך געקענט דערהאלטן זייער לעבן. עס זענען דא באשעפעניש וואס זענען מיט אין דער ערד און גאט ברוך הוא שפייזט זיי דארטן אויך. פון די באשעפעניש דארף דער מענטש זיך לערנען ער זאל האבן בטחון צו גאט מיט זיין פרנסה, און זאל נישט פערשווינדן זיין מענשליכע עהרע צו ליעב דעם שטיקעל ברויט, דער מענטש דארף נישט זיצן ליידיג, ער דארף האנדלען אדער ארבעטן נאר אלץ מיט ערליכקייט, אלץ מיט אמת, ער דארף געבן צדקה, הכנסת אורחים, און נישט צו פיל זארגן אויף מארגן און אויף נאך שפעטער. ווי מיר זעהן די מילבן זאמלען זייערע אסך פיל תבואה אין נישערע גריבער זיי זאלען האבן צו עסן דעם גאנצן ווינטער, און אז עס קומט אנהייב ווינטער ווערן זיי אנשלאפן און שלאפן אזוי שטארק ווי זיי וואלטן געווען טויט, און וועקן זיך אויף אנהייב זומער און די תבואה וואס זיי האבן פארזאמלט אין די גריבער זענען פארפוילט געווארן. זעהן מיר אז א מענטש דארף נישט אזוי פיל פארזארגן אויף שפעטערדיגע צייט, נאר ווי דער הייליגער תנא הלל האט געזאגט ברוך ה' יום יום, מען זאל לויבן גאט ברוך הוא אלע טאג פאר דעם זעלבן טאג. עס איז דא א קליינער ווארעם וואס רופט זיך מאדע, ער לייגט זיינע אייער אויף וואלענע קליידער און אויף פוטערס. פון די אייער גייען ארויס ווערעם און זיי מאכן גרויסע שאדנס אין די קליידער און אין די פוטערס, אז די ווערעם ווערן גרעסער בעקומען זיי פיר קליינע פליגעלעך צום פליהען, די פליגעלעך זענען מיט זייער שיינע קאלירן, און זיי האבן צו זעקס קליינע פיסלאך און צוויי דינע הערנער. און שפעטער ביי נאכט פליהען זיי ארום דעם פייער פון די ליכט וואס ברענט אין שטוב. עס איז דא א מין קעלער-ווערעם וואס האבן פערצעהן פיס. עס זענען דא אזעלכע ווערעם וואס האבן צוויי הונדערט פיס, דער ווארם. קרעבס קען גיין פאראויס און הינטער זיך צוריק. עס זענען דא אזעלכע קרעבסן וואס ווערן געשאפן אין די אייער קליין אבער אין א קורצע צייט וואקסן זיי אויף גרויס, און זיי קענען נישט זיין אין די שאלן פון די אייער. ווייל זיי ווערן צו קליין פאר זיי, צו ברעכן זיי די שאלן און גייען ארויס מיט זייערע הויט אויף זיך, און זיי לעבן א מאהל ביז פופצעהן יאהר. אין די קרעבסן געפינט מען א מאהל קליינע שטיינדליך מען רופט זיי קרעבס-אויגען זיא זענען גוט צו א רפואה. עס זענען דא עטליכע מינים טראשקעס. די גרויסע טראשקעס פארזאמלען זיך זייער פיל מיט איין מאהל און גראבן

אונטער

אונטער די בוימער, עס זענען דא מוראשקעס זכרים און נקבות און א זעלבע וויניג זענען ניט זכרים און ניט נקבות, די וואס זענען זכרים און נקבות אז זיי זענען אלטער וואקסט זיי צו פליגעלעך, און זיי פארלאזען זייערע ארטער און פליהען אין דער וועלט, און די ספקים (וואס זענען ניט זכרים און ניט נקבות) זענען אייביג די זעלביגע, צו זיי וואקסט קיין פליגעל און זיי ליגען שטענדיג אויף די אייער וואס די נקבות האבען געלאזען, איידער זיי זענען אוועק געפלויגען; איין נקבה לייגט אין איין זומער ביז אכט טויזענד אייער. זומער פערזאמלען זיי פערשידענע קערנער און גראז און בעהאלטען זיי אונטער די ערד, זיי זאלען האבען צו עסען ווינטער, זיי גראבען אין די ערד דריי ערליי לעכער אונטערשטע און אויבערשטע און מיטעלע, דאס עסען בעהאלטען זיי אין די מיטעלע לעכער, און זיי עסען פון דעם נאר ניט, ווארום ווי עס קומט אנהייב ווינטער ווערען זיי איינגעשלאפען אויף דעם גאנצען ווינטער, אין אנהייב פריהלונג וועקען זיי זיך אויף פון שלאף, נאר די מיראשקעס וואס זענען אין די ווארעמע לאנדער שלאפען ניט ווינטער, און זיי עסען ווינטער וואס זיי האבען פארזאמעלט זומער. די מוראשקעס רוהען ניט ביי טאג און ניט ביי נאכט נאר זיי פליהען הין און צוריק, נאר די מינוט וואס דער מולד איז רוהען זיי; אז איינער וויל פארטרייבען די מוראשקעס פון זייער ארט, זאל ער דארט לייגען א בינטעל אזוב [אזוי א גראז] אדער שוועבול. די בינען זענען אויך דריי טייל, זכרים און נקבות און ספקים [ניט זכרים און ניט נקבות], די ספקים בייסען שטארק ווער עס קומט צו זייער וואהנונג, נאר דעם ווירט פון דעם בינשטאק ערלויבען זיי צו גיין צום בינשטאק, אים בייסען זיי ניט, ער מעג זיי אפילו אריין נעמען אין האנד, ווייל זיי ווייסען אז ער גיט זיי עסען, און ווייל זיי קיין שלעכטעס טוהען, אין יעדער בינשטאק איז דא איין הויפט נקבה וואס זיא ווערט גערופען די „מוטער" און די „קעניגען" פון די בינען. אין יעדען בינשטאק איז דא ביז טויזענד זעקס הונדערט זכרים, און פיל טויזענד ספקים, די ספקים זענען די וואונדערליבע ארבייטער פון דעם האניג, זיי פליהען אין די פעלדער און בייסען אפ מיט זייער מויל די גראז און בלעטלעך וועלכע זיי האבען ליב, און אין דעם בינשטאק שפייען זיי ארויס פון מויל דעם זאפט פון די גראזען, זיי זאלען האבען וואס צו עסען ווינטער און דער זאפט דאס איז די האניג, די זכרים און נקבות טוהען גאר ניט, עס איז גאנץ זעלטען זיי זאלען ארויס גיין פון בינשטאק, זיי זיצען אין בינשטאק און ווערען אלע טאג מער יעדער נקבה לייגט יעדער טאג פון צוויי הונדערט ביז דריי הונדערט אייער, און די זכרים ליגען און דערווארעמען זיי ביז עס קומט ארויס לעבעדיגע בינען, אין דעם בינשטאק מאכען די בינען זייערע זעקס קאנטיגע וואהנונגען איינער נעבען אנדערין, וואס אלע נאטורפארשער פערוואונדערין זיך אויף זיי.

פרק

**פרק כב** אין די ערשטע זעקס טעג ווען גאט ברוך הוא האט באשאפען די וועלט איז דער מענטש געוועזען דאס לעצטע באשעפעניש, ער איז צוזאמען געשטעלט געווארען פון פיר יסודות [פונדאמענטין] ערד לופט פייער וואסער, פריער פאר דעם מענטש זענען באשאפען געווארען חיות אונ בהמות, נאך פריער זענען באשאפען געווארען די גרויסע פיש אונ אלע לעבעדיגע באשעפעניש וואס זענען אין וואסער אונ אלע מינים פייגעל וואס פליהען, אונ די בעלייכטונגען, די זונן אונ די לבנה אונ די שטערין, אונ אלע מינים בוימער אונ אלע ערד פרוכטען אונ אלע ערליי גראז, די אלע געוויקסען לעבין פון ערד מיט וואסער, אונ אלע לעבעדיגע זאכען ווערען געשפייזט פון די געוויקסען, פון אלע ערליי גראז, ווייניג זענען דא וואס עסען פרוכטען פון בוימער, אונ מענטשען ווערען געשפייזט פון אלע געוויקסען אונ פון גערטנער פרוכטען אונ פון בוימער פרוכטען, אונ ער עסט אויך די לעבעדיגע באשעפעניש, דאס מערסטע פרוכטען פון בוימער זענען באשאפען געווארען פאר די מענטשען צו זייער פערגעניגען, ווארום ווינטרויבען איילבירטען עסען נאר מענטשען, דער ווייגשטאק גיט זיינע פרוכטען נאר פאר די מענטשען, אונ אזוי דער איילבירט בוים גיט אויך זיינע פרוכטען נאר פאר מענטשען, אלע לעבעדיגע באשע-פעניש עסען די גראזען אין פעלד אזוי ווי זענען, מען דארף זיי ניט קאכען ניט, באקין, ניט זאלצען, אבער דער מענטש מוז אלע געוויקסען קאכען אדער באקען אונ זאלצין, אונ אפילו פרוכטען פון בוימער זענען אויך דא פיל ערליי וואס מען פארבעסערט זיי צום עסען, אלע לעבעדיגע באשעפעניש טרינקען נאר וואסער, אבער מענטשען טרינקען אלע ערליי משקה זיסע אונ שטארקע, אונ אלין וואס נאר צום עסען, עסען זיי אלע באשעפעניש אזוי ווי זיי זענען געוואקסען, נאר דער מענטש מוז זיי פארבעסערין מיט מאהלען, קאכען, באקין, פרעגלען, בראטען, אונ נאך אזעלכע פארבעסערונג, אלע לעבעדיגע באשעפעניש האבען קיין פארגעניגען פון אגוטען ריח, אפילו זיי שטייען נעבען די בעסטע בשמים האבען זיי קיין פערגעניגען פון זייער געשמאק, אבער מענטשען האבען פיל פערגעניגען פון א גוטען ריח. אלע לעבעדיגע באשעפעניש אויבוואהל זיי האבען אויגען אונ זעהן אבער פארגעניגען פון דעם זעהן האבען זיי ניט, אפילו זיי זעהען די טייערסטע אונ די שענסטע זאך האבען זיי פון דעם קיין פערגעניגען, אונ זיי פארשטייען ניט צו אונטערשיידין פון שיין צו מיאוס, אבער דער מענטש האט פערגעניגען אז ער זעהט א שיינע זאך, אונ מענטשען צאהלען פיל גאלד פאר אזעלכע זאכען וואס זיי האבען פון זיי ניט מער ווי צו קוקען אויף זיי. אלע לעבעדיגע באשעפעניש האבען קיין פערגעניגען פון הערין, אויבוואהל זיי האבען אויערין אונ הערין, פון דעסטוועגען ווען זיי הערין א שיינע מוזיק אדער א שיינעם קאהר זינגען האבען זיי פון דעם קיין פערגעניגען, אבער מענטשען האבען פערגעניגען צו הערין שפילען

אונ

און זינגען; אלע לעבעדיגע באשעפעניש ווערט זייער פארשטאנד ניט גרעסער און ניט בעסער, אבער דער מענטש וואס עלטער ער ווערט קלוגער ווערט ער.

## פרק כג

אין דעם מענטש זענען דא פינף כחות צו זיין געשפייזט ווערען מיט דעם עסען, דאס ערשטע, ווי דער מענטש לייגט אריין דאס עסען אין מויל באלד ווי ער האט נאר דאס עסען צו קייט מיט די ציין, איז דא אין דעם מענטש א קראפט וואס ציהט אליין אראפ דאס עסען אין האלז ביז אין בויך. דאס צווייטע, דאס עסען ווערט פארהאלטען אין מאגען און עס פאלט ניט דורך ביז דאס עסען ווערט פארדייעט. דאס דריטע, דער כח וואס פארצערט דאס עסען. אין דעם מאגען איז דא א זאפט וואס ער איז שטארק זויער און הייס וואס קאכט דאס עסען און פארצערט אים, די היטץ וואס איז אין מאגען איז הייסער פון א פלאם פייער, די פראבע איז מען זאל אריין לייגען א שטיקעל גאלד אין פייער, וועט די גאלד ניט גרינגער ווערען פון די וואג וואס זיא האט פריער געוואגען, און אויב א מענטש זאל איינשלינגען א שטיקעל גאלד און עס זאל פארהאלטען ווערען אין מאגען עטליכע שעה, נאכדעם ווען די גאלד גייט ארויס פון אים וועט זיא וועגען ווייניגער ווי זי האט פריער געוואגען. דאס פערטע, איז דער כח וואס דיסטעט־לירט אין מאגען דאס עסען, צום ביישפיל, דער מענטש האט געגעסען א זעמיל, פון דעם זעמיל ווערט מענטשען פלייש, מיר זעהן דער מענטש ווערט דיק, און עס ווערט פון די זעמיל בלוט, און נאך פיל זאכען וואס ווערט פון די זעמיל אדער פון אנדערע עסענווארק, און דאס עסען וואס ניצט ניט צום קערפער, דאס ווערט אוועק געשטויסען אויף א באזונדער ארט, ביז עס קומט נאך א באזונדער כח וואס שטויסט דאס ארויס פון מענטש דאס איז דער שטולגאנג. דאס פינפטע, ווען עס קומט די ריכטיגע צייט וואס די פסולת זאל ארויס געשטויסען ווערען פון דעם מאגען. ווערט געעפנט א לעכיל אונטען אין מאגען, און די פסולת ווערט אריין געשטויסען אין א קישקע און פון די קישקע ווערט ארויס געשטויסען פון קערפער, און ניט נאר די פסולת פון עסען ווערט ארויס געשטויסען, נאר אלע שלעכטע זאכען וואס זענען אין מענטש ווערען ארויסגעשטויסען פון מענטש מיט די פסולת צוזאמען, עס איז דא אין מענטש ליחות, (פייכטקייט) וואס דער קערפער קען זיי ניט דערהאלטען אינוויינינג און זיי ווערען ארויסגעשטויסען פון מענטש דורך דעם האלז אז דער מענטש שפייט זיי ארויס פון מויל, אין מוח ווערט אויך פערזאמולט איבעריגע שלעכטע פייכטקייט וואס זיי ווערען ארויס געשטויסען דורך די נאז און אויב די שלעכטע פייכטקייט קענען ניט ארויס גיין פון מענטש בעקומט ער מכות, ווונדען, קרעץ, אויף דעם קאפ אדער אויף דעם קערפער, מוז דער מענטש גיין צו א דאקטאר ער זאל מיט מעדיצין ארויס טרייבען פון אים די שלעכטע ליחות (פייכטקייט). די בלוט וואס ווערט אין דעם מענטש פון עסען,

ווערט אויך אין אים דיסטעלירט, פון די גראבע אונ פראסטע בלוט ווערט פלייש, די אײדעלע אונ דינע בלוט קומען אין הארץ, אין הארץ ווערט דאס בלוט אזוי ווי געקאכט אונ נאך אמאהל דיסטעלירט, אונ די גרעבערע בלוט לויפט פון הארץ אין די אדערין אונ די גאנץ דינע בלוט קומט ארויף אין מוח, אונ אין מוח ווערט די בלוט נאך אמאהל דיסטעלירט, די גרעבערע בלוט לויפען ארויס פון מוח אין די גאנץ דינע אינווייניגסטע אדערין, אונ גאר די דינע בלוט בלייבען אין די אדערין פון מוח, אונ אזוי ווערט דיסטעלירט אלץ וואס דער מענטש עסט, אונ עס ווערט צו טיילט דאס עסען צו יעדער גליד וואס צו אים געהער, עס זאל ווערען פלייש אויף די ביינער וועלכעס פלייש עס געהער צו דעם ביין, אונ וועלכעס בלוט עס געהער צו די אויסווייניגסטע גרעבערע אדערין, אונ וועלכעס בלוט עס געהער צו די דינע אינווייניגסטע אדערין, פון די אלע זאכען ווייסט גאר ניט דער מענטש, ער עסט אפ אונ גייט אין גאס אדער ער לייגט זיך שלאפען, אונ די אינווייניגסטע מאשינען האבען מיט דעם עסען געארבעט אגאנצע נאכט אונ גע־ברענגט אלץ אין ארדענונג צו דערהאלטען זיין געזונד אונ זיין לעבין, אונ ער האט אפילו ניט געהאלפען מיט ארבעטין, ווי גרויס דארף זיין דער דאנק וואס דער מענטש דארף געבען צו גאט ברוך הוא אויף די וואונדער פון זיין בעשאפונג. נאך אכח גיט דאס עסען דעם מענטש, פון דעם עסען וואקסען די גלידער אונ דער מענטש וואקסט אין די הייך אונ אין די ברייט אונ אין די גרעב, אין די הייך וואקסט דער מענטש נאר ביז ער ווערט אלט צוואנציג יאהר, אבער אין די גרעב אונ אין די ברייט קען דער מענטש וואקסען אין זיין גאנצען לעבין.

**פרק כז** די חלומות וואס זענען אין סוף נאכט זענען ריכטיגער פון די חלומות וואס זענען אין אנהייב נאכט, אונ אויב עס האט געחלומט צו א מענטשען איין חלום צוויי מאהל אין איין נאכט, קען דער מענטש זיין זיכער אז דער חלום וועט געוויס מקוים ווערען אין א קורצע צייט, אונ אויב מען האט געזאגט צו איינעם א גוטע בשורה אין חלום אדער ער האט געזעהן אליהו הנביא אין חלום, דאס זאל ער פאר קיינעם דערציילען אפילו פאר זיין ווייב אויך ניט, נאר ער זאל האלטען דעם חלום אין הארצען, אונ א מענטש זאל ניט דערציילען זיין חלום צו א מענטש וואס האט אים ניט ליב, אויב איינער האט געזעהן אין חלום אויף א יודען אז ער וועט שטארבען אדער קראנק ווערען אדער איין אנדערע צרה, זאל ער מתפלל זיין אונ זאל געבען צדקה פאר אים אונ זאל פאסטען די גזרה זאל בטל ווערען פון זיין חבר, אדער ער זאל זאגען צו זיין חבר די דארפסט האבען רחמים פון גאט ברוך הוא

# ספר הברית

הוא תשובה תפלה צדקה, אונ זאל אים ניט זאגען דעם שלעכטען חלום, ער זאל גישט פון די שרעק קראנק ווערען. די פערצייטיגע מענטשען האבען שטארק געגלויבט אין חלומות, גדעון האט געגלויבט זיין חלום, דער מלך שאול האט געזאגט צום נביא שמואל נאט האט מיר ניט געוויזען אין א חלום וואס וועט זיין מיט די מלחמה, אבער אז ער וואלט יא געזעהן אין חלום וואלט ער דעם חלום געגלויבט, אונ ביי היינטיגע צייט וואס די מענטשען זענען שוואכע, זאל מען זיך ניט געוויינען צו פאסטען אויף א שלעכטען חלום, ווארום דער מענטש וואס געוויינט זיך צו פאסטען אויף שלעכטע חלומות וועט ער קיין רוהע האבען ביי נאכט פון די שלעכטע חלומות אונ ביי טאג פון די תעניתים, נאר אז ער וועט זעהן א שלערטין חלום זאל ער בעטין דריי מענטשען זיי זאלען אים מטיב חלום זיין [ווי עס שטייט אין די סדורים], עס זענען דא מענטשען וואס זענען אזוי פארטיפט אין די חלומות אז ער שפריכט אונ זינגט אין שלאף. עס זענען דא מענטשען וואס עס טרוימט אים אז ער גייט ערגעץ, אונ ער גייט ריכטיג ארוים פון בעט אונ דרייט זיך ארום אין שטוב אונ גייט צוריק אריין אין בעט, אונ ווען ער ערוואכעט זיך פון שלאף ווייסט ער גאר ניט וואס ער האט געטאהן. עס זענען דא מענטשען וואס זענען נאך שטארקער פארטיפט אין חלום, זיי גייען ארויס פון בעט אונ טוהען עטוואס אין שטוב אזוי ווי זיי וואלטען געוועזען וואכענדיג, אונ נאכהער גייען זיי צוריק אריין אין בעט אונ שלאפען ווייטער, אונ דאס אלץ טוהט ער מיט אפענע אויגען, אונ שלאפט; עס האט אמאהל געטראפען איינער האט געהאט א ברונען מיט וואסער ביי זיך אין הויף אונ אין ברונען איז געוועזען אלייטער, ווען ער פלעגט דארפען שעפין וואסער פלעגט ער אריין גיין אין ברונען דורך די לייטער אונ אנשעפין וואסער, אמאהל האט אים געחלומט ביי נאכט ער דארף שעפין וואסער איז ער שלאפענדיג ארויס געגאנגען צו די ברונען אונ איז אראפגעגאנגען אויף דער לייטער צו די וואסער, אונ ווי די פיס האבען אנגערירט דאס וואסער איז ער צוריק ארויף געגאנגען פון ברונען אין שטוב אונ האט זיך געלייגט אין בעט אונ איז ווייטער געשלאפען, אונ אין דער פריא האט ער פון גאר ניט געוואוסט. דיא מענטשען רופט מען נואנדקריבער, אונ ווען מען זעהט די מענטשען גייען אויף א געפערליכען ארט, ווען ער איז ארויף געקראכען אויף א דאך אדער ווי דער מענטש וואס איז אראפגעגאנגען אין די ברונען, זאל מען ניט שרייען אונ מען זאל אים ניט רופען ביי דעם נאמען, אונ מען זאל זיך היטען ניט אויף צו וועקין אים, ווארום ער קען אראפ פאלין אונ געטייט ווערען, נאר ער וועט אליין שלאפענדיג אראפ גיין אונ עס וועט אים קיין שאדין טאהן, אונ דאס איז א נאטירליכער קראפט אין די נאטור, דער מענטש זאל זיך קיין שאדין טאהן ביז ער לייגט זיך צוריק אויף זיין ארט. אונ ניט נאר מענטשען חלמת נאר

בהמות און חיות חלמת אויך, און מען קען דאס בעמערקן פון וייער שלאף ווען עס חלומת זיי. נאך איין זאך זעהן מיר אין די נאטור, א מענטש וועט קיין מאהל זעהן אין חלום א טויטע בהמה וואס ער האט זיא געקענט ווען זיא האט געלעבט אונ ער זאל זיא דערקענען ווער זיא איז. מען קען זעהן אין חלום טויטע בהמות און חיות אבער ניט מען זאל מיינען אז זיי לעבען. אבער מען קען זעהן אין חלום א טויטען בעקאנטען מענטש, און מייגען ער לעבט, און שמועסען מיט אים אין חלום, דאס קומט ווייל א בהמה ווען זיא פגרת גייט איר לעבהאפט אריין אין די לופט און עס איז גלייך ווי זיא וואלט קיין מאהל געלעבט אויף דער וועלט, אבער דער מענטש האט א נשמה, און די נשמה בלייבט אויף אייביג דאריבער קען געזעהן ווערין פאר דעם מענטש אין חלום גלייך ווי די נשמה וואלט צוריק אריין געקומען אין דעם געשטארבענעם מענטש און דער מענטש לעבט. דיא נביאות ביי די נביאים איז אויך אזוי ווי א חלום, נאר ביי א חלום קומט פריער דער שלאף און אין שלאף קומט דער חלום, אבער ביי נביאות איז אנדערש, ווען גאט ברוך הוא שיקט די נביאות אויף דעם מענטש, די נביאות אליין שלעפערט אים איין, און ער הערט ווי א מלאך אדער גאט שפריכט מיט אים, אדער ער זעהט וואס מען נוייזט אים, ווי מיר געפונען אין די ספרי הנביאים א מאהל זאגט דער נביא כה אמר ה׳, אזוי האט געזאגט גאט, און ער דערציילט וואס גאט האט צו אים געזאגט און א מאהל שטייט הראני ה׳, גאט האט מיר געוויזען, און גאט האט אזויא געזאגט צו אהרן און מרים בחלום אדבר בו, א מאהל וועל איך רייד… צום נביא אין חלום, און א מאהל במראה אליו אתודע איך וועל בעוואוסט ווערען צום נביא מיט א זעהונג איך וועל אים ווייזען די נביאות.

## פרק כח

עס טרעפט א מאהל ביי א מענטש א פארמישונג אין מוח, אדער א מרה שחורה, פראסטע מענטשען זאגען באלד אויף אים ער איז משוגע אדער אין אים איז אריין א דבוק, און מען רופט צו אים א בעל-שם מיט קמיעות, אדער מען רופט צו אים א מכשף. און דורך דעם ווערט דיא קראנקהייט שטארקער ווייל אויב דאס איז א מוח-פארמישונג איז דאס געקומען ווייל די גאנץ דינגע אדערין פון מוח זענען אינווייניג פארמאכט געווארען, אדער עס איז געווארען א פעלער אין די גאל און ווייל די בלים וואס אויף זיי דוהט דער שכל זענען קאליע געווארען, דאריבער איז דער שכל פון אים אוועק געגאנגען, איז ער יעצט ווי דער מענטש וואס שלאפט און אין מוח ווערט געמישט פערשידענע זאכען, א מאהל שרעקט א מענטש אין שלאף, א מאהל דאכט זיך אים אין שלאף מען שלאגט אים, און א מאהל לאכט ער אין שלאף, דאס קומט אלץ מיט וואס דער מוח איז געווען איינגעזאפט פריער איידער ער האט זיך געלייגט שלאפען, דאס זעלביגע איז ביי דעם מענטש אויך, מיט וואס דער מענטש איז געווען איינגעזאפט איידער דער

שׂכל

שכל איז פון אים אוועק געגאנגען, דאס מישט אים יעצט אין קאפ, דאריבער א מאהל שרעקט ער אונ א מאהל לאכט ער, אונ א מאהל טוהט ער שאדינס, אונ אז דער מוח אדער די גאל וועלען געזונד ווערען וועט דער שכל צוריק קומען אויף זיין ארט. אבער דאס איז קיין שד אונ קיין דבוק, מיר געפונען א ראיה, למשל א אשה וואס איז מעוברת אונ זיא האט א לאנגע צייט געטראכט אין א צורה וואס איז איר געפעלין, אין א צורה פון א שיינע חיה אדער פון א שיינע בהמה, קען דאס טראכטונג ענדערין די צורה פון דעם קינד עס זאל ווערען א צורה פון אזוי א בהמה אדער פון אזוי א חיה וואס זיא האט בעטראכט. מיר זעהן נאך אזוי, דער מענטש וואס איז דערשראקין געווארען פון א משוגענעם הונד וואס האט אים געביסען, אז ער האלט א גלאז וואסער זעהט ער אינוויינינג א שאטען פון קליינע הונד ווי זיי גייען ארום אין דעם וואסער, ווייל די שרעק פון דעם משוגענעם הונד איז איינגעווארצילט געווארען ביי אים אין מוח, דער קראפט פון די שרעק שטייט אים פאר די אויגען, דאס זעלביגע איז ביי דעם מענטש וואס דער שכל איז פון אים אוועק געגאנגען, ארביטין נאר די געדאנקען אליין, מיט וואס די געדאנקען איז איין געווארצילט געווארען געבען יעצט ארויס זייגע כחות, אונ פראסטע מענטשען מיינען אז אין אים איז דא א שד אדער א דבוק וואס מען קען אים ניט זעהן, אונ דער שטן שטייט געבין אים אונ שלאגט דעם דבוק דאריבער שרייט ער אונ שפריכט, אונ וועגין דעם רופט מען בעלי שמות אונ מכשפים. ארויס צו טרייבען דעם דבוק, אונ ווייל באמת איז דאס נאר א קראנקייט, דאריבער ווערט ער יעצט נאך מער קראנק פון זייערע מעדיצינען אונ פון רויך, פון זייערע קרייטער וואס זיי רייבערין ביי דעם, דאס שלאגט אים נאך מער אין קאפ אונ עס מאכט שוואך זיין מוח. אונ אז זיי זעהן די בעלי שמות אונ די מכשפים העלפין אים ניט, לאזט מען אים בלייבען ביי זיין קראנקייט מען רופט קיין דאקטאר ביז ער שטארבט. נאר אין די יעצטיגע צייט זעהען זיי שוין קלוגער געווארין אונ פערשטייען אז דאס געהער צו א דאקטאר ער זאל אים היילען די גאל אדער די געהירען אין קאפ, אונ אז ער וועט געהיילט ווערען וועט דער שכל צו אים צוריק קומען וועט ער זיין ווי אלע מענטשען, אונ עס וועט ביי אים זיין ווי איינער דערוועקט זיך פון שלאף אונ פון זיינע שרעקליכע חלומות.

**פרק כט** דער כח המחשבה וואס איז דא ביי דעם מענטש, ווערט גערופען מדמה, דאס ווארט מדמה האט זיבען מיינונגען, א) מדמה איז דער טייטש שווייגען, ווארום וואס דער מענטש טראכט הערט קיינער, דאס טראכטונג זעהט אן אויגען, אונ הערט אן אויערין, אונ טוהט אן האנד, עס איז אלץ פערשווייגען, ב) מדמה איז דער טייטש טראכטונג, ג) מדמה איז דער טייטש פער־גלייכונג, ווייל וואס דער מענטש טראכט אין חלום מוז מען דאס פארגלייבען פון

א משל

א משל צו א אמת, ד) מדמה איז דער טייטש שטיין, ווייל דאס דער מענטש טראכט בלייבט שטיין ביי דעם מענטש אין מוח. ה) מדמה איז דער טייטש אויפהערן, ווייל א מאהל טראכט דער מענטש אזעלכע זאכען וואס זיין מוח קען דאס ניט דערקלערין מוז ער אויפהערען אין מיטען. ו) מדמה איז דער טייטש פארשניטען, ווייל א מאהל טראכט דער מענטש פון א זאך און די זאך איז שוין לאנג ניטא אויף דער וועלט ז) מדמה איז דער טייטש האפענונג, דער מענטש האפט זיין וואונש וועט ערפילט ווערען.

## פרק ל אין דעם מענטש זענען דא צוויי ערליי כחות וואס דערוועקין איהם צו צוויי ערליי זאכען.

די כחות פון גוף דערוועקין אים צו טאהן די זאכען וואס געהערען צום גוף צום עסען און טרינקען, און שיינע קליידונג א שיינע וואהנונג און נאך אזעלכע זאכען, און די כחות פון נפש דערוועקין אים צו די זאכען וואס געהערין צום נפש, דאס זענען די מדות פון מענטש. גוטע מדות און שלעכטע מדות, עס זענען דא מדות וואס געהערין נאר צום נפש און עס זענען דא מדות וואס געהערין צום גוף מיט דעם נפש, דהיינו כעס, גאוה, נקמה, נטירה, שנאה, דאס זענען שלעכטע מדות, ענוה, צו זיין נידעריג ביי זיך, הסתפקות, מען זאל זיך בעגנוגען מיט וואס מען האט, מען זאל ניט וועלען טאהן שלעכטס פאר שלעכטס, מען זאל ניט האלטען אין הארצען א פיינדשאפט צו דעם מענטש וואס האט אים שלעכטס געטאהן, מען זאל ניט וועלין כבוד, מען זאל קיינעם מקנא זיין, דאס זענען גוטע מדות צום נפש און גוטע מדות צום גוף, דער וואס האט די מדות וועט ער זיין געזונד און וועט לאנג לעבין. מיר זעהן דאס צו יעדען מין בהמות און חיות האט גאט ברוך הוא געגעבען א מין געווער מיט וואס ער זאל קענען האלטען מלחמה מיט דעם וואס קומט אים שלעכטס טוהען, דעם אקס און דעם הערש האט גאט געגעבען הערנער, דעם איגעל האט גאט געמאכט זיין פעל מיט אזעלכע האר וואס שטעכען ווי דערנער מען זאל אים ניט קענען חאפען, דעם חזיר שארפע באק ציינער. די שפעסין די וואל צו שטרייטען מיט די קעלט, אבער מיט דעם מענטש איז קיין געווער מיט בעשאפען געווארען, נאר איין זאך האט אים גאט געגעבען וואס מיט איר קען ער אלץ בעקומען, דאס זענען די האנד מיט זייערע פעהיגע פינגער צו האלטען מיט קראפט פערשידען געווער און שטרייטען געגען זיינע פיינד, אויך מיט זיינע פעהיגע האנד מאכט ער אליין זיין קליידונג צום זומער און צום ווינטער; און אזוי די חכמה צו בעקומען זיין עסען, יעדע בהמה אדער חיה האט נאר איין מיטעל צו בעקומען איר עסען, אבער דער מענטש האט פיל מיטלען, און אזוי איז ביי מדות, יעדע לעבענדיגע זאך האט נאר איין גוטע מדה, די קאץ האט א מדה פון צניעות, די מילב א מדה זיא גזלת ניט, די טאהב זיא איז ניט מונה, און דער מענטש דארף האבען אלע גוטע מדות פון

בהמות חיות עופות, מיר זעהן נאט האט געגעבען חכמה די בינען ווי אזוי זיי זאלען בויען זייערע שטובין נאר זעקס קאנטיג, אונ איין שטוב זאל זיין נעבען די אנדערע, אונ אנדערש ווייסען זיי ניט צו מאכען, אבער דער מענטש באהט א שטוב ווי ער וויל אונ ניט אלע מענטשען בויען זייערע שטובען גלייך, די שטובען וואס די בינען בויען זענען נאר פון וואקס, אבער די שטובען וואס מענטשען בויען זענען פון שטיינער אדער פון בויםמער אדער פון באקסען בויםמער אדער פון אנדערע זייערע מינים האלץ, אדער פון ציגיל. דער שפין וועבט ארום זיך זעהר א וואונדערליכעס וואהנונג, אונ ווי מען רירט עס אן ווערט עס צו ריסען, אבער דער מענטש וועבט די שענסטע זאכען פון אלע ערליי קאלערין וואל אונ זייד מיט שיינע בלומען אונ בילדער, ווארום אלע לעבעדיגע זאכען וואס זיי טוהען, איז ניט מיט זייער פאר־שטאנד, נאר מיט זייער נאטור וואס גאט האט אין זיי געגעבען, צו יעדער מין בהמה אונ חיה אונ עופות האט גאט געגעבען אנדערע נאטורען, יעדער מין האט אין זיך איין אנדער כח אונ א אנדערע חכמה, דער אדלער זעהט זייער שטארק. דער לייב הערט זייער שטארק, דער הונד שמעקט זייער שטארק פון ווייטען, עס זענען דא לאנדער וואס זייערע הונד שמעקין אזוי שטארק, ווען עס ווערט עטוואס געגנבעט ביי זיין הער שיקט ער ארום זיין הונד אונ ער לויפט אין אלע גאסען אונ אין אלע שטובען ביז ער געפינט די זאך, ווייל מיט דעם ריח דערקענט ער זיין הערם זאך, דער אברבנאל שרייבט די הונד זענען אין ענגלאנד, אונ דאס טוהען זיי ניט מיט זייער פערשטאנד, נאר מיט די נאטור וואס גאט האט אין זיי געגעבען, דאריבער געפינען מיר ניט צווישען אלע באשעפעניש איינער זאל זיין קלוגער פאר דעם צווייטען, איין פוקס איז ניט קלוגער פון דעם אנדערען פוקס, ווייל ביידע טוהען גלייך מיט זייערע נאטור, אבער מענטשען איז איינער קלוגער פאר דעם צווייטען, יעדער מענטש טוהט צוויי ערליי נייטיגע זאכען, ער מוז מאכען כלים צו אקערין אין פעלד אונ זייען די תבואה, אונ זיי שניידען אונ אריין נעמען אין שייער אונ מלוטשען אונ מאהלין אויף מעהל אונ קנעטען א טייג אונ באקען אדער קאכען, אונ אזוי איז דא ארבעט ביי אנדערע מינים עסיגוואַרק, אונ ביי מינים משקה, ער מוז שערין די וואל פון זיינע שעפסין אונ זיי שפינען אונ וועבען ווארעמע קליידער אויף ווינטער, אונ זייען פלאקס אונ שפינען פאדים אונ וועבען קליידער אויף זומער, אונ בויען א שטוב צום וואהנען אין איר, די שטוב זאל אים באשיצען פון רעגין אונ פון היטץ אונ פון קעלט; דאס צווייטע איז וואס דער מענטש טוהט א וועלכע זאכען וואס זענען אים ניט אזוי נייטיג נור ער טוהט דאס צו זיין פערגעניגען, ער באהט שטובען מער ווי פיל ער דארף אונ שטעלט אריין אינווייניג מעביל וואס ער ניצט זיי זייער ווייניג, ער פלאנצט לוידיגע בוימער

וואס

וואס אויף זיי וועלען קיין פרוכטען וואקסען. זיי וועלען נאר זיין צום פערגעניגען מען זאל שפאצירען צווישען זיי, מיט עסען אונ טרינקען איז אויך אזוי, ער עסט טארטין אונ געבראטענע אונ געפרעגעלטע פלייש אונ נאך אנדערע טייערע עסעני-ווארק וואס זענען ניט צום זאט ווערען נאר צום פערגעניגען, אונ ער טרינקט טייערע וויינען, צום פערגעניגען, אונ ער קליידעט זיך מיט טייערע קליידער, א זעלכע זאכען איז ניט דא בייא חיות אונ בהמות. יעצט וועלען מיר געבען צו ערקלערין פון אינווייניגסטע מדות, ביי בהמות חיות עופות איז אויך דא שלעכטע אונ גוטע מדות, די שלעכטע מדות זענען כעס רציחה, די גוטע מדות זענען זייער רחמנות אויף זייערע קינדער, ביי די קאץ איז דא צניעות, די מילבין זענען געהוט זיי זאלען ניט גזלן, די טאהבען זענען ניט מזנה. נאר די מדות טוהען זיי ניט מיט א פארשטאנד ווייל עס דארף אזוי זיין, נאר גאט ברוך הוא האט אין זיי אריין געגעבען די מדות מיט די נאטור, אבער מענטשען טוהען גוטעס אדער שלעכטעס מיט זייער אייגענעם ווילען, אונ מיט זייער פארשטאנד.

## פרק לא אלע זאכען וואס דער מענטש ווייסט זענען דורך זיבען ערליי וויסענשאפט.

אונ דאס זענען זייערע נעמען, מורגשות, מקובלות, מפורסמות, מושכלות ראשונות, מופת חותך, מופת נקנה, הראיה; מורגשות, הייסט די זאך וואס דער מענטש ווייסט זיא מיט זיינע אויסווייניגסטע גלידער אז עס איז אזוי. דהיינו ער זעהט די זאך מיט זיינע אויגען, אדער ער הערט מיט זיינע אויערען, אדער ער שמעקט, אדער ער פארזוכט מיט זיין מויל, אדער ער טאפט אן די זאך מיט איינע פון זיינע גלידער, סיי ער ווייסט פאר וואס עס איז אזוי אונ סיי ער ווייסט ניט פאר וואס דאס איז אזוי, למשל ער לייגט אריין פעפער אין מויל ווייסט ער עס איז ביטער אונ עס ברענט אים אין מויל, אונ ער ווייסט ניט פאר וואס עס ברענט אים אין מויל, ווייל אין דעם פעפער-בוים איז דא פיל פון יסוד האש, (פייער-קראפט), אדער ער זעהט מיט די אויגען ווי דער מאגנעט ציהט צו זיך אייזען, אונ פאר וואס ווייסט ער ניט, נאר ער זעהט עס איז אזוי. מקובלות, הייסט ער אליין ווייסט ניט די זאך נאר עס האט אים איינער געזאגט אדער געשריבען, למשל איינער האט געזאגט אדער געשריבען צו ראובן ער האט געזעהן אין אמעריקא אזוי א מין חיה, אונ ראובן גלויבט דעם מענטש אז די זאך איז אמת, אדער ער גלויבט אז די אלע מצות פון די תורה זענען אמת געגעבען געווארען פון גאט דורך משה רבנו עליו השלום, דאס גלויבען איז אויך דא אויף פיל ערליי אופנים, למשל איינער דערציילט א זאך צו ראובן, אונ עס קען זיין די זאך איז אמת, אדער ליגען, אינ ראובן קען ניט דעם מענטש, אונ ער ווייסט ניט אויב ער איז א וואהרער מענטש אונ ראובן גלויבט אים, דאס איז א נארהייט פון ראובן, ווי שלמה המלך האט געזאגט פתי יאמין לכל דבר, דער נאר גלויבט אלץ. אונ

אַ מָאהל קֶען זַיין רְאוּבֵן הָאט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ פוּן שִׁמְעוֹן אוּנ שִׁמְעוֹן וֵוייסְט דִי זַאךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין דַארְף מֶען וִויסֶען טָאמֶער הָאט שִׁמְעוֹן גֶעהַאט אַ טָעוּת, עֶר הָאט גֶעזֶעהֶן דִי זַאךְ פוּן וַוייטֶען. אוּנ אוֹיב אֵיינֶער זָאגְט נְבִיאוֹת מִיט נָאמֶען נָאהֶען, אוֹיב מֶען וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ צַדִיק פוּן זַיין יוּגֶענְד אוּנ זָאגְט אֵייבִּיג אֶמֶת אוּנ אִיז אָפּגֶעשֵׁיידְט פוּן תַּאֲוֹת אוּנ פוּן וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען אוּנ עֶר אִיז וֶוערְט צוּ זַיין אַ נָבִיא מֶעג מֶען אִים גְלוֹיבֶּען אוֹיף זַיינֶע נְבִיאוֹת, אֲפִילוּ דֶעם נָבִיא אַלֵיין קֶען מֶען נִיט אוֹיבּ עֶר זָאגְט אֶמֶת, נָאר אֵיין אַנְדֶער נָבִיא וָואס מֶען קֶען אִים זָאגְט עֵדוּת אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַ רִיכְטִיגֶער נָבִיא, מֶעג מֶען אִים גְלוֹיבֶּען. אָדֶער דֶער נָבִיא אַלֵיין זָאגְט אוֹיף זִיךְ עֶר אִיז אַ נָבִיא, אוּנ מֶען וֵוייסְט נִיט אוֹיבּ עֶר זָאגְט אֶמֶת, נָאר עֶר גוּט אַ צֵייכֶען צוּ וַוייזֶען אַז זַיינֶע נְבִיאוֹת אִיז אֶמֶת, דְהַיְינוּ עֶר זָאגְט אִין דֶעם טָאג וֶועט זַיין אַ הָאגֶעל אָדֶער אֵיין אַנְדֶער צֵייכֶען, אוּנ עֶס אִיז גֶעוֶוען וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט, מוּז מֶען אִים גְלוֹיבֶּען אַז עֶר אִיז אַ נָבִיא. דָאס אִיז נָאר אוֹיבּ דֶער צֵייכֶען אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ בַּאלְד אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, דְהַיְינוּ עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ הָאגֶעל אַ שָׁעָה אָדֶער צְוֵויי שָׁעָה אוּנ עֶס הָאט בַּאלְד אוֹיפְגֶעהֶערְט. אוּנ אוֹיבּ דֶער צֵייכֶען הָאט גֶעהַאלְטֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, אַזוֹי לַאנְג וִוי דֶער נָבִיא הָאט גֶעזָאגְט, אִיז גֶעוִויס אַ גוּטֶער צֵייכֶען. מְפוּרְסָמוֹת, הֵייסְט דִי זַאךְ וָואס אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וַוייסֶען לְמָשָׁל אַלֶע מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען אֵיינְגֶעשְׁטִימְט אֵיין זַאךְ מֶען דַארְף נִיט גְזָלֶען אוּנ נִיט גַנְבֶענֶען, אוּנ גַנְבֶענֶען אָדֶער גְזָלֶענֶען אִיז שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, צוּ טוּהֶען טוֹבוֹת אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים הָאבֶּען אַלֶע אֵיינְגֶעשְׁטִימְט אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶע מִדָה. מוּשְׂכָּלוֹת הָרִאשׁוֹנוֹת, הֵייסְט אַ זַאלְכֶע זַאכֶען וָואס אַלֶע וַוייסֶען, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וַוייסֶען אוֹיךְ, דְהַיְינוּ מֶען וֵוייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי גֶעוִויס וִוי מֶען וֵוייסְט גֶעוִויס אַז אַ גַאנְצֶע אֵייל אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ הַאלְבֶּע אֵייל. מוֹפַת חוּתָּךְ, הֵייסְט אַז מֶען וֵוייסְט אַ זַאךְ אַזוֹי גֶעוִויס אַז אַנְדֶערְשׁ קֶען דָאס נִיט זַיין, דְהַיְינוּ צְוֵויי אוּנ צְוֵויי אִיז פִיר, אוּנ עֶס קֶען נִיט זַיין אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי דִי זַאךְ קֶען אוֹיךְ נִיט זַיין אַנְדֶערְשׁ. הַכְרָאָה, אִיז אַז מֶען הָאט אַ בֶּעוַוייזוּנְג אוֹיף אַ זַאךְ אַז עֶס אִיז אַזוֹי עֶס קֶען פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זַיין אַז דִי זַאךְ אִיז נִיט אַזוֹי, נָאר אַזוֹי לַאנְג וִוי מֶען וֵוייסְט נִיט אַז דִי זַאךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ, פַארְלָאסְט מֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם בֶּעוַוייזוּנְג. שֵׂכֶל הַנִּקְנָה, אִיז דֶער שֵׂכֶל וָואס וֶוערְט גֶעקוֹיפְט פוּן פִיל קְלֶערוּנְג אִין אֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט דָאס בִּיז יֶעצְט נִיט גֶעוְואוּסְט.

דָאס זֶענֶען דִי זִיבֶּען עֶרְלֵיי וִויסֶענְשַׁאפְטֶען וָואס זֶענֶען בַּיי יֶעדֶען מֶענְטְשׁ.

פרק לב יֶעדֶער פָאטֶער וֶועט נִיט אִיבֶּערְגֶעבֶּען אוּנ נִיט אַיינְוָוארְצְלֶען אִין זַיינֶע קִינְדֶער אַ פַאלְשֶׁע זַאךְ, דַארִיבֶּער קֶענֶען מִיר זַיין זִיכֶער אַז דִי תּוֹרָה וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען אוּנְז גֶעלַאזְט אַ יְרוּשָׁה אִיז אֶמֶת, אוּנ אַלֶע דֶערְצֵיילוּנְג וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה פוּן אָדָם אוּנ חַוָה, קַיִן מִיט הֶבֶל, דֶער מַבּוּל. דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע בִּיאָגְרַאפְיֶע פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, אוּנ דִי אַלֶע נִסִים וָואס גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט

געטאהן

געטאהן דורך משה רבנו אין מצרים אונ דעם ים צו שפאלטען אונ די איבעריגע נסים פון דער מדבר, אויך אלע נסים וואס שטייען אין די ספרי נביאים מיט דניאל חנניה מישאל ועזריה, אונ די נסים אונ וואונדער פון די היילינגע תנאים ואמוראים, דאס אללעס איז געוויס אמת, ווייל דאס האבען אונזערע ערשטע אלטערין וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים געזעהן מיט זייערע אויגען אונ האבען דאס דערציילט צו זייערע קינדער אונ די קינדער האבען דערציילט צו זייערע קינדער ביז אונזערע דורות, אונ ווייל די יידען וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים האבען געזעהן אונ האבען געהאט ריכטיגע בעווייזונגען אויף משה רבנו, אז ער איז א איש אמת אונ איז ניט שמאלץ געוועזען ביי זיך מיט זיינע מעלות, נאר ער איז געוועזען ביי זיך נידעריגער פון אלע מענטשען, אונ האט פון די יודען גאר ניט פערלאנגט פאר די גרויסע טובות וואס ער האט זיי געטאהן, קיין גאלד קיין זילבער קיין כבוד, אויף וועלכעס האבען די יודען אים געקענט חושד זיין אז ער זאגט ניט אמת, דאריבער האבען די יודען געגלויבט משה'ן אללעס וואס ער האט זיי דערציילט, אפילו די זאכען וואס זענען געוועזען איידער ער איז געבארען געווארען האבען די יודען אים אויך געגלויבט אז גאט האט אים אזוי געזאגט, אונ אלע דינים וואס זענען געשריבען אין די תורה זענען ערליך געשריבען, די תורה האט אונז דערמייטערט פון צו דינען עבודה זרה, וואס זיי פלעגען פארברענען זייערע קינדער צו די גאטצען, אונ אז זייערע אלטערין זענען אלט געווארען האבען די קינדער זיי געשאכטען, אין אינדיע איז געוועזען א מנהג אז א מאן איז געשטארבען, האט מען אין פעלד געמאכט א שטיבעלע פון צווייגען אדער פון שטרויא אונ דאס ווייב האט זיך געזעצט אין דעם שטיבעלע אונ האט געליינט דעם מאן אויף איר שויס אונ האט געהאלטען א אנגעצונדענע ליכט אין האנד, אונ האט אנגעצונדען די שטיבעלע אונ זענען ביידע צוזאמען פארברענט געווארען, אונ די פאמיליע פון מאן אונ פון ווייב האבען געמאכט א גרויסע שמחה אונ האבען געטאנצט ארום די פארברענטע שטוב, זיי האבען געזאגט אזוי ווי זיי זענען אויף די וועלט געוועזען ביידע צוזאמען אזוי וועלען זייערע נשמות נאך דעם שטארבען אויך זיין צוזאמען. דיא מענטשען וואס וואהנען אין לאנד קאליקוט ניט ווייט פון טייך סמבטיון, עסען קיין פלייש, זיי ווילען ניט הרגנן א לעבענדיגע זאך, זיי זאגען אז אין יעדע לעבעדיגע זאך איז דא א נשמה פון א מענטש, אונ זיי גלויבען אז יעדער מענטש ווען ער שטארבט גייט אריין זיין נשמה אין א בהמה אדער אין א חיה אדער אין א עוף, ביי דיא גרויסע לייט איידער זיי שטארבען פירט מען אריין א קוה אין שטוב נעבען זיין בעט, אונ דער נוסס האלט מיט זיינע האנד די הערנער פון די קוה ביז ער שטארבט, ווייל זיי גלויבען אז וואס דער מענטש האלט אין האנד ווען ער שטארבט, אין די זאך גייט אריין זיין נשמה, אונ דאריבער נעמען זיי א קוה ווייל דיא דביי בהמות

א אקס

א אקם [אדער א קוה] אדער א שעפס אדער א ציג זענען בייא זיי די טייערסטע בהמות, אונ א קוה איז די בעסטע בייא זייא; א טייל מענטשען ברענגען קיין ליכט בייא נאכט, ווייל עס זענען דא א זעלכע פליגען וואס פליהען ארום דעם פייער פון די ליכט אונ זיי ווערען פארברענט. עס איז דא א מדינה ווען זייערע אלטערין ווערען אלט שעכטען די קינדער די אלטערין אונ עסען זייער פלייש, אונ זיי זאגען דאס איז א כבוד פאר די אלטערין, אונ די קינדער וואס טוהען ניט אזוי זענען זיי ניט גערעכינט פאר ארענטליכע מענטשען. אויף די אינזלען פון דעם ים ארחי פלאגי זענען דא שווארצע מענטשען זיי קויפען מענטשען צום עסען ווי מיר קויפען בהמות צום עסען, אונ זיי געבען דעם מענטש גוט עסען אונ גוט טרינקען ער זאל ווערין פעט, נאכדעם שעכטין זיי אים אונ עסען אים; בייא זיי איז א מצוה, דאס ערשטע קינד וואס ווערט בייא זיי געבארען א זכר אדער א נקבה, שעכטען זיי אים אונ מיט זיין פלייש מאכען זיי א סעודה פאר זייערע קרובים אונ יעדער פון זיי אידער ער עסט די שטיקול פלייש זאגט ער די ווארטער, אך עצמי ובשרי אתה, די ביזט דאך מיין ביין אונ פלייש. אונ ער נעמט אריין דאס שטיקול פלייש אין מויל אונ עסט, אבער ווי די תורה איז געגעבען געווארען זענען די אלע בייזע מנהגים פערניכטעט געווארען, פון די תורה איז געווארען א ליכטיגקייט אויף דער וועלט אונ מיליארדען מענטשען האבען אוועק געווארפען די אונווירדיגע אמונות אונ גייען אויך מיט די ליכטיגקייט פון די תורה, אונ פון פיל ערליי מצות וואס משה רבנו האט געשריבען אין די תורה זעהט מען אז די תורה איז הייליג אמת, דהיינו משה רבנו האט געשריבען אין די תורה דרייא מאהל אין יאהר [אויף פסח שבועות סוכות] זאלען אלע זכרים פון יודען קומען אין ירושלים, אויף פסח האבען ווייבער אויך בעדארפט קומען אין ירושלים צו עסען דעם קרבן פסח, זענען דאך געבליבען ליידיג אלע שטעט פון גאנץ ארץ ישראל, האבען דאך געקענט די יודען זאגען מיר האבען מורא אוועק צו גיין פון אונזערע שטעט אונ פון אונזערע הייזער, טאמער וועלען קומען די פעלקער אונ וועלען אוועק נעמען אונזערע פארמעגינם, האט זיי משה רבנו צו געזאגט מיט דעם נאמען פון גאט ברוך הוא לא יחמוד איש את ארצך בעלותך וגו', אפילו איינער פון די פעלקער וועט ניט גלוסטען אוועק צו נעמען פון דיר דיין לאנד ווען די וועסט אויפגיין אין ירושלים געזעהן ווערען פאר גאט, אונ מיר זעהן אז עס איז געוועזן ווי משה רבנו האט געזאגט אין די תורה, אויף יום טוב זענען אלע שטעט אונ אלע יודישע הייזער געבליבען ליידיג אונ די יודען זענען געוועזן אין וועג עטליכע טעג פאר יום טוב אונ עטליכע טעג נאך יום טוב, אונ גאנץ יום טוב, פון דעסטוועגען ווען זיי זענען געקומען א היים האבען זיי געטראפען אלץ ווי עס איז געוועזן פריער עס האט זיי גאר גיט געפעלט. די גמרא דערציילט א מאהל האבען צוויי גוים געזאגט איינער צום אנדערין אונזער שכן דער יוד וועט גיין אויף

יום טוב ושמחה מיט זיין גאנצע פאמיליע אין ירושלים וועלין מיר צונעמין זיין פארמעגין. דער יוד האט ניט געוואוסט וואס די גוים האבען געטראכט, עס איז געקומען פאר יום טוב איז דער יוד מיט זיין ווייב און קינדער אוועק פון שטוב צו גיין אין ירושלים האט גאט געשיקט שלאנגען זיי זאלען ארומרינגלען די שטוב, און די גוים האבען ניט געקענט אריין קומען אין שטוב, ווי די שלאנגען האבען דערוועהן דעם יוד וואס איז צוריק געקומען פון ירושלים זענען זיי אוועק געגאנגען. נאך איין בעווייזונג איז דא אז די תורה איז אמת, משה רבנו האט געבאטען די יודען דעם דין שמטה, יעקס יאהר זאל מען אקערין אין פעלד און זייען, דעם זיבעטען יאהר זאל מען ניט אקערין און ניט זייען, דער יאהר הייסט שמטה. נאך דעם יאהר שמטה הייבט מען אן נאך א מאהל ציילען זעקס יאהר ביז שמטה, אז מען האט אפגעציילט זיבען מאהל צו זיבען יאהר, דאס איז ניין און פערציג יאהר, דער ניין און פערצינסטער יאהר איז געווען שמטה, און דער פופציגסטער יאהר איז געווען יובל, איז שוין צוויי יאהר ניט געזייעט געוואָרען אין פעלד. דעם ערשטען יאהר נאך יובל אקערט מען און מען זייעט, פון די תבואה וועט יעצט זיין צו עסען אין דעם צווייטען יאהר נאך יובל, פון וואנען וועט מען נעמען תבואה אויף די צוויי יאהר, אויף דעם יאהר יובל און אויף דעם ערשטען יאהר נאך יובל, האט משה רבנו צוגעזאגט די יודען דעם אכט און פערצינסטען יאהר נאך יובל וועט וואקסען אזוי פיל תבואה עס זאל זיין גענוג אויף דריי יאהר אויף דעם ניין און פערצינסטען יאהר און אויף דעם פופציגסטען יאהר דאס איז יובל, און אויף דעם ערשטען יאהר נאך יובל, און אזוי ווי משה רבנו האט געזאגט אזוי איז געווען, פון וואנען האט דיא ערד געוואוסט וועלכער איז דער אכט און פערצינסטער יאהר זיא זאל וואקסען תבואה אויף דריי יאהר, נאר ווייל גאט ברוך הוא האט אזוי צו געזאגט אין זיין תורה דורך משה רבנו דאריבער האט ער געבאטען די ערד זיא זאל אזוי וואקסען. נאך געפונען מיר אין די היילינע תורה משה רבנו האט געזאגט צו פרעה אין דעם לאנד גשן וועט ניט זיין דער ערוב, די זאלסט וויסען אז גאט איז אויף דער ערד אויך, אפילו אויף דער ערד וועט ניט געמאהן א זאך פון זיך אליין, נאר גאט גיט אכטונג אויף אללעם וואס איז אויף דער ערד און אן זיין געבאט וועט אויף דער ערד גאר ניט געטאהן אפילו בהמות און חיות טוהען ניט א זאך אן דעם בעפעל פון גאט, מיט דעם בעפעל פון גאט זענען די בהמות געקומען אין מצרים, און אז גאט וויל זיי זאלען ניט גיין אין גושן וועלען זיי ניט גיין אין גושן. נאך האט משה געזאגט צו פרעה, די זאלסט וויסען אז די גאנצע ערד געהער צו גאט וואס האט זיא באשאפען. ווייל די מצרים האבען דאס ביז יעצט ניט געגלויבט, דאריבער האט גאט דאס געוויזען דורך משה רבנו, אז ער איז איין גאט אויף דער וועלט, און ער האט די וועלט באשאפען, און ער קען טאהן אויף דער

יועלם

דִיוועלְט וָואס עֶר ווייס, זֶעהֶן מִיר דִי ווּאונְדֶער וָואס גָאט הָאט גֶעטָאהן אִין מִצְרַיִם זֶענֶען אַ עֵדוּת אוֹיף גָאט אוּנ אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּנ ווייל נִיט צוּ יֶעדֶע צייט טוּהְט גָאט נִסִים, דַארִיבֶּער הָאט גָאט גֶעבָּאטֶען יוּדֶען זָאלֶען מַאכֶען אַ אַנדֶענקוּנג צוּ דִי נִסִים, זֵיי זָאלֶען דִי נִסִים דֶערצֵיילֶען צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ווִי מִיר מַאכֶען פֶּסַח אַ צוּנֶדֶענקוּנג אוֹיף יְצִיאַת מִצְרַיִם, שָׁבוּעוֹת אוֹיף מַתַּן תּוֹרָה, סוּכּוֹת אוֹיף עַנְנֵי כָּבוֹד, וָואס דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּאדֶעקְט אִין אַלֶע זֵייטֶען מִיט ווָאלְקֶנְס ווֶען זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר. אוּנ מִיר לֵייגֶען תְּפִילִין אוֹיף דִי הַאנְד אוּנ אוֹיף דֶעם קָאפּ, אַלְס אַנדֶענקוּנג אוֹיף יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּנ נָאךְ פִיל מִצְוֹת וָואס זֶענֶען אַ אַנדֶענקוּנג אוֹיף יְצִיאַת מִצְרַיִם, דָאס טוּהֶען מִיר אַלְץ אוֹיף שְׁפֶּעטֶערדִיגֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלֶען נִיט קֶענֶען לֵייקֶענֶען אִין גָאט אַז עֶר הָאט דִי ווֶעלְט בֶּאשַׁאפֶען, אוּנ עֶר גִיט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי ווֶעלְט.

**פרק לג** עֶס זֶענֶען דָא זִיבֶּען הִימְלֶען, דֶער עֶרְשְׁטֶער הִימֶעל הֵייסְט וִילוֹן, אִיבֶּער וִילוֹן אִיז רָקִיעַ, אִיבֶּער רָקִיעַ אִיז שְׁחָקִים, אִיבֶּער שְׁחָקִים אִיז זְבוּל, אִיבֶּער זְבוּל אִיז מָעוֹן, אִיבֶּער מָעוֹן אִיז מָכוֹן, אִיבֶּער מָכוֹן אִיז עֲרָבוֹת. אַלֶע הִימְלֶען צוּזַאמֶען הֵייסֶען שָׁמַיִם, אַזוֹי ווִי לְמָשָׁל דֶער מֶענְטְשׁ ווֶערְט גֶערוּפֶען אָדָם, פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען יֶעדֶער גְלִיד פוּן מֶענְטְשׁ הָאט אֵיין אַנְדֶער נָאמֶען, אָדֶער מֶען רוּפְט בַּיִת, אַ שְׁטוּב, פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען יֶעדֶער זַאךְ פוּן שְׁטוּב הָאט אֵיין אַנְדֶער נָאמֶען. טִירֶען פֶענְסְטֶער אוּנ נָאךְ גֶעמֶען, אַזוֹי אַלֶע הִימְלֶען צוּזַאמֶען הֵייסֶען שָׁמַיִם, פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען יֶעדֶער הִימֶעל בֶּעזוּנְדֶער הָאט אֵיין אַנְדֶער נָאמֶען, אִין דֶעם הִימֶעל רָקִיעַ אִיז דִי זוּן אוּנ דִי לְבָנָה אוּנ דִיא שְׁטֶערְן, עֶס אִיז דָא אַ רָאד וָואס אִין אִים אִיז דִי זוּן אוּנ דִי לְבָנָה אוּנ אַלֶע שְׁטֶערֶען, דֶער רָאד לוֹיפְט אַלֶע טָאג פוּן מִזְרָח צוּ מַעֲרָב, אוּנ בִּיז פִיר אוּנ צְווַאנְצִיג שָׁעָה לוֹיפְט עֶר אַרוּם דֶעם גַאנְצֶען עֶרְד-קוּגֶעל אוּנ קוּמְט צוּרִיק צוּ מִזְרָח, אוּנ אַזוֹי אִיז אַלֶע טָאג, אוּנ אוֹיף דֶעם רָאד גֵייעֶן אַלֶע טָאג דִי שְׁטֶערְן צוּרִיק פוּן מַעֲרָב צוּ מִזְרָח, לְמָשָׁל אַזוֹי ווִי אַ פְלִיג גֵייט אוֹיף אַ רָאד פוּן מַעֲרָב צוּ מִזְרָח, אוּנ עֶר מֶערְקְט נִיט אַוֶועק פוּן זַיין גַאנְג אוּנ דֶער רָאד דְרֵייט אִים פוּן מִזְרָח צוּ מַעֲרָב, דֶער רָאד טוּהְט רָאס זַיינִיגֶע, אוּנ דִי פְלִיג טוּהְט דָאס זַיינִיגֶע, דֶער רָאד קֶען הוּנְדֶערְט מָאהל אַרוּם לוֹיפֶען פוּן מִזְרָח צוּ מַעֲרָב אוּנ בִּיז דִי פְלִיג ווֶעט אֵיין מָאהל אַרוּם גֵיין דָאס גַאנְצֶע רָאד פוּן אֵיין עֶק צוּם אַנְדֶערֶען קֶען דָאס דָאעֶרְן אַ יָאהר, נָאךְ אִיז דָא אַ רָאד וָואס אִין אִים זֶענֶען דָא דִי צְווֶעלְעף מַזָּלוֹת, וָואס זֶענֶען גֶעגֶען דִי צְווֶעלְף חֳדָשִׁים פוּן יָאהר טָלֶה, שׁוֹר, תְּאוֹמִים, סַרְטָן, אַרְיֵה, בְּתוּלָה, מֹאזְנַיִם, עַקְרָב, קֶשֶׁת, גְדִי, דְלִי, דָגִים, דִי עֶרְשְׁטֶע זֶעקְס מַזָּלוֹת שְׁטֵייעֶן אִין צָפוֹן זַייט, אוּנ דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס מַזָּלוֹת שְׁטֵייעֶן אִין דָרוֹם זַייט, אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי חֳדָשִׁים נִיסָן אִיָּר סִיוָן דַאמָאלְס זֶענֶען דִי דְרֵיי מַזָּלוֹת, טָלֶה שׁוֹר תְּאוֹמִים, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פֶערְטִיל יָאהר וָואס

הייסט

הייסט אביב (פריהלונג); נאכדעם תמוז אב אלול, זענען די דריי מזלות סרטן אריה בתולה, דאס איז דער צווייטע פערטיל יאהר, וואס הייסט קיץ (זוממער); נאכדעם איז תשרי מרחשון כסלו, זענען די דריי מזלות מאזנים עקרב קשת, דאס איז דער דריטער פערטיל יאהר וואס הייסט קור (קעלט); נאכדעם איז דריי חדשים טבת שבט אדר, זענען די דריי מזלות גדי דלי דגים, דאס איז דער פערטער פערטיל יאהר וואס הייסט חורף (ווינטער). אונטער דעם ראד זענען דא נאך זיבען רעדער. אין יעדער ראד איז דא איין שטערען, זיי ווערען גערופען שבעה כוכבי לכת, די זיבען שטערען וואס גייען שטענדיג (וואנדיל שטערען). זיי הייסען שבתאי, צדק, מאדים חמה, נוגה, כוכב, לבנה, נאך ערליי שטערען זענען דא וואס מיר זעהן זיי ביי נאכט זיי זענען מער ווי דריי טויזענד, דאס זענען די גרעסערע פון זיי, אונ צו די גאנץ קליינע שטערען ווייסט מען נאך קיין צאהל ניט, די שטערען זענען דא ביי טאג אזוי ווי ביי נאכט, נאר וויל ביי טאג איז ליכטיג פון די זון, דאריבער זעהט מען ניט די ליכטיגקייט פון די שטערען, אזוי ווי מען זעהט ניט די ליכטיגקייט פון א ליכט ביי טאג, אויב א מענטש זאל שטייען אין א טיפע גרוב וואס אינוויינינג זאל זיין פינסטער, וועט ער קענען זעהן די ליכטיגקייט פון די שטערען ביי טאג אויך, נאר זייער ווייטקייט פון די ערד זענען ניט אלע שטערען גלייך, עס זענען דא שטערען וואס זענען גאנץ הויך אונ וויט פון די ערד, אונ עס זענען דא שטערען וואס זענען נידעריגער צו די ערד, נאר די שטערען וואס זענען נאנט צו די ערד זענען זעכציג טויזענד מאהל ווייטער ווי די זון איז פון די ערד, דאס איז צוזאמען טויזענד מאהל טויזענד אונ פיר הונדערט פערציג טויזענד מיליאן מייל פון די ערד. אונ עס זענען דא נאך העכערע שטערען וואס זענען אזוי וויט אין דער הייך אז מען קען גאר ניט זאגען א צאהל, מען האט בערעכונט אז א מענטש וואלט געשטאנען אין דערהייך נעבען די זון אונ וואלט פון דער הייך אראפגעשאסען מיט א הארמאט די קאהל זאל פאלען אויף דער ערד, וואלט געדויערט פיר אונ צוואנציג יאהר ביז די קאהל וואלט געקומען אויף דער ערד, אונ מיר ווייסען די קאהל וואס גייט ארויס פון א הארמאט אין אכט זעקונדען לויפט זיא ביז א מייל.

קענען מיר שוין וויסען פון דעם רעכענונג ווי וויט הויך די זון איז פון אונז.

**פרק לד** עס זענען דא פילאזאפען וואס זאגען אז אלע שטערען זענען וועלטען. אונ יעדער שטערען איז אזוי א וועלט ווי די וועלט, עס זענען דא אויך זיי מענטשען אונ בהמות חיות עופות, אויך בוימער אונ תבואה וואס מען זייעט, מען ווערט געבארען אונ מען שטארבט, אנדערע זאגען, די שטערען וואס לייכטען ניט זיי זענען די וועלטען אונ די שטערען וואס לייכטען זיי זענען די זונען פון די וועלטען, יעדער שטערען וואס לייכט איז די זון פון די וועלט וואס אויף דעם שטערען וואס איז נעבען אים, אונ יעדער פון די זיבען הויפט שטערען איז א גאנצע

וועלט

וועלט ווי אונזערע וועלט, אונ זייער ליכטיגקייט איז אויך פון די זונן. נאך זאגען די פילאזאפען וואס מען זעהט דורך די פארגרעסער גלעזער שווארצע אונ ווייסע פלעקען אין די שטערען, די שווארצע פלעקען איז די ערד וואס אויף די שטערען, אונ די ווייסע פלעקען זענען די וואסערען, טייכען, ימים, דאס איז אלץ ווייל דארטען וואהנען מענטשען, בהמות חיות עופות, *) אלץ ווי עס איז אויף אונזערע וועלט, דער פילאזאף העפעליוס שרייבט אין זיין בוך סעלענאגראפיא אונ בעווייזט פאקטיש, אז אין די לבנה איז דא הויכע בערג אונ שרעקליכע שטיינער אונ ימים אונ טייכען, ריכטיג גלייך ווי עס איז אויף אונזערע ערד, העפעליוס זאגט, אויסער די גרויסע פלעקען וואס מיר זעהן אין די לבנה זעהט מען דורך א פארגרעסער גלאז נאך קליינע פלעקען, אונ אין די גרויסע פלעקען זענען דא פיל קליינע ערטער וואס האבען א ליכטיגקייט, נאך זאגט העפעליוס אז אין די לבנה זענען דא פלעקען וואס זענען שטענדיג אויף איין ארט, אונ עס זענען דא קליינע פלעקען וואס זיי גייען איבער פון איין ארט צום אנדערען, דאס זענען די שאטענס פון די הויכע בערג אונ שטיינער וואס זענען אויף די לבנה וואס זיי רוקען זיך יעדען מאל פון איין ארט צום אנדערען לויט וויא די בעלייכטונג פון די זונן איז אויף זיי, אזוי ווי עס איז ביי אונז אויף די ערד, העפעליוס זאגט די פינסטערע פלעקען וואס מיר זעהן אין די לבנה דאס זענען די ימים, אונ די ליכטיגע ערטער וואס מיר זעהן אין די פלעקען דאס זענען די אינזלען וואס אין די ימים, דער העפעליוס בעשרייבט אזוי אלע הימלישע זאכען גלייך ווי ער וואלט געוועזען אין הימעל אונ האט אלץ געזעהן מיט זיינע אויגען, אדער וואס ער זעהט אויף די וועלט מיינט ער אז אין די לבנה איז אויך אזוי. ווי עס האט א מאהל געטראפען א ווילדער מענטש וואס איז אייביג געהארעוועט געווארען נאר אין וואלד, האט געפונען אין וואלד א גרויסען שפיגעל וואס איז געשטאנען נעבען א גרויסען בארג, א סוחר איז א מאהל געפארען אויף דעם ים וואס גייט נעבען דעם וואלד, האט ער פאראנקערט די שיף נעבען וואלד, אונ ווייל ער האט דא אין וואלד גערוהט עטליכע טעג האט ער ארויס גענומען פיל זאכען פון שיף אין וואלד, אונ פלוצלונג האט מען אנגע-הויבען פייפען פון די שיף א צייכען אז די שיף וועט באלד אוועק גיין, האט ער געכאפט די זאכען אונ האט זיי געטראגען אויף די שיף, דעם שפיגעל האט ער געלאזען אויף צום לעצטען ווי ער איז געקומען מיט די זאכען אויף די שיף האט שוין די שיף אנגעהויבען אוועק צו גיין אונ דעם שפיגעל האט ער געמוזט לאזען אין וואלד, אונ דער וואלד מענטש האט געפונען דעם שפיגעל, אונ ווייל ער האט ניט געוואוסט וואס איז א שפיגעל, איז ער צו געגאנגען נאנט צום שפיגעל אונ האט

אין

*) דאס אללעס איז זעהר פאקטיש בעשריבען געווארען אין דעם טהייערן ספר פני המלך

זין אים געזעהן א שווארצער מענטש מיט א שטעקען אין האנד ריכטיג ווי ער מיט זיין שטעקען, אונ ער האט אין אים געזעהן אגרויסען וואלד אונ א טייך, דער וואלד מענטש האט זיך אויף דעם זעהונג שטארק פערוואונדערט, אונ האט געזאגט, איך זעה אז אין דעם בארג איז דא א גאנצע וועלט. עס מוז זיין עס איז נאר פון אויבין א בארג אונ אינוויינינג איז דא א הויל̇ער טונעל אונ אין דעם טונעל איז דא א וואלד מיט בוימער, אזוי ווי אונזער וואלד, אין יענעם וואלד זענען אויך דא טייכען, מיט אינזלען, אונ עס זענען דא שווארצע מענטשען ווי מיר זענען, זיי האלטען אויך שטעקענס אין די האנד ווי מיר האלטען. אונ ער האט ניט געוואוסט אז עס שפיגעלט נאר אין דעם שפיגעל אריין ער מיט דעם עכטען וואלד וואס ער שטייט אין אים; אזוי האט געטראפען דעם פילאזאף העפעליוס, ער האט אויך געמיינט עס איז דא בערג אונ טייכען אונ מענטשען אין די לבנה, אבער עס איז ניט וואהר, אונ א מאהל האבען די פילאזאפען בעקלערט מיט זייער שכל פארקערט, אז עס קען ניט זיין אונטער דער ערד געגען אונזערע פיס נאך א וועלט מיט מענטשען אזוי ווי די וועלט, אונ מען האט געפונען עס איז יא דא א גאנצע וועלט אונטער דער ערד געגען אונזערע פיס, פונקט גלייך ווי די וועלט, דארום איז נאך צו צווייפלען אין העפעליוסינס שטה.

**פרק לה** פילאזאפען זאגען אזוי ווי עס איז שווער צו גלייבען אז א מענטש זאל לאזען ליידיג זיין פעלד וואס האלט פיל מייל, ער זאל אקערען די גאנצע פעלד אונ אין מיטען זאל ער נאר זייען איין קערנדעל, אזוי קען ניט זיין גאט זאל באשאפען אזוי אגרויסען אונ א הויכען הימעל מיט אזוי פיל שטערען מיט אזוי אגרויסע אונ הויכע זונן מיט א לבנה נאר פון וועגען דאס שטיקעל ערד מיט דעם ביסעל מענטשען אונ אלץ זאל זיין ליידיג, נאר געוויס איז יעדער שטערען בעזונדער א גאנצע וועלט, א טייל מענטשען זאגען עס איז ניט אזוי, עס איז ניט מעהר דא ווי די וועלט וואס מיר זעהן אונ מיר זענען אויף איר, אונ די אלע זאכען זענען נאר באשאפען געווארען פון וועגען די וועלט, ווייל די וועלט אליין דארף האבען די אלע זאכען, ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט באשאפען די צוויא גרויסע בעלייכטונגען [די זונן מיט די לבנה] אונ דיא שטערען זייא זאלען לייכטען אויף די ערד, נאר ריכטיג מעגען מיר גלויבען דיא פילאזאפען אז עס איז דא נאך וועלטען, אונ די שטערען וואס מיר זעהן דאס זענען וועלטען, ווארום די חכמי הקבלה זאגען עס זענען דא פיר ערליי וועלטען, עולם העשיה [דאס איז די וועלט וואס מיר זענען אויף איר], אונ עולם הבריאה, אונ עולם היצירה, אונ עולם האצילות, דאס זענען וועלטען פאר מלאכים שרפים אופנים חיות הקדש וואס מיר זעהן זיי ניט, אונ די משנה א״נ דער זוהר זאגען אונז אז אין יעדער וועלט פון די דריי וועלטען זענען נאך דא אזוי פיל וועלטען

גאר

נאר אן א צאהל, די משנה זאגט גאט וועט געבען צו יעדער צדיק דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען, אז מיר וועלען נאר בארעכענען ווי פיל טויזענדער צדיקים עס זענען דא אויף דער וועלט, אונ יעדער צדיק וועט האבען דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען. ווען ברק מיט דבורה האבען געהאלטען מלחמה מיט סיסרא, שטייט אין פסוק, די שטערען האבען אויך געהאלטען מלחמה מיט סיסרא, אונ דבורה האט געזאגט צו דיא יודען אורו מרוז אורו, ארור יושביה, איר זאלט פלוכען מרוז, זאגט די גמרא מרוז איז א שטערען וואס הייסט מרוז, זאל מען פלוכען דעם שטערען אונ מען זאל פלוכען די מענטשען וואס זיצען אונ וואהנען אין דעם שטערען, פאר וואס זיי זענען ניט געקומען מלחמה האלטען מיט סיסרא ווי אנדערע שטערען האבען געהאלטען מלחמה מיט סיסרא, זעהן מיר אז אויף די שטערען איז אויך דא וועלטען, אונ מיר קענען ניט זאגען דבורה האט געפלוכט די מענטשין וואס וואהנען אויף דער ערד אונטער דעם שטערען מרוז, די גמרא זאגט דאך אז דיא גאנצע ערד איז אונטער איין שטערען, דריבער מוזען מיר מודה זיין צו די פילאזאפען אז אויף יעדער שטערען איז א בעזונדער וועלט.

## פרק לו נאר וואס דיא פילאזאפען זאגען אז אויף דיא שטערען זענען אזעלכע וועלטין ווי אונזערע וועלט מיט אזעלכע מענטשען אונ בהמות, חיות,

עופות, טייכען, ימים, בערג, טאהלין, וועלדער, פעלדער, מען שטארבט מען ווערט געבארען, דאס איז שווער צו גלויבען, ווייל צו וואס האט זיא גאט אב-געטיילט זיי זאלען וואהנען אויף די שטערען, זאלען זיי וואהנען גלייך מיט אונז אויף די ערד אונ גאט האט געדארפט פערגרעסערין אונזערע ערד זיא זאל קענען פאר-נעמען אלע באשעפעניש צוזאמען, דריבער מוזען מיר זאגען אויף די שטערין זענען טאקי דא וועלטין נאר ניט אזוי א וועלט ווי אונזערע, נור אויף יעדער שטערען איז דא איין אנדער מין וועלט מיט אנדערע מינים באשעפעניש, ווארום אז זיי זאלען זיין ריכטיג אזעלכע באשעפעניש ווי מיר זענען מיט מענטשען בהמות חיות עופות, דיא לעבעדיגע מענטשען וואס זענען א״ף דעם שטערען חמה נאנט צו דיא זונן, וואלטען זיי דאך געדארפט פארברענט ווערען פון דיא היטץ, אונ ווען מיר קענען ניט פארנעמען די ליכטיגקייט פון די זונן, זיא מאכט בלינד די אויגען, וואס מיר זענען אזוי ווייט פון די זונן, ווי אזוי ווערען זיי ניט בלינד קוקענדיג אין דיא זונן וואס זיי זענען נעבען איר. אונ די מענטשען וואס וואהנען אויף דעם שטערען שבתאי ווי אזוי קענען זיי אויסהאלטען דיא גרויסע קעלט וואס דארטען איז, דריבער מוזען מיר זאגען אז די אלע באשעפעניש וואס זענען נאר געשלאסען פון א אנדער מאטעריאל, אז גאט ברוך הוא האט באשאפען פיל טויזענד ערליי מענטשען אונ פיל טויזענדער מינים בהמות חיות עופות, וואס זיי זענען מיט איין אנדערי מין לעבען אויף זייערע ערטער, זיי זענען ניט פון די פיר מאטעריאלין ופייער, וואסער,

לופט

לופט, ערד] וואס אונזערע באשעפעניש זענען דא אין די וועלט ביי אונז געפונען מיר אויך ענדערונגען אין דיא באשעפעניש, אלע באשעפעניש וואס געפונען זיך אויף דער ערד געפונען זיך אויך אין ים, פון דעסטוועגען זענען זיי גיענדערט, דיא פון וואסער קאנען ניט לעבען אויף דיא ערד און דיא פון דיא ערד קאנען ניט לעבען אין וואסער און די מענטשין וואס וואהנען אויף דיא שטערען אפילו מיר וועלען זאגען זייא זענען חכמים, אבער זייא זאלען זיין מיט א יצר הרע און מיט תאות דאס געוויס ניט, ווארום די תאות און דער יצר הרע וואס רעט זון דעם מענטש צו תאות דאס קומט נאר פון די פיר יסודות, וואס דער מענטש איז פון זיי באשאפען געווארען און אז זיי זענען ניט באשאפען פון די פיר יסודות האבין זיי קיין תאוה און קיין יצר הרע, און אז זיי האבען קיין תאוה האבען זיי קיין תורה, וויא די גמרא זאגט ווען די מלאכים האבען געוואלט מען זאל זיי געבען דיא תורה האט משה רבנו געזאגט צו זייא אז איר האט קיין יצר הרע צו וואס דארפט איר די תורה, דריבער פארשטייען מיר אז דער עיקר פון אלע וועלטין איז ביי גאט נאר די וועלט, און אלע טויזענדער און מיליאנען וועלטען וואס זענען דא זענען גאר באשאפען געווארען וועגען דיא איינע וועלט, וואס מיר רופען זיא עולם הזה, ווי די גמרא זאגט גאט האט געזאגט צו די יודען מיין טאכטער ז צוועלף מזלות האב איך באשאפען אין הימעל, אויף יעדער מזל האב איך באשאפען דרייסיג חיל, אויף יעדער חיל דרייסיג לגיון, רהטין, גסטרא, אויף יעדער גסטרא איז דא דריי הונדערט פינף און זעכציג טויזענד מאהל צעהן טויזענד שטערען, און דאס האב איך אלץ באשאפען נאר פון דיינעטוועגען, און ווייל דער תכלית פון אלע וועלטען איז נאר די וועלט דאריבער האט גאט געהייסען מען זאל בויען א משכן, נאכדעם א בית המקדש, ער זאל זיין מיט זיין כבוד דא אויף די וועלט, און די אלע טויזענדער וועלטען געהערען זיך ניט מיט אונז אזוי ווי די מלאכים געהערען זיך ניט מיט אונז. און אין אלע וועלטען זענען ניט דא אזעלכע באשעפעניש וואס זאלען שטארבען, נאר זייא לעבען אייביג, און געבורען קיין קינדער, און דארפען ניט עסען. אלץ אנדערש ווי אויף אונזערע וועלט, דאריבער איז די וועלט אבגעזאנדערט פון אלע וועלטען.

**פרק לז** נידעריגער פון אלע שטערען זענען די זיבען שטערען שבתאי, צדק, מאדים, חמה, נוגה, כוכב, לבנה, זיי ווערען גערופען פלאנעטין, דעם שטערען רופט מען שבתאי, ווייל שבתאי איז דער טייטש רוהונג, ווייל ער גייט זייער לאנג־זאם, עס דויערט דרייסיג יאהר ביז מען דערקענט אז ער האט זיך אפגערוקט פון זיין ארט, שבתאי איז דער טייטש שטערונג, דער שטערען פארלענגט פיל זאכען פון דער וועלט. דער אנדערער שטערען הייסט צדק, ווייל ער געוועלטיגט אויף אלע צדקות און אויף אלע דינים וואס ריכטען ערליך. דער דריטער שטערען הייסט

הייסט מאדים, ווייל ער איז רויט און ער געוועלטיגט אויף רציחה, און אויף בלוט פארגיסונג. דער פערטער שטערן הייסט חמה, ווייל ער ברענגט ווארעם אויף דער וועלט. דער פינפטער שטערן הייסט נוגה, ווייל ער איז ליכטיגער פון אלע שטערן דער זעקסטער שטערן איז כוכב. א טייל פילאזאפען רופען אים כותב, שרייבער ווייל ער פארשרייבט און פארצייכנט אלע זאכען וואס עס טרעפט אין זיין צייט. דער זיבעטער שטערן הייסט לבנה, ווייל ער איז ווייס, די לבנה האט דריי נעמען, לבנה, ירח, סהר. דיא זונן האט אויך דריי נעמען, שמש, חרס, חמה, די לעצטע אותיות פון די דריי נעמען איז שם"ה, דריי הונדערט פינף און זעכציג ווייל עס דויערט דריי הונדערט פינף און זעכציג טאג ביז די זונן גייט ארום איר ראד עס זאל ווערען גערעכנט א יאהר. אויף לאטיינישע נעמען שבתאי הייסט סאטורנוס צדק הייסט יופיטער, מאדים הייסט מארס. חמה הייסט זונא, נוגה הייסט וועניס, כוכב הייסט מערקוריוס, לבנה הייסט לונא, אדער טראבאנט. די אלע זיבען שטערן זענען קיילעכדיגע און זיי האבען קיין ליכטיגקייט, נאר זיי האבען א ליכטיגקייט פון די זונן, אזוי ווי די לבנה האט א ליכטיגקייט פון די זונן. פון די זיבען פלאנעטען זעהן מיר נאר צוויי, די זונן און די לבנה, און די איבעריגע פינף פלאנעטען, ווייסען נאר די פילאזאפען פון זיי, און זייער ווירקונג וואס זיי ווירקען אויף דער וועלט ווייסען מיר אויך נור, פון די זונן מיט די לבנה, די זונן מאכט צייטיג די פרוכטען פון די בוימער, די לבנה מאכט צייטיג די תבואה און פרוכטען פון די ערד. די זונן לייכט אויף דער וועלט און מאכט ריין דעם לופט און מאכט ווארעם און מאכט וואקסען פיל געוויקסען און פרוכטען פון די בוימער און די בלומען און פרוכטען וואס דיא זונן מאכט זיי וואקסען, ציהען זיך צו די זונן, פאר האלבען טאג ציהען זיי זיך צו מזרח זייט, נאך האלבען טאג ציהען זיי זיך צו מערב זייט. דאס מערסטע ווירקט די זונן אויף רויזען און אויף איילבירנען, און די לבנה ווירקט שטארק אויף דעם וואסער פון ים און אויף דעם וואסער פון די טייכען ווען די לבנה איז פוהל שטארקט זיך דאס וואסער, און ווען עס פעלט אין די לבנה פאלט אפ דאס וואסער, ענדע חדש ווירקט דאס פייכטקייט זייער שטארק

, דיא זונן וואס איז אין חדש אדר איז שעדליך פאר מענטשען ווייל דאמאלס זענען די מענטשען פוהל מיט פייכטקייט פון ווינטער וואס די איבעריגע פינף פלאנעטען ווירקען אויף דער וועלט ווייסען מיר נים, א טייל פילאזאפען ווייסען זייער ווירקונג, זיי מאכען געבוירען פון די ערד די מאטעריאלען און די ברילליאנטען. זיי ווירקען אויף דעם מענטש אויך, עס זענען דא פלאנעטען וואס מאכען פריילעך דעם מענטש, און וואס מאכען טרויעריג דעם מענטש. און וואס געבען חכמה אין דעם מענטש, און וואס געבען חן, און וואס

געבען

געבען אים רייכקייט, און וואס געבען אים געוועלטיגקייט. נאר מיר דארפען וויסען אז וואס די פלאנעטען טוהען איז דאס ניט מיט זייער ווילען, נאר מיט זייער נאטור וואס גאט האט אין זיי אריין געגעבען, די זיבען פלאנעטען גייען ארום די וועלט, די לבנה גייט ארום די וועלט אין זיבען און צוואנציג טעג מיט אכט שעה. כוכב גייט ארום די וועלט אין דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג מיט זעקס שעה. נוגה גייט אויך ארום די וועלט אין דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג מיט זעקס שעה. חמה גייט אויך ארום די וועלט אין דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג מיט פינף שעה מיט גיין און פערציג זעקונדען. מאדים גייט ארום די וועלט איין מאהל אין צוויי מיט א האלב יאהר. צדק גייט ארום די וועלט איין מאהל אין צוועלף יאהר. שבתאי גייט ארום די וועלט איין מאהל אין דרייסיג יאהר.

## פרק לח

די זונן איז דער גרעסטער פון אלע פלאנעטען, די לבנה איז גענטער צו די ערד פון אלע פלאנעטען, דאריבער דאכט זיך אונז אז די לבנה איז אזוי גרוים ווי די זונן, און אין אמת איז די זונן פיל מאהל גרעסער פון די לבנה, די לבנה אליין איז א פינסטערער מאטעריאל, נאר זיא האט איר ליכטיגקייט פון די זונן, און די ליכטיגקייט פון די לבנה איז נייצניג טויזענד מאהל שוואכער ווי די ליכטיגקייט פון די זונן. ווען די לבנה איז אין ענדע חדש נאנט פאר דעם מולד און אין אנהייב חדש נאנט נאך דעם מולד איז זיא דאמאלס גענטער צו די ערד ווי זיא איז אין מיטען חדש. אין די לבנה זעהט מען א מאהל ווי א פנים פון א מענטש און באמת איז דאס נאר פלעקען, טונקעלע פלעקען און ווייסע פלעקען [די פילאזאפען זאגען דאס זענען די בערג און די ימים וואס זענען אין די לבנה], ווארום אז א מענטש קוקט פון ווייטען אויף א זאך וואס זיא איז ווייס מיט שווארצע פלעקען, ווערט עס אויסזעהן פון ווייטען ווי א פנים פון א מענטש, אויף איין פלעק וועט ער מיינען דאס איז א נאז, אויף דעם אנדערען פלעק וועט ער מיינען דאס איז א מויל, אויף נאך פלעקען וועט ער מיינען דאס זענען אויגען, און ער וועט זיך פארשטעלען דאס איז א גאנצער פנים פון א מענטש און אזוי מיינט מען אויף די לבנה אויך.

## פרק לט

לקוי החמה, וואס די זונן ווערט געשלאגען [טונקעל], דאס טרעפט נאר ביי טאג, און נאר אים ראש חדש אדער איין טאג אדער צוויי פאר ראש חדש אויב דער מולד איז פאר ראש חדש, ווייל דאמאלס איז די לבנה אונטער די זונן און ווייל די לבנה אליין איז א טונקעלע זאך אז זיא קומט אינטער די זונן פארשטעלט זיא די ליכטיגקייט פון די זונן זיא זאל ניט לייכטען אויף דער ערד, די זונן איז די זעלביגע וואס אלע טאג און זיא האט די זעלביגע ליכטיגקייט וואס אלע טאג, נאר די לבנה פארשטעלט איר ליכטיגקייט, און דאס איז ניט אללע ראש חדש, נאר ווען די לבנה קומט ריכטיג אונטער די זונן, און דאס.

דאס מערסטע קומט די לבנה ביי דער זייט פון די זונן, איז זונן ליכטיג אן
א פארשטעלונג, נאר ווייל די לבנה איז קלענער פון די זונן אפילו ווען די לבנה
שטייט גלייך אונטער די זונן קען זיא אויך ניט פארשטעלען די גאנצע זונן נאר
די ליכטיגקייט פון די זונן לייכט אויף די ערד פון די זייטען ארום די לבנה, א.
ווייל די זונן גייט פון מזרח צו מערב און די לבנה גייט פון מערב צו מזרח הייבט
אן די לבנה פארשטעלען די זונן פריער פון מערב זייט. דאריבער ווערט דער ליקוי
החמה געזעהן פריער אין מערב זייט. און די לבנה גייט דאך איר וועג ווייטער
צו מזרח, גייט זיא דאך פריער אוועק פון מערב זייט, אז עס ווערט צוריק ליכטיג
ווערט פריער ליכטיג אין מערב זייט נאכדעם אז די לבנה איז אין גאנצען אוועק
געגאנגען פון די זונן ווערט ליכטיג אין מזרח זייט אויך און דער ליקוי החמה איז
נאר אויף דעם ארט וואס די לבנה שטייט אונטער די זונן, אבער די לאנדער
וואס זענען ווייט פון דעם ארט וואס דער ליקוי החמה איז, צו די שיינט די זונן
קרום פון א זייט פון איבער די לבנה, און נישט נאר די לבנה קען פארשטעלען
די זונן נאר איין פלאנעט פון די זיבען פלאנעטען אז ער קומט אונטער די זונן
פארשטעלט ער זי, און דאס הייסט אויך ליקוי החמה, נאר דאס איז זעלטען עס
זאל טרעפען, ביי היינטיגע צייט קענען די אסטראנאמער בארעכענען ריכטיג ווען
עס וועט קומען א פלאנעט אונטער די זונן און וועלכער פלאנעט, אין וועלכע שעה
ער וועט זיין אויף דעם ארט און וועלכע שעה ער וועט זיין אויף יענעם ארט.
און עס איז אזוי ריכטיג בארעכנט אז עס פעלט ניט איין מינוט, עס האט א מאהל
געטראפען דיא אסטראנאמער האבען געזאגט מיט א יאהר פריער אז איבער א יאהר
וועט זיין א ליקוי חמה פון א פלאנעט אין דעם טאג אויף דעם אינזעל א ט ע הי י ט ע.
דער אינזעל איז ווייט אין אמעריקא, און מענטשען פון ענגלאנד זענען געפארען
א יאהר אויף דעם ים צו די אינזעל זעהן אויב עס איז ריכטיג ווי די אסטראנאמער
האבען געזאגט, און יעדער פון זיי האט מיט זיך גענומען גרויסע פארגרעסער
גלעזער, און מיט איין טאג פריער זענען זיי געקומען אויף דעם אינזעל, און דער
ליקוי חמה פון פלאנעט נוגה איז געוועזען צו די מינוט ווי די אסטראנאמער האבען
געזאגט. און עס איז היינט מעגליך ביי די אסטראנאמער צו בארעכענען אלע ליקוי
החמה און אלע ליקוי הלבנה וואס עס וועט זיין און וואס עס איז געוועזען ביז דער צייט
וואס דיא וועלט איז באשאפען געווארען אזוי ריכטיג ווי מען בארעכענט די תקופות
און די מולדות, דורך די ליקוים האבען די חכמים פון איראפא געהאט א ויכוח
מיט די חכמים פון חינא, די חכמים פון חינא האבען געזאגט די וועלט שטייט שוין
צעהן טויזענדער יאהרען ווייל ביי זיי אין קראניק איז פארשריבען צעהן טויזענדער
מלכים וואס האבען געקיניגט אין זייער מדינה, איין מלך נאך דעם אנדערען, און
וויפיל יאהר יעדער מלך האט געקיניגט און וויפיל מלחמות יעדער מלך האט

געהאט, אונ אלץ וואס האט געטראפען צו יעדער מלך, אונ אלע ליקוי חמה אונ לבנה וואס איז געוועזען אין די צייט פון יעדער מלך, אונ די חכמים פון איראפא האבען גערעכונט די ליקוי חמה אונ לבנה וואס איז פארשריבען אין די היגעזישע ביכער צוריק ביז צום רעכענונג פון די וועלט באשאפונג ווי מיר רעכענען, זענען אלע געוועזען ריכטיג אונ אז מען האט אנגעהויבען רעכענען ביז נאך פריער, איז שוין דער רעכענונג ניט געוועזען ריכטיג, האט מען געזעהן אז אלץ וואס אין זייערע ביכער איז פארשריבען איז פאלש.

## פרק מ ליקוי הלבנה, טרעפט נאר ביי נאכט אונ נאר האלב חדש, ווייל

דאמאלס איז די לבנה הויך פון די ערד, אונ דאס ווייסען מיר אז די לבנה אליין איז א פינסטערער מאטעריאל, נאר די זונן גוט אריין א ליכטיגקייט אין די לבנה אזוי ווי א ליכט גוט א ליכטיגקייט אין א שפיגעל, אונ ביי נאכט איז די זונן אונטער די ערד, אונ ווייל די זונן איז גרעסער פון די ערד צעהן טויזענד מאהל הונדערט טויזענד, דאריבער גייט ארויף א ליכטיגקייט פון די זונן פון די זייטען ארום די ערד, ביז אין די לבנה ווערט זי דעמאלס ליכטיג, דאס איז נאר ווען די זונן איז אונטער דער ערד, אויף א זייט, נעענטער צו איין עק ערד, גייט ארויף פון דארטען די ליכטיגקייט צו די לבנה, אבער אז די זונן שטייט אונטער די ערד ריכטיג געגען די לבנה, ווייל די ערד איז פופציג מאהל גרעסער פון די לבנה פארשטעלט די ערד די ליכטיגקייט פון די זונן זיא זאל ניט לייכטען אויף די לבנה, בלייבט די לבנה טונקעל.

## פרק מא שבתאי, צדק, מאדים, חמה, נוגה, כוכב, לבנה, דער מזל שבתאי

איז אויף דעם הימעל נאנט צו די וואסער וואס זענען איבער דעם הימעל, דאריבער איז דער מזל שבתאי קאלט, אונ ווייל ער איז ווייט פון די זונן דאריבער האט ער אין זיך קיין ווארעמקייט, אונ ער איז קאלט אונ טרוקען וויא אייז אונ האגעל. דאריבער האט ער צו שאפען אויף דעם טויט אונ ארעמקייט ווייל דער טויטער איז קאלט אונ דער ארימאן איז אויך וויא געשטארבען, אונ ער האט צו שאפען אויף דעם זיבענטען טאג שבת, ווייל שבת ארבעט מען ניט. אונ שבתאי איז דער טייטש שטערונג אין שבת איז מען געשטערט פון ארבעט, אונ ער ווירקט אויף דיא מענטשען וואס זענען פויל צו ארבעטען. ווארום דיא קעלט מאכט דעם מענטש טרויעריג אונ פויל צו ארבעטען אונ זיי פארשפעטיגען שטענדיג, אונ זענען פארזארגט אונ קראנק. דאריבער האט דער שטערען שבתאי צו שאפען אויף אלע שלעכטס. אנדערע ספרים שרייבען די נאטור פון שבתאי איז קאלט אונ טרוקען, אונ די קעלט איז מער וויא דאס טרוקען, ער געוועלטיגט אויף די שווארצע מענטשען אונ מאגערע אונ פערזארגטע אונ אויף דיא וואס גייען אין בעשמוצטע קליידער, געבען אים גייען צוויי קליינע שטערען אזוי וויא זיי וואלטען געוועזען

זיינע היטערם, דער שטערען שבתאי מיט זיינע צוויי קליינע שטערען נעמען זייער ליכטיגקייט פון די זונן, דער קאלער פון דעם שטערען איז ווי בלייא, דורך דעם שטערען ברענגט גאט ברוך הוא אויף דער וועלט שטארקייט אונ געוועלטיגקייט אונ נקמה אונ מלחמה אונ הונגער. אונ דער מענטש וואס ווערט קראנק אין די שעה וואס דער שטערען שבתאי געוועלטיגט, וועט ער חלילה זיין קראנק אויף א לאנגע צייט אונ וועט האבען א שטארקע קראנקייט. יעדער מענטש איז באשאפען פון פיר יסודות פייער וואסער לופט ערד, דער מענטש וואס האט אין זיך דעם יסוד פון פייער מער ווי די דריי יסודות, וועט ער זיין אווארעמער מענטש מיט ווייניג פייכטקייט, אונ ער וועט זיין ווייס אונ וועט טרינקען מער ווי ער וועט עסען, זיינע גלידער וועלען זיין קליינע, אונ וועט זיין מאגער, ער וועט געשווינד בייז ווערען, אונ עס וועט זיין גרינג אים צום איבערבעטען, ער וועט זיין א עזות פנים, אונ ער וועט זיין א געשווינדער מענטש צום טאהן, אונ ער וועט האבען פיל האר אויף זיין לייב, ער וועט זיין א פריינגעביגער מענטש, ער וועט ניט האבען א געשטעלטע דעה, אונ וועט שטענדיג מורא האבען, אונ ער וועט ניט ליב האבעןווארעמע אונ טרוקענע עסען נאר קאלטע אונ פייכטע; אונ דער מענטש וואס האט אין זיך לופט מער ווי די דריי יסודות, וועט ער זיין ווארעם אונ פייכט. אונ ער וועט זיין געליבט פון אלע מענטשען, ער וועט ווייניג ריידען, אונ וועט האבען שיינע קינדער, ער וועט זיין א פריינגעביגער מענטש, ער וועט אלץ טאהן מיט יושר, אונ וועט זיין א בעגלויבטע מענטש, א פריילעכער א קלוגער, אונ וועט טאהן גוטע מעשים, אונ וועט ליב האבען שפילען, אונ וועט טאהן טובות מענטשין, זיינע מדות וועלען זיין מיטעל, ער וועט האלטען זיין ווארט, אז ער וועט זאגען יא וועט זיין יא, ער וועט נאר עסען קאלטע אונ טרוקענע. אונ דער מענטש וואס האט אין זיך ערד מער ווי די דריי יסודות וועט ער זיין קאלט אונ טרוקען ער וועט שטענדיג זיין טרויעריג, אונ קראנק, קארג, פויל, א נאר. אונ דער מענטש וואס האט אין זיך דעם יסוד וואסער מער ווי די דריי יסודות וועט ער זיין א קאלטער מענטש א פייכטער אונ א דיקער אונ וועט ליב האבען פיל שלאפען, אונ ער וועט זיין קלוג, ווארעמע אונ טרוקענע עסען וועט פאר אים זיין געזונד. אונ דער מענטש וואס וועט געבארען ווערען אין די שעה וואס דער מזל שבתאי געוועלטיגט אונ ער וועט אין זיך האבען דעם יסוד פון לופט מער ווי די דריי יסודות וועט ער האבען גרויס הצלחה אונ גרויס כבוד, אונ וועט זיין א צדיק אונ וועט פארשטיין צו געבען עצות. אונ אויב דער מענטש וואס וועט געבארען ווערען אין מזל שבתאי וועט האבען אין זיך דעם יסוד פון ערד מער ווי די דריי יסודות וועט ער האבען צו די פריערדיגע מדות נאך די מדות אויך, ער וועט זיין א פאלשער מענטש, ער וועט נארען מענטשען, ער וועט טאהן נקמות צו דעם מענטש

וואס

וואס וועט אים עטוואס שלעכטס טאהן, ער וועט האבען ליב קריג, און צו שלאגען. עס וועט זיך אפילו אין אים א מאהל דערוועקען ער זאל פארגעסערן זיינע אלע שלעכטע מדות, נאר דער געדאנק וועט ניט זיין אויף לאנג, נאר פון רעסטוועגען קען א מענטש ענדערען זיין געבארענע נאטור צו גוטען, ער זאל זיך געוואהנען מיט גוטע מדות, דאריבער האט גאט ברוך הוא געגעבען אין דעם מענטש חכמה ער זאל קענען געוועלטיגען אויף זיין נאטור א בהמה קען ניט ענדערען איר נאטור אבער א מענטש קען ענדערען זיין נאטור מיט געוואהנהייט און חכמה.

## פרק מב

דער חכמוני שרייבט דער מזל צדק ווייל ער איז אין זעקסטען הימעל, איז ער מיטעל גיט שטארק קאלט און ניט שטארק װארעם, ער איז װארעם און פייכט, די פייכטקייט האט ער פון די קעלט פון מזל שבתאי וואס ער איז אין דעם הימעל וואס איבער אים, און די װארעמקייט האט ער פון דעם מזל מאדים וואס ער איז אין דעם פינפטען הימעל וואס אונטער אים, און ווייל דער מזל צדק איז מיטעל מיט זיין װארעמקייט און מיט זיין פייכטקייט, דאריבער ווירקט ער אויף דעם לעבען און פרידען פון די מענטשען וואס ווערען געבארען אין זיין מזל, ווארום דער מענטש וואס זיין װארעמקייט און קאלטקייט זענען מיטעל, און זיין פייכטקייט און טרוקענקייט זענען מיטעל קען ער לאנג לעבען, און ווען די צייט איז מיטעל ניט שטארק הייס און ניט שטארק קאלט נאר װארעם, דיא צייט איז גוט פאר מענטשען און פאר געוויקסען. די מענטשען זענען מיט פרידע און מיט פרייליכקייט, מיט רייכקייט און שיינקייט און כבוד און גרויסקייט מיט שטילקייט און רוהיגקייט, ווייל דער מזל צדק געוועלטיגט נאר אויף גוטס, און געוועלטיגט דאנערשטיג, אין דעם טאג זענען באשאפען געווארען די עופות און די פיש און די גרויסע װאלפיש און אלע לעבעדיגע זאכען וואס קריכען אויף דיא ערד. און דער מענטש וואס ווערט געבארען אין מזל צדק ווערט ער גערופען בעל צדק, און ער געוועלטיגט אויף גרויסע לייט. און דער מענטש וואס האט א גרויסע געדעכטע געלבע בארד און האט ניט א גאלען קאפ איז ער אונטער דעם מזל שבתאי און איבער דעם מזל מאדים. דורך דעם מזל צדק טוהט גאט אויף דער וועלט צדקה און לעבען און יושר און ליבשאפט און מענטשען זענען באהעפט איינער צום אנדערען, און ער דערוועקט די הארצער פון מענטשען צו מעשים טובים און תשובה, און אלע פארזייהונג ווערען גוט איינגעווארצילט, און ער שפייזט די הונגעריגע, און ער איז גוט צו אלע געשעפטען. און דער מענטש וואס ווערט געבארען אין די שעה וואס דער מזל צדק געוועלטיגט, און ווען דער מזל גייט ארויף, וועט ער זיין א קלוגער, א בעגלייבטער און מיט א גוטען נאמען. און ער וועט האבען פרנסה מיט רייכקייט, און וועט האבען אפעטיט צו פיל עסען, און ער וועט ליב האבען צו זיין מיט מענטשען צוזאמען, און ער וועט זיין שיין און

גליקליך

גליקליך ער וועט בעקומען א ווייב וויא ער וויל, אונ גליקליכע קינדער.

**פרק מג** דער חכמוני שרייבט דער מזל מאדים ווייל ער איז ווארעם אונ טרוקען האט ער צו שאפען אויף בעם, דאס הייסט ער ווירקט אויף דעם מענטש אפילו ביי יעדער קלייניגע זאך וואס איז ניט ווי זיין ווילען ווערט ער בייז, דער בעם דערוועקט זיך אין א מענטש פון די היטץ וואס איז אין די רויטע גאל, אונ פון בעם קומט מען צו קריג אונ צו קנאה אונ שנאה אונ מען זאל שלאגען איינער דעם אנדערען אונ א קאהל צום הרגען אויך. דאריבער האט דער מזל מאדים צו ווירקען אויף אייזען אונ שווערד אונ אויף שלעכטס אונ שטערונג אונ אויף פייער אונ ער געוועלטיגט אויף דינסטאג, אין דעם טאג זענען די וואסער פאר־זאמעלט געווארען אין איין ארט אונ די ערד איז געזעהן געווארען. אונ די שטיינער וואס פון זיי גייט ארויס פייער אונ אייזען זענען אויך געזעהן געווארען אין דעם טאג. דעם טאג זענען באשאפען געווארען בוימער אונ גראז וואס זיי מאכען ברענגען דאס פייער, אנדערע ספרים שרייבען די נאטור פון מאדים איז ווארעם אונ שטארק טרוקען, ער געוועלטיגט אויף אלע מענטשען וואס זענען בייז. זייערע האר זענען שווארצליך אונ זיי ווערין געשווינד אלט, דער שטערען מאדים איז אין פינפטען הימעל אונטער דעם שטערען צדק אונ שבתאי, זיין ליכטיגקייט איז גליך פון די זונן, זיין קאלער איז רויט פון די זונן וואס שיינט אויף אים, דורך דעם שטערען שטראפט גאט די מענטשען מיט מגפות רחמנא ליצלן אונ מיט מכות אונ מיט הונגער אונ מיט שרפות אונ מלחמות, עס רייסט אוים מדינות אונ שטעט אונ צו ברעכט בוימער, אונ דער מענטש וואס איז געבארען אין דעם מזל מאדים, וועט ער זאגען רכילות, אונ וועט מאכען קריג צווישען ברידער אונ גוטע פריינד, אונ ער וועט זיך ערלויבען צו טייטען מענטשען, אונ ער וועט זיין א עזות פנים א בעסן, ער וועט מיט שטארקייט מנצח זיין דיא שונאים, אונ וועט ניט שטארבען מיט א גוטען טויט.

**פרק מד** דער מזל חמה איז אין פערטין הימעל, דריי מזלות [מאדים, צדק, שבתאי] זענען איבער אים, אונ דריי מזלות [נוגה, כוכב, לבנה] זענען אונטער אים, אין אים איז אריין געמישט פיר זאכען, קעלט, אונ פייכטקייט, ווארעם, אונ טרוקען, אונ פון איר כח זענען די פיר צייטען אין יאהר [קאלט, ווארעם, זומער, ווינטער], זיא האט א געוועלטיגקייט ווייל זיא איז פייער, קעלט האט זיא ווייל איבער איר איז א שטארקע קעלט פון די איבערשטע וואסער, א פייכטקייט האט זיא פון דיס פייכטקייט וואס גייט ארויף פון די אונטערשטע וואסער, אונ ווייל דער מזל חמה איז אויסגעמישט פון פיר זאכען, געוועלטיגט ער אויף דעם בעלייכטונג אונ ער מאכט א אבשיידונג צווישען טאג אונ נאכט, אונ זענען די ליכטיגקייט פון דעם מזל, זענען די לבנה מיט די שטערען טונקעל בי

טאג

טאג. די מקובלים זאגען אויך אזוי, חמה מיינט מען די זון, ער איז דיא גרעסטער פון אלע מזלות וואס אין הימעל. אונ ער בעלייכט די וועלט, אונ ער איז אין מיטען דיא מזלות, שבתאי צדק מאדים זענען איבער דיא זון אונ נוגה כוכב לבנה זענען אונטער דיא זון אונ זייא רופט מען דיא אונטערשטע שטערען. דיא קאלער פון דיא זון איז גרין אונ רויט. דיא זון וואֶרעמט אונ זיא גיט ליכטיגקייט אין די דרייא שטערען וואס איבער איר אונ אין די דריי שטערען וואס אונטער איר, די זון מאכט טרוקען אונ מאכט ריין דעם לופט, זיא מאכט צייטיג אונ זיס די פרוכטען, אונ מאכט וואקסען די פארזייהונג. אונ זיא גיט אריין יא לעבענדיגען סוחט אין אלע לעבענדיגע זאכען. אונ דער מענטש וואס ווערט געבארען ווען דער מזל חמה געוועלטיגט, אונ ווען דער מזל גייט ארויף איז ער א עזות פנים, אונ שטאלץ, אויך פרייליך, ער וועט האנדלען ערליך, אונ ער וועט האבען א שטארקען גייסט, אונ שיינע האר. אונ אויב ער וועט געבארען ווערען ווען דער מזל חמה גייט אראפ, וועט ער קיין רוהיגקייט געפינען, ער וועט גיין פון איין שטאט אין דיא אנדערע שטאט, אונ ער וועט האבען שאדין פון פייער.

## פרק מה

דער מזל נוגה איז קאלט אונ פייכט ווי וואסער, אונ ער איז א ביסעל דערוואֶרעמט פון די זון וואס איבער אים, אונ ער געוועלטיגט אויף תאוה, מענטשען זאלען גלוסטען צו פערגעניגען אונ צו פרייליכקייט, אונ זיי זאלען האבען חן אונ ליבשאפט, אונ ער גיט דעם מענטש א תאוה צו פרויען, דריבער געוועלטיגט דער מזל נוגה פרייטאג ווייל דענסטמאהל איז באשאפען געווארען אדם אונ חוה. זיין ליכטיגקייט איז פון די זון, זיין געשטאלט איז ניט שטענדיג גלייך, א מאהל זעהט מען אים גרויס, א מאהל גאנץ, א מאהל האלב אונ אפגעהאקט, א מאהל מיט הערנער, דאס איז אלץ ווי די שטראלען פון די זון פאלען אויף אים, אונ אזוי ווי עס טרעפט די לבנה אזוי טרעפט אים, א מאהל איז ער נידעריגער פון די זון אונ א מאהל העכער, ווען ער איז העכער פון דיא זון זעהט מען אים גאנץ אונ ווען ער איז נידעריגער זעהט מען אים ווי מיט הערנער. דורך דעם מזל נוגה טוהט גאט אויף דער וועלט שטילקייט אונ פרידען אונ אלע מינים שפילען אונ זינגען אונ די פרייליכקייט וואס עס איז ביי א חתונה. אונ דער מענטש וואס ווערט געבארען אין די צייט ווען דער מזל נוגה גייט ארויף, וועט ער זיין א צדיק אונ וועט זיין פעהיג צום פארדינען, ער וועט האבען חן ביי מענטשען אונ וועט זיך בענוגען מיט זיין בעשטאנד, אונ וועט זיין א ריכטיגער מענטש מיט א גוטע נאטור. אבער ווער עס ווערט געבארען ווען דער מזל גייט אראפ, וועט ער זיין זעהר אונגליקליך.

## פרק מו

דער מזל כוכב איז קאלט אונ טרוקען, טרוקען אונ א ביסעל פייכט, די קעלט האט ער פון די לבנה וואס זיא איז אונטער אים, אונ די לבנה

אי

איז קאלט ווי שנייא, די טרוקען מיט די וואַרעם האט ער פון די שטערן וואס זענען אונטער אים, די פייכטקייט האט ער פון דעם מזל נוגה וואס ער איז קאלט און פייכט ווי וואסער ווייל ער איז אביסעל דערוואַרעמט פון די זונן, ער איז א ביסעל קאלט א ביסעל טרוקען א ביסעל וואַרעם און א ביסעל פייכט, דאס הייסט מיטעל, דאריבער האט דער מזל צו געוועלטיגען אויף חכמה, און צו קענען קריצען אלע ערליי קריצונג, און צו מאכען אלע ערליי ארבעטען, און צו שרייבען אלע ערליי שריפטען, און צו שפראכען. און דער מענטש וואס ווערט געבארען אין דעם מזל כוכב ווען ער גייט ארויף, וועט ער זיין אגרויסער מאן און א עצה געבער ביי דעם מלך, און וועט האבען א גוטע נאטור. און אויב ער וועט געבארין ווערען ווען דער מזל גייט אראפ וועט ער זיין א פאלשער מענטש און וועט זיין אין א סכנה

**פרק מז** דער מזל לבנה איז קאלט ווי שנייא, און צו צייטענווייז האט ער א ביסעל וואַרעם, דאריבער געוועלטיגט די לבנה מיט ביידע כחות, דער וואַרעמער כח גיט אויף דעם מענטש חן און גוטס, און דער כח פון די לבנה טרייבט ארויס פון דער ערד דיא גראז און אלע פארזייהונג זיי זאלען וואַקסען, און אלע ביינער פון מענטש ווערען פיהל מיט מארך, און די בלוט אין מענטש ווערט גימערט, און די וואסער אין די ברונענס ווערען גימערט, און די לעבער מיט די מילץ אין מענטש ווערען גרויס, און יערע לעבענדיגע זאך וואס איז מאגער ווערט גראב און דיק, ווען עס איז דער מולד און נאך האלב חדש ווען די לבנה הייבט אן קלענער ווערען, אלע קליידער און אלע געשפונענע זאכען וואס זענען איינגעטונקט געווארען אין וואסער הייבען דאמאלס אן קאליע ווערען. און אלע בוימער וואס ווערען דאמאלס אבגעשניטען פון ווארצעל, ווערען געשווינד געשפאלטען, און פארפוילט. די פרוכטען וואס ווערען דאמאלס אפגעשניטען פון בוים ווערען אויך געשווינד פארפוילט, די וואל און די האר וואס מען שערט דאמאלס ווערען פארלענגט פון זיך אליין, און ווען די לבנה שטייט איבער די ערד איז דאמאלס שלעכט צו אלע זאכען און ווען די לבנה גייט צוזאמען מיט א גוטען שטערן אדער מיט א גוטען מזל, איז זיא גוט צו אלע זאכען, און זיא געוועלטיגט אויף מאנטאג ווייל זיא איז קאלט ווי שניי און מאנטאג זענען די וואסער פארגליווערט געווארען, און פון דעם איז באשאפען געווארען דער הימעל וואס איבער אונז. אנדערע ספרים שרייבען די לבנה מיט איר נאטור איז קאלט און פייכט. און זיא גלוסט נאר צו נעמען א ליכטיגקייט פון די זונן און לייכטען צו אונז, און זיא מאכט צייטיג די פרוכטין וואס וואקסען פון די ערד. און זיא שטארקט די וואלען וואס אין ים, און דער מענטש וואס ווערט געבארען אין די צייט וואס די לבנה געוועלטיגט און ווען דער מזל גייט ארויף וועט ער באהען און צו ווארפען, ער וועט אנהייבען מאהן א זאך

וועט ער ניא צו טאָרפען, אונ ער וועט שטענדיג זיין קראנק, אונ ער וועט האבען ליב צו וואהנען נעבען וואסער.

**פרק מז** דיא גמרא זאגט די יודען האבען קיין מזל, די שטערען אונ דיא מזלות טוהען זייער זאך גאנץ ריכטיג איינער ווערט געבארען אין א גוטען מזל אונ איינער ווערט געבארען אין א שלעכטען מזל, נאר פון דעסטוועגען קען דער מענטש ענדערען דעם מזל, דהיינו איינער ווערט געבארען אין מזל מאדים דארף ער זיין א בלוט פערגיסער, פון דעסטוועגען אויב ער וויל קען ער ענדערען דעם מזל, דהיינו ער ווערט א שוחט אדער א מוהל, אונ א מאהל איז פארקערט, איינער ווערט געבארען אין מזל צדק דארף ער זיין א צדיק, אונ אז ער וויל ענדערט ער דעם מזל, אונ קען מאהן אלע גרעסטע זינד, דאריבער אויב א מענטש איז געבארין אין א שלעכטען מזל דארף ער ניט זיין טרויעריג אונ בעזארגט. מיט זיינע גוטע מעשים אונ תפלה קען ער פוילען אין הימעל מען זאל ענדערען זיין מזל, אזוי ווי מיר געפונען ביי אברהם אבינו עליו השלום, זיין מזל האט געוויזען ער זאל קיין קינדער האבען, האט גאט געזאגט איך וועל ענדערען דיין מזל אונ די וועסט יא האבען קינדער, אונ אזויא איז געגען רייכקייט אונ ארעם, אפילו דער מזל ווייזט שלעכט אויף איינעם ער וועט זיין איין ארעם מאן, פון דעסטוועגען זאל ער ניט זארגען גאט קען ענדערען דעם מזל אונ ער קען רייך ווערען, אדער פארקערט, איינער איז געבארען אין מזל פון רייכקייט פון דעסטוועגען זאל ער זיך ניט פארלאזען אויף דעם מזל, אויב ער וועט זינדיגען וועט גאט ענדערען זיין מזל אונ ער קען ארעם ווערען, אונ אפילו מיר זעהן איינער איז א רשע אונ איז רייך אונ זיינע שלעכטע מעשים מאכען אים ניט שאדין זיין רייכקייט, אונ מיר זעהן איינער איז א צדיק אונ איז ארעם אונ זיינע תפלות העלפען אים ניט צו ענדערען זיין מזל ער זאל רייך ווערען, דאס איז שוין איין אלטע פראגע, אונ אויף די פראגע ווייסט מען קיין תירוץ, די זאך ווייסט נאר גאט אליין. עס איז אזוי, א מאהל האט א רשע איין מצוה אונ די מצוה ברענגט אויף אים רייכקייט אונ ביי א צדיק קען זיין פארקערט ער האט איין עבירה אונ די עבירה לאזט ניט ער זאל רייך ווערען. דער עיקר איז יעדער יוד דארף נאר ניט קוקען אויף דעם מזל, ער דארף נאר האפפען צו גאט אונ בעטען צו אים, ווען ער איז ארעם אדער חס ושלום קראנק זאל ער נאר בעטען צו גאט, ווארום דער מזל איז דאך אויך ביי גאט אין האנד אונ אויב ער איז רייך זאל ער זיך ניט פארלאזען אויף זיין מזל נאר ער זאל בעטען ביי גאט ער זאל ניט אוועק נעמען פון אים די רייכקייט.

**פרק מח** דער מזל טלה האט צו זיך דרייצעהן שטערען דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש ניסן וועט ער האבען א לאנגען פנים אונ גרויסע אויגען, דעם קאפ אבאפגעבויגען, זיין האלז גראב. פיל האר אויף זיין לייב.

ער

ער וועט שיין רעדען גאר פיל, זיין שטימע וועט זיין א ביסעל שוואך. דער וואס ווערט געבארען אין חדש איר, וועט זיין גלייך געוואקסען, א לאנגע פנים, גרויסע אויגען, זיין האלז גראב און קורץ, א ברייטען שטערען. דער וואס ווערט געבארין אין חדש סיון וועט ער זיין גלייך געוואקסען מיט א ברייטען בויך, ער וועט שיין רעדין מיט א שטארקע שטימע, ער וועט זיין א נוטהארציגער, פרייגעביג, ער וועט אלץ קענען, א שרייבער, א רעכענער, א גרויסער חכם, זיין פרומקייט וועט זיין מיטעל מעסיג. דער וואס ווערט געבארען אין חדש תמוז וועט ער זיין הויך און שיין געוואקסען, א נוטער מענטש פיל מענטשען וועלען אים ליב האבען. ער וועט פיל טראכטען און קלערען, זיין פרנסה וועט זיין פון פראסטע מענטשען. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש אב, וועט ער זיין שיין געוואקסען, ער וועט זיין א שטארקער מענטש און א כעסן, דינע ציין, ער וועט קיין קינדער האבען, ער וועט הוטען צו האלטען זיין ווארט, ער וועט זיך איינשטעלען אין סכנת נפשות, זיין פרנסה וועט זיין פון גרויסע לייט. דער מענטש וואס ווערט געבארין אין חדש אלול וועט ער זיין שיין און גלייך געוואקסען, קלוג, גלאטע האר, ער וועט ליב האבען פרומקייט, ער וועט האבען א שטארקע שטימע, ער וועט קיין קינדער האבען, ער וועט זיין א נוטער מענטש, א געלערנטער. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש תשרי וועט האבען גלייכע גלידער און וועט שיין רעדען, און וועט זיין קלוג און פרום און וועט זיין פעהיג צו ארבייט, ער וועט ליב האבען צו פאנגען אין וואלד חיות עופות, דאס לייב פון זיין קערפער וועט זיין שענער ווי זיין פנים. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש מרחשון, וועט זיין א ביסעל שווארץ, בעוואקסען מיט פיל האר, קליינע אויגען, לאנגע פיס, א גרויסען פנים, א שמאלען שטערען, ברייטע פלייצעס, מיאוס, און א שוואכע שטימע, א פאלשער, א כעסן, א ליגנער, ער וועט זאגען רכילות. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש כסלו, וועט זיין גלייך געוואקסען, געלע האר, גראבע פוס, א גרויסען בויך, ער וועט זיין גרינג צום שפרינגען, ער וועט ליב האבען פערד, ער וועט זיין א פאלשער מענטש, זיינע מדות וועלען ניט זיין אלע מאהל גלייך, ער וועט האבען א דינע שטימע, ער וועט ניט האבען פיל קינדער, זיין פרנסה וועט זיין פון סאנדעס, פון פרוסטע יודען, פון סוחרים, פון חלומות פותר זיין. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש טבת, וועט זיין שיין, א קליינעם קאפ, גראבע באקען, א שפיציגען בארד, קיינע האר אויף זיינע ברוסטען, א דינע שטימע, א כעסן, א פאלשער מענטש, א בעוואָרנטער, ער וועט האבען פיל קינדער, און צווילינגס, זיינע מעשים וועלען זיין שלעכטע, ער וועט זיין שוואך. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש שבט, וועט זיין נידעריג מיט א גרויסען קאפ, אין פוס א גראבער, א נוטער, און א פרייגעביגער, א שיינער, ער וועט זיך אליין לויבין

ער

ער וועט נאר וועלען האבען פיל געלד, ער וועט האבען ווייניג קינדער. דער מענטש וואס ווערט געבארען אין חדש אדר וועט זיין מיטעל געוואקסען, א ווייסער מענטש, מיט ברייטע ברוסט, א שיינע בארד, א גרויסען שטערען, שווארצע אויגען, א ליבהאבער פון שלאפען, א פרעסער א זויפער, א בעסן, זיין פרנסה וועט זיין פון פיש פאנגען. אויסער די אלע שטערען וואס מיר האבען דא געשריבען זענען נאך דא שטערען אזוי פיל נאר אן א צאהל, אויף יעדער זאך וואס איז דא אויף דער וועלט איז דא א שטערען וואס געוועלטיגט אויף דער זאך, אויף אלע מינים גראז, אויף אלע מינים בוימער, אויף בהמות חיות עופות פיש, אויף ימים און טייכען, אויף דונערען און בליטצען, אויף ווינטען.

**פרק מט** עס זענען דא מיני וואס ווערען באשאפען פון די ערד, און ושאבעס וואס ווערען באשאפען פון רעגען וואסער. עס זענען דא קליינע פליגען וואס ווערען באשאפען פון זאערע ווייןם, עס זענען דא בינען וואס ווערען באשאפען פון דיא מיסט פון אקסען און קוה. בינען און פליגען האבען א שטארקין חוש הריח, זיי דערשמעקען פון ווייטען, מער פון אלע לעבענדיגע זאכען. עס זענען דא א זעלכע לעבענדיגע זאכען וואס האבען קיין בלוט אין זיך, דאס זענען בינען און מילבין. און אלע לעבענדיגע זאכען האבען אין זיך בלוט, נאר א טייל האבען אין זיך הייסע בלוט און א טייל קאלטע בלוט. אלע לעבענדיגע זאכען האבען מארך אין זייערע ביינער, נאר דער לייב האט קיין מארך אין זיינע ביינער, דריבער זענען די ביינער פון א לייב הארט, אז מען זאל קלאפען א ביין אויף א ביין וועט ארויס גיין פייער. אלע לעבענדיגע זאכען האבען קיין ביין אין הארצען, נאר א פערד האט א ביין אין הארצען, און עס איז דא א מין אקסען וואס האבען אויך א ביין אין הארצען. אלע לעבענדיגע זאכען הייבען אן צו גיין פריער מיט די רעכטע פוס, נאר דער עלפאנד גייט פריער מיט די לינקע פוס. עס זענען דא א זעלכע לעבענדיגע זאכען אז זיי טרינקען וואסער שטארבען זיי. עס זענען דא א זעלכע באשעפענישען וואס זייא האבען קיין גאל, און א זעלכע וואס האבען אין דיא גידערים אזוי ווי א טויב אדער ווי א פויגעל, טייל האבען זייער גאל אין בויך, און טייל אין אויער, א הערש און א אינד האבען זייער גאל אין ווידול. די עופות וואס זענען טרפה האבען קיין גאל. עס זענען דא באשעפענישען וואס מען זאל זיי אויסשטעכען די אויגען וואקסט אין זיי צוריק אנדערע אויגען. עס זענען דא עופות וואס זייערע נקבות ווערען מעוברת פון דעם לופט וואס דער זכר גיט א בלאז אויף די נקבה, דער לופט גייט אריין אין איר דורך דעם מויל און זיא ווערט מעוברת מיט אייער, און אז זיא געבירט די אייער דערוואַרעמט זיא זיי ביז דיא קליינע פייגעל ווערען געבארען. עס זענען דא פייגעל וואס זענען מזנה זייער פיל, און בארייבער לעבין זיי קיין גאנצען יאהר. עס זענען דא באשעפענישען וואס עסען וועקס

מאהל

מאהל אין טאג, און וואס עסען ניין מאהל אין טאג, און וואס עסען צוועלף מאהל אין טאג, דער עלעפאנד עסט און טרינקט איין מאהל אין טאג, א קעמיל קען זיין דריי טאג אן טרינקען, נאכדעם טרינקט ער מיט א מאהל זייער פיל. ביי אלע באשעפעניששען זענען די נקבות שוואכער פון די זכרים, נאר א וואלף און א לעמפערט זענען די נקבות שטארקער פון די זכרים. עס זענען דא באשעפעניששען וואס זייער קורצסטע עסען איז ביינער, און די פלעדער מויז איז דאס מערסטע עסען אירע האר. עס זענען דא באשעפענישען וואס גאט האט זיי געגעבען אין די נאטור אז זיי ווערען קראנק ווייסען זיי וועלכע גראז עס וועט זיי געזונד מאכען און ווייסען וואו צו געפונען דעם גראז, אז א הונד אין דארף ווערט קראנק לויפט ער אין פעלד און זוכט דעם גראז און עסט אים ברעכט ער ארויס פון זיך די קראנקקייט. עס איז דא א מין פויגעל וואס עסט שלאנגען, ער ווייסט אבער אז באלד נאך דעם עסען וועט ער שטארבען, איז אבער דא א מין גראז אז דער פויגעל עסט אים באלד נאכדעם ווי ער האט אפגעגעסען דעם שלאנג וועט ער בלייבען לעבען, איז די נאטור פון דעם פויגעל ער גרייט אן פריער דעם גראז נאכדעם עסט ער דעם שלאנג, ער זאל קענען באלד נאכדעם שלאנג עסען דעם גראז. דער שלאנג אז ער ווערט קראנק הייסט ער צו עסען אזוי א מין פרוכט ער זאל געזונד ווערען. די אינדין אין וואלד אז מען שיסט אין איר אריין א פייל אדער א קויל, אויב זיא בלייבט לעבען ווייסט זיא פון אזוי א מין גראז וואס טרייבט ארויס פון איר די פיילען און די קוילען. עס איז דא א מין באשעפעניש וואס הייסט פרא, ער קען אויף זיך ניט טראגען קיין לאסט, און ער קען זיך בעגיין אן טרינקען א לאנגע צייט און ער טרינקט ניט, ווייל ער וויל זיין דארשטיג, טאמער קומט מען צו אים און מען וויל אים כאפען לויפט ער געשווינד צום וואסער און טרינקט אזוי פיל וואסער וויפיל ער קען נאר טרינקען און ער קערט אום זיין פנים צו דעם מענטש וואס וויל אים פאנגען און שפריצט אויף אים אזוי פיל וואסער ביז ער מוז אנטלויפען פון אים. די שלאנגען בעהאלטען זיך ווינטער אונטער די ערד, און ליגען ביז צום פרילינג, און ווען זיי גייען ארויס מיט א מאהל פון די פינסטערניס אין די ליכטיגקייט ווערען קאליע זייערע אויגען, ווייסען זיי צו גיין נעמען און צו קייען אזוי א גראז, און שפייען אים צוריק ארויס פון מויל און לייגען דאס צו די אויגען ווערען די אויגען געזונד. עס איז דא א מין פויגעל אז ער בעקומט שמערצען אין בויך טייט ער אזוי א מין פויגעל וואס הייסט דלפוך, און ער עסט פון זיין לעבער ווערט ער געזונד. עס זענען דא פייגעל אז זיי ווילען מאכען א נעסט זוכען זיי צו געפונען שטרויא און טונקען דאס אין ליים און מאכען זיי א פונדאמענט צום נעסט. דער שפין האט ליב פליגען, וועבט ער א נעץ און אז א פליג פליהט ארויף ווערט ער פארטשעפעט און קען ניט ארויס צוריק, און דער שפין קומט

באלד

באלד צו אים און נוגט אויס זיין פייכטקייט. עס איז דא א פויגעל וואס האט א קרומען האלז און א לאנגען צונג, און ער האט ליב צו עסען די מוראשקעס. זיי אנטלויפען אבער פון אים. טוהט ער מיט חכמה, ער גייט צו דעם ארט וואס דארט זענען דא פיל מוראשקעס און ער לייגט זיך אויף דער ערד און מאכט זיך ווי טויט ער ריהרט זיך נים נאר ער שטעקט ארויס זיין לאנגען צונג פליהען ארויף פיל מוראשקעס אויף די צונג, אז ער שפירט דער צונג איז פיהל בעלייגט מיט די מוראשקעס נעמט ער אריין דעם צונג אין מויל און עסט זיי אויף, און שטעקט נאך א מאהל ארויס דעם צונג און אזוי מ... ער פיל מאהל ביז ער ווערט זאט מיט זיי. עס איז דא א מין פויגעל וואס ער איז נאר א זכר אהן א נקבה, און ער לעבט ביז טויזענד יאהר, אין ענדע טויזענד יאהר גייט ארויס א פייער פון זיין נעסט און עס פארברענט אים, נאר דער קערפער זיינער ווערט נים פארברענט, און עס וואקסט ארויס פון דעם קערפער נייע גלידער מיט פעדערען און ער ווערט לעבענדיג, אזוי איז אלע טויזענד יאהר, דעם עוף רופט מען חול. דער אדלער האט א נאטור אלע ענדע צעהן יאהר גייט ער צו א פייער און אז זיין קערפער הייבט אן צו ברענען אנטלויפט ער פון דעם פייער און ווארפט זיך אריין אין ים אפקיהלען, פאלען ארויס פון אים זיינע פעדערען, נאכדעם וואקסט אים צוריק די פעדערען דארט ווייטער צעהן יאהר, ענדע צעהן יאהר גייט ער נאך א מאהל צו א פייער און טוהט אזוי ווי פריער, ביז הונדערט יאהר, ווי ער ווערט אלט הונדערט יאהר גייט ער צו א פייער און אז זיין קערפער הייבט אן צו ברענען לויפט ער אריין אין ים און ווערט דערטרונקען. עס איז דא א מין עוף וואס ער דערקענט זיין פאטער. אפילו דער פאטער זייגער וועט שטיין מיט טויזענד עופות צוזאמען אלע פון דעם זעלבינען מין וואס זיין פאטער, פון דעסטוועגען דערקענט ער אים. עס איז דא א מין באשעפעניש וואס זיי האבען א מלך, און ביי נאכט זיצען זיי אין גריבער אונטער דער ערד און איינע פון זיי שטייט אין דערהייך צו היטען טאמער קומט מען זיי פאנגען אדער הרגנען, און אז זיא הערט די טריט פון א מענטש אדער זיא זעהט א מענטש גייט, הייבט זיא אן שרייען ביז זיא וועקט זיי אויף פון שלאף זיי זאלען אנטלויפען, און אויב ער זעהט זיי שלאפען און הערין ניט זיין שרייען, נעמט ער א שטיין און ווארפט אריין צו זיי ביז זייא וועקען זיך אויף און אנטלויפען. עס איז דא א מין חיה זיא הייסט סלמנדרא זיא ווערט באשאפען פון פייער, און איהר קערפער איז פייער און זיא ווערט געשפייזט פון פייער. מען זאגט עס איז דא א בארג מיט שוועבעל און אויף דעם בארג ברענט שטענדיג פייער און פון דעם פייער ווערט באשאפען דער סלמנדרא, פון די וואל פון דעם סלמנדרא מאכט מען קליידער, און אז די קליידער ווערען שמוטציג לייגט מען זייא

אריין

אריין אין פייער ווערען זיי צוריק ניי נייע קליידער.

**פרק נ** דער וואלף איז שטארק ניפטיג אונ עס גייט ארויס פון זיין מויל א שלעכטער פארגיפטעטער ריח, אז א מענטש זאל צו גיין נאנט צו אים גייט אריין דער שלעכטער לופט אין זיין האלז אונ ער קען ניט רייִדען אונ ניט שרייען אונ דאריבער חאפט אים דער וואלף באלד. אונ עס איז דא אזוי א שלאנג וואס האט א ברענענדיגען גיפט אונ ער פארברענט די לופט וואס ארום אינו מיט זיין גיפט, אונ אז א מענטש קומט נאנט צו אים ווערט ער דערשטיקט פון דעם לופט אונ קען ניט רייִדען אונ ניט שרייען. אויב עטליכע מענטשען ווארפען שטיינער אויף א וואלף, קוקט ער נאר ווער עס איז געוועזען דער ערשטער וואס האט געווארפען אונ אים לויפט ער הרגנען, אונ אויב דער שטיין האט אים גאר ניט געטאהן, גייט ער אוועק פון דעם ארט אונ לויפט ניט צו די מענטשען. דאס מערסט האט דער וואלף ליב צו עסען פיש. דער עלפאנד לאזט זיך האדעווען פון זיין בעל הבית אונ איז צו אים אונטערטעניג, אונ אז זיין הערר רעדט צו אים מיט גוטע רייד פארשטייט ער וואס דער בעל הבית מיינט מיט זיינע רייד אונ פאלגט, אונ ער איז קלוג, מען קען אים אויסלערנען ער זאל זיך בוקען צו זיין הערר.

אונ ער לעבט ביז הונדערט יאהר, עס זענען דא א זעלכע עלפאנדען וואס לעבען ביז צוויי הונדערט אדער ביז דריי הונדערט יאהר, אונ ער איז א גרויסער חכם, ער עסט אונ טרינקט נאר איין מאהל אין טאג, אונ ווען ער שרייט איז די שטימע זיינע אזוי הויך ווי פון א לייב, אונ נאך דעם שרייען בלייבט אים א לופט אין די נאז לעבער אונ דער לופט גייט ארויס פון זיינע נאז לעבער מיט א שייגעם אנגענעמען געזאנג. אונ ווען דער עלפאנד האט בעקומען א שמערצען אין זיינע גלידער דארף מען אים געבען צום טרינקען ווארעמע וואסער, אונ גראז איינגעטונקט אין האניג, וועט ער געזונד ווערען. אונ ווען ער איז מיד אונ קען ניט שלאפען, זאל מען בעשמירען זיינע אקסלען מיט בוימאייל. עס זענען דא עלפאנדען וואס טרינקען בוימאייל. אונ אויב ער האט אריינגעשלונגען אין בויך אייזען, וועט ער אים ארויס שפייען. די עלפאנדען טרינקען וויין. אונ אויב דער וויין איז צומישט מיט בוימאייל האט ער אינו זייער ליב צו טרינקען. אונ ער קען ניט אראפבייגען זיין קאפ צו דער ערד, מיט זיינע

לאנגע נאז נעמט ער דאס עסען אונ ליינט אריין אין מויל, מיט די נאז טרינקט ער, אונ ציהט אריין אין זיך דעם לופט, אונ ער האט גרויסע ציון, אונ זיינע פאדערשטע פיס זענען גרעסער ווי די אונטערשטע פיס אונ ער שלאפט שטייענדיג. דער קעמעל עסט איין מאהל אין דריי טעג אונ ער לעבט ביז דרייסיג יאהר. עס זענען דא קעמלען וואס לעבען ביז הונדערט יאהר, אונ ער קען לעבען אכט טאג אן טרינקען, עס איז דא אזוי א שטערן אז דער קעמעל דערזעהט אים שטארבט ער באלד, אדער ער ווערט פריער משוגע נאכדעם שטארבט ער. די הונד דערקענען זייער הערר אונ היטען אים אונ זיין שטוב, אונ זיי דערשמעקען פון גאנץ וויט, אונ דערקענען זייער הערר מיט זיין ריח, אונ אויב א משוגענער הונד האט געביסען א מענטש ווערט דער מענטש משוגע אונ אין זיין ארין זעהט מען קליינע הונדליך, אונ אויב מען האט די ארין דורך געזייעט דורך א געדיכטע זאך, זעהט מען שוין ניט די קליינע הונדליך, אונ אויב נאך דעם זייען האט מען אריין געגאסען די ארין אין א גלעזערנע כלי אונ עס איז געשטאנען איין שעה, זעהט מען נאך א מאהל די קליינע הונדליך, אונ א משוגענער הונד אנטלויפט פון וואסער וויל ער זעהט זיין שאטען, אונ דער מענטש וואס איז געביסען געווארען פון דעם משוגענעם הונד אנטלויפט אויך פון וואסער, וויל ער שרעקט אויך אז ער זעהט זיין פנים אין וואסער. דער בער שאקילט זיך שטענדיג אונ רוהט ניט איין מינוט. מען זאל נעמען א ביסעל שמאלץ פון א בער אונ באשמירען אויף א שטיקעל פאפיר אדער אויף איין אנדער זאך אונ מען זאל דאס לייגען אין שטוב, אלע פלייא וואס זענען אין שטוב וועלען קומען צו די שמאלץ.

דער לייב איז זייער שטארק אונ ער האט מורא פאר א קליינע חיה, אז דער לייב עסט די מויל שפרינגט זיא אריין צו אים אין מויל ביז אין בויך אזוי געשווינד אז דער לייב קען זיא ניט ערהאלטען אין מויל, אונ זיא מאכט אים גרויסע שמערצען אין בויך ביז ער שטארבט. דער אינד, דאס איז א מין כשרה חיה, ווען די נקבה געביערט אירע קינדער עסט זיא אזוי א גראז וואס הייסט שרפטינא, נאכדעם גייט זיא צו אירע קינדער אונ צו יעדער מאהל וואס זיי גייען ארויס פון זייערע בעהאלטענע ארטער צו זוכען עסען, עסען זיי פריהער די גראז שרפטינא, די גראז מאכט זיי א פעטיט צוגו עסען. אונ ווען איינער שיסט אריין א פייל אין א אינד א נקבה, זוכט זיא באלד דעם גראז וואס הייסט פוליאל-ריאל אונ זיא עסט דעם גראז ווען ער איז יונג אונ פייכט גייט באלד ארויס פון איר די פייל. זומער לויפען די שלאנגען נאך די אינדין אונ ווילען זיי בייסען, אונ די אינדען אנטלויפען פאר זיי, אונ אז די אינדין זעהן זיי קענען זיך ניט רעטען פון די שלאנגען, פאנגען זיי די שלאנגען אונ שלינגען זיי

אריין אין זיך, אונ אז דער גיסט פון די שלאנגען הייבט זיי אן צו ברענען אין בויך גייען זייא צו א טייך אונ גייען אריין טיף אין וואסער ביז צום האלז אונ זיי שטייען אין וואסער א טאג אדער צוויי טאג דער וואסער זאל זיי קיהלען אינווייניג. אונ ווער עס טרינקט פון דעם וואסער שטארבט, אונ ווען די אינדין שטייען אין דעם קאלטען וואסער גיסט זיך טרערען פון זייערע אויגען אונ די טרערען ווערען בלעזליך נעבען די אויגען אונ די בלעזליך ווערען פארטריקונט אינ הארט ווי שטיין; אונ ווען מען וויל פאנגען די אינדין גייען צוויי מענטשען אונ איינער זינגט אונ דער אינד האט ליב צו הערען זינגען קומט ער באלד צו לויפען אונ שטעלט זיך נעבען דעם מענטש וואס זינגט, דאמאלס קומט פון אונטען דער אנדערער מענטש אונ פאנגט אים, ווייל ער איז פארטראכט אין דעם זינגען הערט ער ניט ווי מען קומט אים פאנגען. אונ אויב דער אינד הייבט אויף זיינע אויערען אין דערהייך אונ הערט ווי מען קומט אים פאנגען, אנטלויפט ער צוריק אין וואלד אונ וויל ניט הערען דאס זינגען, אז דיא הערנער פון די אינדין ווערען זייער גרויס פאלען זייא ארויס אונ עס וואקסען אנדערע הערנער, אונ זיי בעהאלטען די הערנער מען זאל זיי ניט קענען געפינען, דעם לינקען הארען בעהאלטען זיי אזוי שטארק אז מען קען אים קיין מאהל געפינען.

## פרק נא

מרטוטא, דאס איז א מין חיה וואס זי שלאפט א גאנצען טאג, נאר איין שעה אדער ביז צוויי שעה אין טאג איז זיא וואכענדיג פון שלאף. ארי צין, דאס איז א מין חיה אז זיא וויל וויקעלט זיא זיך אין ווי א קנויל קיילעכדיג, דעם קאפ נעמט זיא אריין אינווייניג אונ מען דערקענט גאר ניט אז עס ליגט א לעבעדיגע זאך, אונ אירע האר שטעכען ווי דערנער, אונ זיא ווייסט וועלכער ווינט עס וועט זיין מארגען אונ נאך שפעטער, אונ זיא מאכט פאר זיך א גרוב אין דער ערד צו וואהנען, אונ אלע מאהל ענדערט זיא די לאך פון איר וואהנונג געגען דעם ווינט וואס דארף קומען, עס זאל אריין קומען א פרישער לופט אין איר וואהנונג. עס טרעפט א מאהל א הוהן לייגט א איי וואס אינווייניג איז דא צוויי געלכליך, אונ אז די הוהן זיצט אויף די איי ווערט געבארען א הונדעל מיט צוויי קעפליך אונ פיר פיסלאך אבער זיא קען ניט לעבען. א פאווע לעבט ביז פינף אונ צוואנציג יאהר, אונ זיא זיצט אויף אירע אייער דרייסיג טאג ביז עס ווערט געבארען א קינד, אונ דאס טוהט זיא גאר איין מאהל אין יאהר. עס זענען דא גאטונגען עופות וואס מען טאר זיי ניט עסען אונ זיי זעהן זייער נייט, אונ זיי לערנען זייערע קינדער זיי זאלען קוקען אין די זונן. אונ אז עס גייט טרערען פון זייערע אויגען קוקענדיג אויף די זונן שטארבען זיי, אונ אויב זיי קענען ניט קוקען אויף די זונן, שלאגען די מוטערס זיי אונווארפען זיי ארויב פון די נעסט. עס זענען דא א גאטונג עופות וואס צוויי זכרים האבען א מלחמה

און

און ווער עס נעמט איין די מלחמה באהעפט ער זיך מיט די ווייב פון דעם וואס האט פארלארען דיא מלחמה, און ווען זיי באהעפטען זיך באהעפט זיך די נקבה איר מאן זאל איר ניט זעהן. גר ואש, דאס איז א גאטונג עופות וואס זענען זייער קלוג, און זיי גייען ארויף אויף די הויכע ערטער, און אז זיי זעהן פון ווייטען עס קומט א וואלקען, שרייען זיי מיט א הויכע שטימע זייערע חברים זאלען הערען און זאלען זיך בעהאלטען אין די נעסטען פאר דעם רעגען. און אז אלע האבין שוין אפגעשריגען שרייט זייער עלצטער, דאמאלס לויפען זיי שוין אין די נעסטין. און ווען זיי זענען אלע אויף דער ערד, גייט דער עלצטער אלע מאהל אכטונג געבען כאמער גייט א מענטש, און אויב ער זעהט א מענטש גייט הייבט ער זיין שרייען פליהען אלע ארויף אין דערהייך, און ווען זיי שלאפען שטייען זיי אויף איין פוס זיי זאלען שנעל מיד ווערען ועלען זיי ניט לאנג שלאפען. און עס איז דא א גאטונג עוף וואס זיי וואהנען צווישען די טייכען, אז ער זעהט א עוף וואס איז ניט זיין מין שלינגט ער אים אריין לעבענדיג, און אז ער ווייסט שוין דער עוף איז שוין טויט ווארפט ער אים צוריק ארויס פון מויל און נעמט אראפ די פלייש פון די ביינער און עסט זיי און די ביינער לאזט ער ליגען. עס איז דא א גאטונג עוף אז ער זעהט פון ווייטען עס פליהט אזוי א פויגעל וואס ער ערמארדעט עופות, שטעקט ער אריין דעם קאפ אין זאמד אדער אין א לאך, ער מיינט אז ער וועט דעם פויגעל ניט זעהן וועט דער פויגעל אים אויך ניט זעהן. עס איז דא א גאטונג עוף וואס זיי זענען אויף די זומפיגע ערטער, און זיי שרייען מיט א זיסע און א אנגענעמע שטימע, און אז איינער פון זיי שטארבט שרייען זיי מיט א הויכע און א וויינענדיגע שטימע. עס איז דא א גאטונג עוף וואס אלע טאג שרייט ער מיט איין אנדער שטימע, און זיין נעסט מאכט ער אויף דיא בוימער, די נעסט איז געמאכט פון וואל מיט האר. עס איז דא א גאטונג עופות ווען זיי ווערען גרויס שפייזען זיי זייער פאטער און מוטער. אזוי ווי זייערע פאטער און מוטער האבען זיי געשפייזט ווען זיי זענען געוועזען קליין. עס איז דא א גאטונג עופות וואס זייערע אלטערען טוהען גאר נישט, נאר זיי זיצען רוהיג אין זייער נעסט און די קינדער ברענגען זיי עסען, עס איז דא א גאטונג עופות וואס זיי מאכען זייערע נעסטען גאנץ שטארק אפילו מיט א אייזען קען מען ניט צוברעכען זייערע נעסטען, און זייער עסען איז פיש. עס איז דא א גאטונג עופות וואס זיי עסען נאר פרוכטען פון די בוימער, און נאר פון א זעלכע בוימער וואס האבען א זאפט. עס איז דא א גאטונג עופות וואס עס איז שעדליך צו קוקען אויף זייא. עס איז דא א גאטונג עופות וואס זיי זעהן זייער ווייט, און פון נאנטען זעהן זיי ניט. די שטרוים ווען ער געביערט זיינע אייער, לייגט ער זיי אויף א הויכען ארט און ער שטעלט זיך געגען זיי און ער קוקט אויף זיי אזוי לאנג ביז עס גייען

ארויס

גרויס די יונגע פייגעלאך פון די אייער, און אויב עס זאל וועלכער מענטש אדער א בהמה אדער א חיה, דורך גיין צוטרעטען די שטרויס און די אייער, ווערט זיא אים באלד הרגענען. ווארום אז איר קוקען אויף די אייער פעלט אין מיטען איין רגע ווערען די אייער קאליע און עס ווערט שוין פון זיי קיין קינדער זיין. אין די וועלדער פון ארץ ישראל איז דא א נאטונג חיה, זיא איז גלייך צו א עזעל נאר ער האט א גרויסען וויידעל און ער האט א זיסע און אנגענעמע שטימע, אז ער דערזעהט א מענטש שטעלט ער זיך אויף צוויי פיס און מיט די פאדערשטע צוויי פיס קלאפט ער אויף זיין בויך ווי א פויק און זינגט און טאנצט און גייט צוריק אונטער זיך געגענטער צום וואלד און דעם מענטש גלוסט נאר ניט אוועק צו גיין פון אים, ווי ער האט שוין דעם מענטש אין וואלד פאלט ער ארויף אויף אים פלוצלונג און עפינט אים זיין מוח און ציהט ארויס פון אים דעם מארך פון קאפ און לאזט אים ליגען. עס איז דא א נאטונג ווארעם, ער איז לאנג א פערטיל איל און ברייט ווי א פינגער און ער האט גאנץ דינע פיס אויף זיין גאנצע לענג פון ביידע זייטען, אז דער ווארעם טרעפט א מענטש וואס שלאפט קריכט ער ארויף אויף אים גאנץ שטיל, און זיינע דינע פיסלאך שטעכט ער אריין אין זיין לייב און אז דער מענטש שפירט אין שלאף עס קריכט עטוואס אויף אים און ער ווארפט אראפ דעם ווארעם פון זיך, אבער די פיסלאך זיינע בלייבען שטעקען אין זיין לייב און מען מוז באלד אויסשניידען פון לייב אלע פיסלאך, און אויב מען וועט ניט באלד אויס-שניידען די פיסלאך פון לייב וועט דער מענטש ווערען בראנדיג און וועט שטארבען

**פרק נב** אלופט באלאן. פון שטארקע ווידענציינג מאכט מען א זאק נאר קיילעכדיג ווי א איי און גרויס, די ווידענציינג ווערט בעשמירט אויס-וויניג מיט וואקס, עס זאל קיין לעכעל זיין, און די זייט וואס וועט זיין אונטען מאכט מען אין איר א טירול צו עפענען און צו מאכען, און מען בינדט אן איין עק פון א לאנגע שטריק צום באלאן און דעם אנדערען עק בינדט מען אן צו א אייזערנעם רינג וואס זיצט אין דער ערד, און מען צינדט אן א פייער מיט פיטריאל און צינק צוזאמען (אדער גאז), און מען ציהט אריין דעם רויך פון דעם פייער מיט דעם לופט צוזאמען אין דעם באלאן, און דער באלאן ווערט פולל מיט דעם רויך און לופט ווערט ער גוט פארמאכט, און מען מאכט פון ריטער געפלאכטען אזוי ווי א שיפעל, און מיט שטריק בינדט מען עס צום באלאן, און א מענטש זעטצט זיך אין דעם שיפול, און דער אויסוויינגסטער לופט הייבט אויף דעם באלאן מיט דעם שיפול אין דער הייך אין דעם שיפול ליגט זעק מיט זאמד און ערד, שווער צו מאכען דער באלאן זאל ניט גיין צו פיל אין דער הייך, און מען שניידט אפ דעם שטריק און דער באלאן הייבט זיך וואס א מאהל העכער, ביז פיר מינוטען

קען

קען ער זיין אזוי הויך מען זאל איהם גאר ניט זעהן, ער פליהט נאך העכער ווי די וואלקינס, אונ ער פליהט אין דערהייך ווי א פויגעל, אונ ווי א שיף שווימט אויף דעם וואסער אזוי שווימט דער באלאן אויף די לופט אונ אז ער וויל דער באלאן זאל נאך העכער פליהען נעמט ער א זאק ערד אונ ווארפט איהם אראפ פון שיפול ווערט די שיפול גרינגער הייבט זיך אויף דער באלאן העכער, נאר ווייל דער זאק ערד קען א מאהל פאלען אויף א מענטש אונ איהם הרגענען, דאריבער שיט ער ארויס די ערד פון זאק ביסלאכווייז, אונ אז ער וויל דער באלאן זאל גיין נאך העכער שיט ער אויס נאך א זאק ערד נאר ווי דער באלאן וועט פליהען דאס ווייסט ער ניט גיין מיט דעם באלאן ווי ער וויל דאס קען ער ניט, דאס געהער צום ווינט, ווי דער ווינט פירט איהם דארט מוז ער גיין, א מאהל בלאזט א ווינט פון מזרח זייט מוז דער באלאן גיין צו מערב, אדער פארקערט דער מערב ווינט טרייבט איהם צו מזרח, אונ ער קען ניט וויסען ווי פיל מייל ער לויפט אין א שעה, ערשטענס איז אין דערהייך ניטא די ציייכונגס פון די מיילען, צווייטענס דאס געהער אויך צום ווינט, אויב א שטארקער ווינט לויפט דער באלאן געשווינדער, אויב עס איז שטיל אין א ווינט פליהט ער לאנגזאם, ווען ער וויל ארונטער, עפינט ער דאס טירול פון באלאן, הייבט אן ארויס גיין דער לופט לאזט זיך דער באלאן אראפ צו דער ערד, נאר עס מוז גיעפינט ווערען מיט חכמה, אז ער וועט די טירול עפענען מיט זיין מאהל אין גאנצען וועט ער מיט איין מאהל אראפ פאלען אויף דער ערד אונ וועט געהרגעט ווערען, דאריבער מוז ער וויסען א רעכענונג ווי אזוי צו עפענען דאס טירול, דער באלאן זאל זיך אראפלאזען לאנגזאם ער זאל אראפקומען אויף דער ערד אן א שאדען. פון דעסטוועגען זענען דא טויזענדער מענטשען וואס ווילען ניט פארען מיט דעם באלאן, ווייל זיי האבען מורא טאמער וועט דער באלאן פליהען איבער דעם ים, אדער איבער א וויסט ארט אונ עס וועט טרעפען מען וועט ניט קענען פארגעסען דעם לופט. אדער עס וועט פעלען עסען אדער איין אנדער אומגליק ניאם טאכט זיך אין דערהייך מיט א מענטשען, אראפ גיין וועט מען ניט קענען, עס איז דאך אונטען דער ים, אדער דער גרויסער מדבר מיט פיל חיות, קען מען דאך שטארבען; אונ ווייל עס קען טרעפען נאך א אומגליק אויף דעם באלאן, דער באלאן זאל צוריסען ווערען, קען ער מיט איין מאהל אראפ פאלען אויף דער ערד, אונ געהרגעט ווערען, דאריבער נעמט מען מיט זיך אין שיפול א גרויסען פאראשאל דער דעק פון פאראשאל זאל זיין ניט צוזאמענגעבונדען אין אלע זייטען אונ אין מיטען זאל זיין אין פאראשאל א גראבער שטעקען א גרויסער אונ דער פאראשאל זאל זיין אין שיפול שטענדיג אפען, אונ אויב עס וועט טרעפען דער באלאן וועט צוריסען ווערען זאל ער שטארק האלטען דעם פאראשאל איבער זיך אזוי ווי מען האלט א פאראשאל איבער זיך ווען עס רעגענט, וועט ער קענען לאנגזאם אראפקומען אויף

דער

דער ערד אן א שאדען, עס איז געווען איין פראנצאזע בלאנטשארט וואס איז
פיל מאהל געפלויגען מיט דעם לופט באלאן אונ איז ניט אראפגעקומען אן א
שאדען. א מאהל האט געטראפען דער בלאנטשארט איז אראפגעקומען מיט זיין
באלאן איז האלאנד אויף א פעלד, דער בויער פון די פעלד מיט זיינע קנעכט
האבען געזעהן דעם באלאן מיט דעם שיפול, אונ אזוי ווי א מענטש גייט ארויס
פון דעם שיפול האבען זיי גאר ניט געוואוסט וואס דאס איז זיי האבען געמיינט
דאס איז א טייוויל האבען זייא אים געשלאגען אונ ארויסגעטריבען פון פעלד.
דעם באלאן מיט דעם שיפול האבען זיי צוריסען, ווי מען האט דאס דערציילט
דעם שררה פון דארף האט ער בעשטראפט דעם בויער ער זאל אים בעצאהלען
דעם שאדען. אכט אונ דרייסיג מאהל איז בלאנטשארט געפארען מיט זיין באלאן
אין דערהייך אונ איז צו יעדער מאהל אראפגעקומען אן א שאדען, אין דעם יאהר
הקמ"ג איז בלאנטשארט מיט א באלאן אריבער געפלויגען אין פיר ג שעה דעם
גרויסען ים וואס צווישען ענגלאנד אונ פראנקרייך, ער איז אריין געגאנגען אין באלאן
אין ענגלאנד אין די שטאט דאווער אונ ער איז מיט דעם ווינט אריבער
געפלויגען דעם ים ביז ער איז געקומען אין פראנקרייך אין די שטאט קאלע.
דארט איז ער אראפגעקומען מיט דעם באלאן מיט גרויס כבוד. פון דעם באלאן
זעהן מיר וואס דוד המלך האט געזאגט אויף די חכמה וואס גאט האט געגעבען
אין דעם מענטש, ער זאל זיין א עובר ארחות ימים, ער זאל אריבער פארען דעם
ים אפילו אן א שיף, נאר ווי א פויגעל וואס פליהט אין דער לופט.

**פרק נג** גאט האט געגעבען א נאטור אין דעם לופט ער זאל קענען גיענדערט
ווערען דורך קעלט אונ דורך ווארעם, ווען עס איז ווארעם פארשפרייט
זיך דער לופט, אונ פון אביסעל ווערט פיל, אונ ווען עס איז קאלט ווערט דער
לופט איינגעצויגען אונ איינגעשרומפען, פון פיל ווערט ווייניג, א פראבע קענען מיר
זעהן, מען זאל נעמען א פענכערז אונ מען זאל אין אים אריין בלאזען לופט ביז
פול, אונ מען זאל אים פערבינדען אונ לייגען אויף א קאלטען ארט, וועט מען זעהן
ווי אין פענכערז וועט ווערען אלע מאהל ווייניגער דער לופט, אונ וואס קעלטער
דער ארט איז געשווינדער וועט דער לופט ארויס געצויגען ווערען פון פענכערז
ביז ער וועט בלייבען ליידיג אויב עס איז שטארק קאלט. אונ מען זאל נעמען
נאך א פענכערז אונ מען זאל אין אים אריין בלאזען ווייניג לופט, אונ מען זאל אים
גוט צו בינדען, אונ מען זאל לייגען דעם פענכערז אויף א ווארעמען ארט וועט מען
זעהן דער פענכערז ווערט אלע מאהל פולער מיט לופט ביז דער פענכערז וועט
גאר פול ווערען. אונ אויב די היץ איז גאר שטארק וועט דער לופט אזוי פיל ווערען
אז דער פענכערז וועט פלאצען, נאך א פראבע קען מען מאכען מען זאל נעמען
א קופערנע כלי אונ מען זאל אין איר אריין גיסען וואסער אונ אריין לייגען טרוקענע
ביינער,

ביינער ביז אינוויינינ זאל ווערען פוהל אונ מען זאל די כלי ניט פארמאכען מיט א קופערנעם אדער א אייזערנעם דעק, אונ מען זאל שטעלען די כלי אויף זו קוימען אונ אונטען זאל מען לייגען פייער ביז די וואסער זאל אינוויינינ גוט הייסעם ווערען, ווערען די ביינער צוברעכען אויף שטיקלאך, ווייל דער לופט וואס אין דעם וואסער איז הערוואַרעמט געווארען אונ וויל ארויס גיין אונ ער קען ניט ארויס גיין שטויסט ער אלץ אונ צוטרייבט די ביינער. אונ מיר זעהן אלע טאג אז זיין גיסט אין א האלבען טאפ וואסער אונ מען שטעלט דעם טאפ צום פייער ווי ווינציג טאפ ווערט הייס הייבען זיך אויף די וואסער, ביז עס לויפט ארויס פון טאפ, זעהן מיר אפילו די וואסער וואס אין זיי איז דא דער לופט צושפרייטען זיך אויך פון דעם לופט אז ער ווערט הייס; אונ מיר זעהן פארקערט אויך, ווען עס איז זופראסט אונ דער לופט וואס אין די וואסער ווערט צוזאמען געצויגען ציהט ער צוזאמען די וואסער זיי זאלען ווערען איין שטיק, אונ זייא האלטען זיך אזוי שטארק אונ פעסט זו אויף דעם אייז קען פארען דער שווערסטער וואגען אונ דער אייז ווערט ניט צוברעכען, אונ עס איז דא פיל ווייבע זאכען ווען עס איז קאלט ווערט דאס פארגליווערט ווי איין שטיק, אונ ווען עס איז ווארעם אדער הייס צו גייט דאס ווי וואסער. יעדער מענטש איז מיט דער באטור ווינטער שטארקער ווי זומער, ווייל ווינטער גייט דער לופט צוזאמען דעם קערפער אונ שטארקט אים, אבער זומער צו שפרייט די היץ דעם קערפער אונ די קרעפטען פון די גלידער זענען צו שפרייט אונ דער לופט איז ווייניג אין זיי, דאריבער זענען זיי שוואך. אונ מיר זעהן די מענטשען וואס וואהנען אין די קאלטע לאנדער זענען שטארקער פון די מענטשען וואס וואהנען אין די ווארעמע לאנדער, אונ יעדער מענטש איז ווינטער עטוואס נידעריגער ווי זומער, אונ יעדער מענטש איז ביי נאכט ווען ער ליגט אין בעט אין דער ווארעם עטוואס לענגער ווי ביי טאג. [אונ ווען דער מענטש ארבעט א שווערע ארבעט זעהט ער אויס נידעריגער ווי ער איז אין די צייט וואס ער רוהט (וואווס אין יעדען מענטש איז דא א ביינדעל וואס ער איז ווי א נוטע א מאהל איז ער איינגעצויגען אונ א מאהל צו שפרייט ער זיך, ווען דער מענטש ארבעט ווערט ער איינגעצויגען, אונ ווען דער מענטש רוהט צו שפרייט ער זיך]. אונ מיר זעהן אז מען ברענט א אייזען שטארק אין פייער ווערט ער ווייך, אונ אז מען לייגט אים אריין אין קאלטע וואסער ווערט ער באלד הארט, ווייל ווען דער אייזען איז געווען הייס איז דער לופט אינוויינינ געווען פארשפרייט אונ שיטער, דאריבער האט מען דעם אייזען געקענט בייגען. אבער נאכדעם אז דער אייזען איז קאלט געווארען אונ דער לופט איז צוזאמען געקומען איז דער אייזען געשטארקט געווארען.

**פרק נד** נאך זעהן מיר דער לופט קען זיך ניט צוזאמען קוועטשען ענג זאל קענען אריין גיין אין איין כלי מער לופט. אזוי ווי מיר זעהן ביי אנדערע

נאבעז

זאכען, למשל כען שיט אריין מעהל אין א כלי אפילו די כלי איז שוין פוהל, פון דעסטוועגען קען מען די מעהל איין קוועטשען אונ מען קען אריין שיטען נאך מעהל. אבער מען זאל נעמען א פענכארז אונ אין אים אריין בלאזען לופט ביז פוהל אונ אים שטארק צו בינדען, אונ מען זאל אים קוועטשען מיט כח וועט זיך צוזאמען קוועטשען דער לופט עס זאל קענען אריין גיין מער לופט, נאר קוועטשענדיג וועט צוריסען ווערען דער פענכארז אונ דאס גאנצע לופט וועט ארויס גיין מיט איין מאהל, אבער אז מען וועט אריין בלאזען לופט אין פענכארז ניט ביז פוהל, מעג מען קוועטשען דעם פענכארז מיט דעם גרעסטען כח אונ ער וועט ניט צוריסען ווערען, אונ אויב איינער וועט האבען א גרויסען פענכארז אונ וועט אין אים אריין בלאזען לופט ביז העלפט. אונ וועט אים גוט צו בינדען, קען ער אים מאכען פאר א קישען צו שלאפען אויף אים, ער וועט זיין ווייך אונ גוט, אין דער פריה וועט ער אויפבינדען דעם פענכארז וועט ארויס דער לופט, וועט ער איינקוועטשען דעם פענכארז אונ וועט אים אריין לייגען אין קעשענע, ביי נאכט וועט ער אים אנבלאזען מיט לופט אונ וועט שלאפען אויף אים, אונ דאס איז גוט פאר מענטשען וואס פארען אין וועג, נאך איין וואונדערזעהן מיר אין דעם לופט, מען זאל נעמען א גלעזערנע כלי א פיר קאנטיגע אדער א דריי קאנטיגע נאר ניט א קיילעכדיגע, אונ מען זאל פון איר ארויס פלומפען דעם לופט אונ מען זאל זיא די זעקונדע צוטאכען מיט א דעק איידער עס גייט אריין אין איר א פרישער לופט, וועט די כלי באלד צובראכען ווערען, פון דעם אויסווייניגסטען לופט וואס ליגט אויף איר גאנץ שווער, נאר אזוי לאנג ווי די כלי איז פוהל מיט לופט אינווייניג, קען איר דער אויסווייניגסטער לופט קיין שאדען מאהן, דער סימן איז, מען זאל נעמען צוויי ברעטליך פון האלץ אדער פון איין אנדער מאטעריאל, אייזען, קופער, די ביידע ברעטליך זאלען זיין פונקט צו געפאסטען אין די לענג אונ אין די ברייט, אונ זיי זאלען זיין גוט אפגעהובלעוועט גלאט אז מען וועט לייגען א ברעטיל אויף א ברעטיל וועט קיין לופט קענען דורך גיין צווישען די ברעטליך, וועלען די ביידע ברעטליך צוגעקלעבט ווערען איינער צום אנדערען אזוי שטארק אז מיט דעם גרעסטען כח וועט מען ניט קענען אפרייסען איינס פון דעם צווייטען, ווייל דער אויסווייניגסטער לופט פון ביידע זייטען שטויסט צוזאמען די ברעטליך. אבער אז די ביידע ברעטליך ועגען ניט גאנץ גלאט אינווייניג גאר עס קען דורך גיין א ביסעל לופט צווישען זיי, וועט שוין דער אויסווייניגסטער לופט זיי ניט צוקוועטשען, וועלען דיא צוויי ברעטליך ניט צוגעקלעבט ווערען איינער צום אנדערען דאס איז דער כלל דער אינווייניגסטער לופט שטויסט אוועק די שווערקייט פון אויסווייניגסטען לופט, דאריבער ליגט ניט די שווערקייט פון אויסווייניגסטען לופט אויף דעם מענטש ווייל יעדער מענטש איז פוהל אינווייניג מיט לופט, אונ מען זאל אנבלאזען א פענכארז מיט לופט וועט דער

פענכארז

פענכארז מיט לופט וועגען שוועבער ווי דער לייכטער פענכארז

**פרק נד** אזוי ווי מיר ווייסען שוין אז די ווארעם טרייבט אוועק פון זיך דעם לופט, אונ דאריבער איז דער מענטש זומער שוואכער פון ווינטער

דאריבער אז עס קומט ווינטער זאל מען ניט מאכען ביי זיך אין שטוב זומער. מען זאל ניט הייצען צו שטארק, ווייל די שטארקע ווארעם אין שטוב איז שעדליך צום הארצען אונ צום אטעם, ווארום ביי יעדער מענטש אין הארצען איז דא א שטארקע היץ, אונ דאריבער דארף דער מענטש ציהען אין זיך א קיהלען לופט אבער אז ער ציהט אין זיך צווארעמען לופט גיט ער צו היץ אויף היץ. אונ אין א שטוב וואס איז דא א קראנקער דארף מען געוויס אכטונג געבען אין שטוב ווייניג צו הייצען עס זאל ניט זיין צו הייס, אונ אין א שטוב וואס איז דא א קינד וואס האט פאקען אדער קלאטערען זאל מען געוויס ניט מאכען די שטוב צו פיל הייס. דער כלל, אין יעדער שטוב זאל מען הייצען נאך דעם ערך פון די קעלט וואס איז אין גאס, מען דארף נאר זעהן אין שטוב זאל ניט קאלט זיין, אבער הייס זאל אויך ניט זיין.

**פרק נה** דער לופט איז דאס ערשטע לעבונג פון מענטשען אונ פון אלע לעבעדיגע זאכען וואס זענען אויף דער וועלט, דער לופט וואס דער מענטש ציהט אריין אין זיך ער טרייבט די בלוט אין דעם מענטש פון דעם הארץ אין אלע אדערען, אונ פון דעם אטעם וואס דער מענטש אטעמט מיט דעם לופט קלאפט דער דפק אויף די האנר, ווי פיל מאהל ער ציהט דעם אטעם אין איין מינוט, אזוי פיל מאהל קלאפט דער דפק אין איין מינוט, ביי יונגע קינדער קלאפט דער דפק הונדערט פופצעהן מאהל אין איין מינוט, ביי מיטעלע מענטשען קלאפט דער דפק פיר אונ אכציג מאהל אין איין מינוט, ביי אלע מענטשען קלאפט דער דפק זיבעציג מאהל אין איין מינוט, מען זאגט אז אין אלע פינף מינוטען שעפט דער מענטש אריין אין זיך א פולע פאס לופט, איין שעה שעפט ער אריין אין זיך צוועלף גרויסע פעסער לופט. אונ פיר אונ צוואנציג מאהל אין איין שעה לויפט דורך די בלוט אין גאנצען קערפער פון מענטש דורך די הארץ.

**פרק נו** דער פייער געפינט זיך אין יעדער זאך נאר עס איז פערשידען, עס זענען דא זאכען וואס אין זיי איז דא דער פייער קראפט פיל, אונ עס איז דא זאכען וואס אין זייא איז דער פייער קראפט ווייניג. אין בוימאייל אונ וואקס איז דער פייער קראפט פיל, דאריבער אזוי אז דער פייער רירט נאר אן דעם בוימאייל ווערט שוין א פלאם פייער, דאס שטארקסטע איז דער נאפט. אין אים איז דא אזוי פיל פייער אפילו דער פייער האט נאך ניט אנגערירט דעם נאפט ער איז נאך פון ווייטען הייבט שוין אן דער נאפט צוברענען, נאזוי ווי מיר זעהן אז מען פארלעשט א ליכט אונ עס גייט נאך ארויף אז מען רירט אן פייער

צו

צו דעם רויך צינדט זיך אן די ליכט, אזוי דער ריח פון דעם נאפט איז פייער. דאריבער אז דער פייער קומט צוזאמען מיט דעם ריח פון דעם נאפט ציהט דאס צו דעם פייער צו זיך און דער נאפט הייבט אן צו ברענען), און אויב מען זאל בעשמירען מיט נאפט א האלץ אדער איין אנדער זאך וואס קען ברענען, און מען ריהרט אן דאס פייער צום האלץ הייבט אן געשווינד צו ברענען און דעם פייער קען מען ניט לעשען מיט פיל וואסער. אין קאמפער איז אויך דא פיל פייער און ווינציגער הענגט אראפ פון די דעכער אזוי ווי ליכטליך פון אייז. מען וועט בעשמירען די אייז ליכטליך מיט קאמפער און מען וועט דאס אבזיידען וועט דער קאמפער ברענען אויף דעם אייז און וועט ניט פארלאשען ווערען. און אויב מען וועט נעמען א וועקסענע ליכט און מען וועט זיא איינטונקען ווינציגער אין קאלטע וואסער און די נאסער וועט געפרוירען ווערען אויף די ליכט וועט די ליכט שטעקען אין אייז, און אז מען וועט די ליכט אנצינדען וועט זיא גאנץ שיין און ליכטיג ברענען ביז צום ענדע. אין די אייזען וואס הייסט שטאל איז אויך דא פיל פייער. און אויב מען וועט דעם שטאל רייבען מיט א פייל און מען וועט נעמען די שטויב פון דעם שטאל און אויסמישען מיט געשטויסענע שוועבול און מען וועט דאס קנעטען מיט וואסער ווי א טייג און מען זאל דאס לאזען ליגען פיר שעה, וועט פון זיך אליין ארויס גיין פון דעם טייג א פלאם פייער. און אין פולווער איז דא מער פייער ווי אין אלע זאכען. ווייל אין דעם פולווער געפינט זיך קיין ערד ער איז געמאכט נאר פון פייער און שוועביל. און אויב מען וועט נעמען א קאהל שנייא און מען וועט נעמען שוועביל מיט קוילען און צו שטויסען גאנץ דין און שיטען די קאהל ארום פון אלע זייטען, נאכדעם וועט מען דעם קאהל שניי ארייז שטעקען אין קאלטע וואסער די קאהל זאל הארט ווערען פון דער קעלט. און מען זאל די קאהל אנצינדען וועט זיא ברענען אין וואסער און וועט ניט פארלאשען ווערען. אין קוועק-זילבער איז אויך דא פיל פייער. אויב מען וועט נעמען וואקס און פארפוילטע האלץ און שוועביל און קוועק-זילבער און פולווער. און כוען וועט דאס אלץ צוזאמען קנעטען און מען וועט מאכען פון דעם א ליכט. וועט די ליכט קיין מאהל פארלאשען ווערען דער שטארקסטער ווינט אדער פיל וואסער וועלען די ליכט ניט קענען פארלעשען. און אויב ער וועט וועלען פארלעשען די ליכט. זאל ער די ליכט אריין לייגען אין עסיג אדער אין ערין. און ווייל מיר זמועסען דא פון עסיג דארפען מיר וויסען אז אלע ערליי עסיג זענען פוהל מיט קליינע און גאנץ דינע ווערעם, און ווען די ווערעם זענען אין דעם עסיג קענען מיר זיי ניט זעהן מיט די אויגען, נאר אויב מען וועט דעם עסיג אריין גיסען אין אריינע גלאז און מען וועט איט שטעלען אויף א פענסטער ווי דא זונן שיינט, וועט מען זעהן די ווערעם שווימען אין דעם עסיג און לויפען ווי די פיש אין וואסער. ווייל עס קען

ניט ווערען פון משקה עסיג סייען די משקה ווערט פריער קאליע אונ פארשימולט אונ אז עס ווערט פארשימולט איז שוין דא ווערעם, אונ וואס מען וועט וויזען דעם עסיג וועט ניט העלפען, ווייל די ווערעם זענען זייער דין וועלען דיא ווערעם דורך גיין צוזאמען מיט דעם עסיג, דאריבער מוז מען דעם עסיג פריער קאכען, די ווערעם זאלען פגרין נאכדעם וועט מען זיי זייען. מען זאגט אז יעדער טראפען עסיג איז דרייקאנטיג אונ שפיציג אונ ער לעשט דעם דארשט פון מענטשען, ער קיהלט אים אינוויינינג, ווי די גמרא זאגט עסיג איז גוט צו טרינקען אין א הייסען טאג. עס איז דא א מין קוילען אין דער ערד וואס מען רופט זיי נאפט קוילען, זיי ברענען אפילו אין וואסער אונ ווערען ניט פארלאשען, אונ עס איז דא א מין שטיין מען רופט אים אביישטוש אדער אזבעסט ער איז צוזאמען געוואקסען פון דינע זאכען אזוי ווי פעדים פון וואל אדער פון פלאקס, מען קען דעם שטיין צו ציילען אויף פעדים אונ מאכען פון זיי קליידער אונ די קליידער ווערען ניט פארברענט אין פייער, אונ אז אין די קליידער זענען דא פלעקען ברענט מען זיי אויס מיט פייער, אונ די קליידער זענען איביג גאנץ זיי ווערען ניט צוריסען.

## פרק נז

די וואסער פון מער זענען געזאלצען, ווייל אין די וואסער איז דא שוועביל אונ זאלץ, די זאלץ וואס אין די מער וואסער איז א צוויי אונ דרייסיג חלק פון דעם וואסער, דאריבער קען מען ניט פארלעשען מיט די מער-וואסער א פייער אזוי ווי מען פארלעשט מיט אנדער וואסער. אונ ווייל אין די מער-וואסער איז דא זאלץ דאריבער זענען זיי שווערער פון אלע טייך וואסער. אונ דיא מער-וואסער קענען ניט אזויא היים ווערען ווי פראסטע טייך-וואסער. פראסטע טייך-וואסער קענען היים ווערען ביז הונדערט דרייסיג גראד, אונ מער-וואסער קענען נאר היים ווערען ביז הונדערט צוואנציג גראד, אונ ווינטער אין שטארקסטען פראסט קענען ניט געפרארען ווערען די מער-וואסער אונ זומער אפילו אין די שטארקסטע היץ אונ ווען עס בלאזט גאר קיין ווינט, פון דעסטוועגען ווערען ניט קאליע די מער-וואסער, אונ זייא האבען ניט א שלעכטען ריח. אונ וואס נעענטער דער מער איז צום הייסען קלימאט וואס דארט ברענט דיא זונן זייער שטארק, איז די וואסער געזאלצענער אונ ביטערער. דיא וואסער זאלען ניט בעקומען א שלעכטען ריח אונ זאלען ניט קאליע ווערען פון די היץ, ווי וואונדער-באר זענען די ווערק פון גאט ברוך הוא, די אייבערשטע וואסער פון מער זענען געזאלצענער ווי די אונטערשטע, וואס טיפער איז די וואסער וויניגער געזאלצען. דאס איז למשל ווי א טאפ וואסער וואס קאכט ביי דעם פייער, ציהט ארוים דער פייער אונ טריקנט אויס דאס איידעלסטע פון דעם וואסער אונ די וואסער ווערט אלע מאהל שווערער אונ געזאלצענער. דאריבער זענען געקאכטע וואסער שעדליכער צום טרינקען ווי רויע וואסער, נור מען פארבעסערט דיא וואסער מיט טיי-בלעטער

אדער

אדער מיט אנדערע געשמאקן, דאס זעלביגע איז ביי דעם מעער, די זון ווירפט ארויס דאס אידעלע פייכטקייט פון די אייבערשטע וואסער, דאריבער זענען זיי שטארקער געזאלצען ווי די אונטערשטע וואסער וואס די זון ווארעמט זיי ניט, אונ די פארבע פון דעם וואסער שטייגט ארויף אין דערהייך ביז צו די וואלקען, ווי מיר זעהן די הייסע פארבע פון א טאפ וואסער וואס קאכט ביי דעם פייער גייט ארויף אין דערהייך.

**פרק נח** והארץ לעולם עומדת, די ערד שטייט אויף עוויג אין דער לופט, זיא האט קיין פונדאמענט אויף וואס זיא זאל שטיין. נאר ארום די ערד איז דער הימעל, אונ די ערד איז ווייט פון הימעל אין יעדער זייט, אויף וועלכען כח האלט זיך די ערד אין דער לופט? זענען דא צוויי מיינונגען, די פילאזאפען גיקולוס אונ גריען זאגען, די ערד האלט זיך אין דער לופט דורך דעם כח פון דיא מזלות וואס שטויסען אוועק פון זיך די ערד, אונ וויל די מזלות פון מזרח שטויסען די ערד צו מזרח, אונ די מזלות פון מערב שטויסען זיא צו מזרח, אונ די מזלות פון דרום שטויסען זיא צו צפון, אונ די מזלות פון צפון שטויסען זיא צו דרום, וויל די ערד ווערט געשטויסען פון אלע זייטען גלייך, דאריבער בלייבט זיא הענגען אין די לופט, אונ דער פילאזאף איינשטיין זאגט פארקערט, עס זענען דא מאגנעט שטערען וואס ציהען די ערד צו זיך, אונ וויל זיי ערד ווערט געצויגען אין אלע זייטען גלייך, דאריבער בלייבט זיא הענגען אין דיזע לופט זיא איז פונקט אין מיטען, ניט נענטער צו מזרח ווי צו מערב, אונ ניט צו צפון נענטער ווי צו דרום. נאר צו אלע זייטען גלייך, אונ אלע יודישע חכמים אויך די חכמי האומות האבען געזאגט איין זאך, אז די ערד רוהט, אונ די זיבען שטערען גייען ארום די ערד, די לבנה גייט ארום די ערד אין זיבען אונ צוואנציג מעת-לעת מיט עטוואס ווייניגער פון אכט שעה, אונ זיא ווערט בעגייט אלע גיין אונ צוואנציג מעת-לעת מיט צוועלף שעה מיט זיבען הונדערט דריי אונ ניינציג חלקים פון איין שעה, [אין א שעה איז טויזענד אכציג חלקים], אונ דער שטערען כוכב גייט ארום די ערד אין דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג מיט זעקס שעה [עטוואס ווייניגער], אזוי ווי דיא זונן. אונ ארום דיא ערד גייט דער שטערען נוגה אויך אין דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג מיט זעקס שעה [עטוואס ווייניגער], אונ די זונן גייט אויך ארום דיא ערד אין דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג מיט פינף שעה מיט ניין אונ פערציג מינוטען, דער שטערען מאדים גייט ארום די ערד אין צוויי מיט א האלב יאהר, דער שטערען צדק גייט ארום די ערד אין צוועלף יאהר. דער שטערען שבתאי גייט ארום די ערד אין דרייסיג יאהר. נאכדעם איז געקומען דער פילאזאף קופערניקוס פון די פרייסישע שטאט טארען, אונ ער זאגט דיא זונן רוהט אויף איין ארט אונ די ערד מיט אלע שטערין אונ דער

ווינט

מיינט אונ דיא פייער וואס איז אין די ערד גייען אלע ארום די זונן, אונ דער
פילאזאף פיטאגארים וואס ער איז געוועזען מיט פיל יאהר פריער פאר קופערניקוס
האט אויך אזוי געזאגט, אז די זונן שטייט אויף איין ארט אונ דיא ערד מיט אלע
שטערין גייען ארום די זונן, נאר אין זיין צייט האט מען דעם מיינונג ניט אנגענומען,
איז די זאך פארגעסען געווארען. נאכדעם איז געקומען קופערניקוס אונ ער האט
געפעסטיגט דעם מיינונג פון פיטאגארים אונ האט דעם מיינונג געלערינט מיט
פיל תלמידים, אונ נאך דעם מיינונג רעכענט מען היינט אלע רעכענונגען פון
אלע שטערען ווען זיי גייען אונ ווי זייא גייען אונ זומער מיט ווינטער אונ אלע
ימים טובים, אונ עס איז שוין אזוי געבליבען ביי אלע פילאזאפען, אז דיא ערד
גייט ארום די זונן אונ די זונן שטייט. דער מזל צדק איז דער גרעסטער פון אלע
מזלות אויסער די זונן, זיין קאלער איז געלבליך ווי שוועבעל, אונ פיר לבנות
"טראבאנטען" זענען ארום דעם מזל צדק אונ גייען מיט אים ווי ער גייט, אזוי ווי
די לבנה גייט מיט די ערד. נאכדעם גייט דער שטערען שבתאי אונ ער איז
ווייטער פון די זונן ווי אלע מזלות, ער איז ווייטער פון די זונן צוויי הונדערט
מיליאן מייל, אונ ער איז גרויס אכט הונדערט זעכציג מאהל ווי די ערד, אונ ער
גייט ארום די ערד אין ניין אונ צוואנציג יאהר מיט הונדערט אכט אונ אכציג
טעג, דעם שטערען דערקענט מען צווישען אלע שטערען, ווייל ארום איהם איז
דא א ווייסער-רינג, די ברייט פון דעם רינג איז פינף טויזענד זעקס הונדערט
פיר אונ פופציג מייל אונ אויף יעדער ארט ווי ער איז זענען ארום אים פיר
לבנות, אונ נעבען אים איז דער שטערען אוראנוס, דאס איז א נייער שטערען
וואס אים האט געפונען דער פילאזאף הערשעל.

**פרק נט** אין דעם פרק איז בעשריבען דער וכוח וואס האבען געהאט צוויי יודישע פילאזאפען אונ צוויי קריסטליכע פילאזאפען, אויף דעם אויפקלערונג

וואס קופערניקוס האט געגעבען, אז די זונן שטייט אונ די ערד דרייט זיך ארומ
געגען די זונן, דער קריסטליכער פילאזאף האט געפרעגט אויב עס איז אמת ווי
קופערניקוס זאגט אז די ערד גייט ארום די זונן, אין איין יאהר, אונ אלע טאג
קומט די ערד צו איר ארט פון מערב צו מזרח, דארף דאך זיין אז מען שיסט
מיט א הארמאט, דארף דער הארמאט קומען צו דעם ארט פריער ווי די קאהל
וועט קומען צו דעם ארט. ווארום די קאהל לויפט אין איין מינוט טויזענד איילען
אונ אין צוויי מינוטען לויפט זיא צוויא טויזענד איילען, אונ די ערד וואס דער
הארמאט שטייט אויף איר איז איינגעלאפען אין צוויי מינוטען זיבען מייל מיט א
דריטעל, איז דאך דער הארמאט געקומען אויף דעם ארט פריער ווי די קאהל
איז געקומען אויף דעם ארט? האט דער אנדערער פילאזאף געענטפערט, אזוי ווי
זיא אין צוויא מינוטען האט דיא ערד אפגעריקט דעם הארמאט זיבען מייל מיט
אדריטעל

אַ דרימעל , אזוי האט זיא דאך אפגערוקט די קאהל אויך זיבען טיל מיט אַ דרימעל אין די זעלבינע צוויא מינוטען , אונ צו דיא זיבען טייל מיט אַ דרימעל איז צו גענעבען געווארען די צוויי טויזענד איילען וואס דיא קאהל איז געלאפען פון דעם הארמאט אין די צוויי מינוטען . דער יוד האט געזאגט אז די רייד פון קופערניקוס איז דאך *) געגען די פסוקים פון תנ"ך , אונ געגען פיל זאכען וואס די חכמים אונזערע האבען געזאגט , שלמה המלך האט געזאגט והארץ לעולם עומדת , די ערד שטייט אייביג , אונ קופערניקוס זאגט די ערד דרייט זיך , שלמה המלך האט געזאגט וזרח השמש ובא השמש , דיא זונן שיינט , אונ די זונן גייט אונטער , הולך אל דרום וסובב אל צפון , די זונן גייט צו דרום אונ זיא גייט ארום צו צפון , זעהן מיר דאך אז די זונן גייט , נאך זאגט דער פסוק , יהושע האט געזאגט די זונן זאל בלייבען שטיין אין גבעון , אונ די זונן מיט די לבנה זענען געבליבען שטיין , אבער איידער יהושע האט געהייסען די זונן זאל בלייבען שטיין איז די זונן געגאנגען , אונ די זונן איז געשטאנען פיר אונ צוואנציג שעה נאכדעם איז זיא געגאנגען ווי פריער , זעהן מיר דאך אז די זונן גייט , נאך זאגט דער פסוק די זונן איז צוריק געגאנגען צעהן שעה , פון די אלע פסוקים זעהן מיר אז די זונן גייט אונ די ערד שטייט , אונ קופערניקוס זאגט די זונן שטייט אונ די ערד גייט ? האט ווער אנדערער יוד געענטפערט עס קען זיין עס איז אמת ווי קופערניקוס זאגט , אונ פון דעסטוועגען זענען זיינע רייד נים דערגעגען די פסוקים אונ נים אונזערע חכמים , ווארום מיר ווייסען די תורה רעדט שטענדיג ווי מענטשען ריידען , אונ מענטשען נעהן אלע מאהל די זאך פארקערט , למשל מען פארט אויף די באהן נעבען א וואלד אונ מע קוקט דורך די פענסטער אויף די בוימער דאכט זיך די באהן שטייט אונ די בוימער לויפען געשווינד איין בוים יאגט דעם צווייטען , אונ אין אמת איז דאך פארקערט די בוימער שטייען אונ קענען זיך נים רירען אונ נאר די באהן לויפט , אזוי מיינען די מענטשען ביי די זונן , אין אמת לויפט די ערד אונ די זונן שטייט , אונ די מענטשען דאכט זיך עס איז פארקערט דיא זונן גייט אונ די ערד שטייט , אונ אזוי ווי מענטשען מיינען אזוי זאגען די פסוקים צו די מענטשען , מיט דעם זעלבינע לשון ווי די תורה זאגט אין פיל פסוקים אויף גאט ברוך הוא , וירד ה' , גאט האט אראפ געגאנגען , ויעל ה' , גאט איז ארויף געגאנגען , וירח ה' , גאט האט געשמעקט דעם גוטען ריח פון די קרבנות וואס נח האט מקריב געוועזן , ביא גאט איז ני צו זאגען דעם ווארט ער איז אראפגעגאנגען , אונ נים ארויף געגאנגען , ווארום ? גאט דארף זעהן א זאך אויף דער ערד דארף ער נים אראפ גיין , נאר ער זעהט פ הימעל וואס עס ווערט געמאהן אויף די ערד , אונ ער דארף גיינו ארויף ני
צוריק

*) כבר הראה הר"ב מורש בספרו גנזי המלך כי פסוקי תנ"ך אינם מתנגדים לשט קאפערניקוס וידורו יחד באהבה אחוה וריעות .

צוריק אין הימעל, וואָרום ער איז גאָר ניט אַראָפּ געגאַנגען, וואָרום זיין כּבוד איז פוהל די גאַנצע וועלט, ווי עס האָט אַ מאָהל איינער געפרעגט בּיי זיין חבר וויא איז גאָט, האָט דער חבר געענטפערט ווי איז נישט דאָ גאָט, עס שטייט אין פּסוק וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹהִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם, גאָט זאָל דיר געבען טאַה פון הימעל, נאָך זאָגט דער פּסוק וְעָצַר אֶת הַשָּׁמַיִם וְלֹא יִהְיֶה מָטָר, גאָט וועט אויפהאַלטען דעם הימעל און עס וועט קיין רעגען זיין, דאָס איז בּעוויזט אַז טאַה און רעגין קומען ניט פון הימעל, נאָר פון די ערד גייט אַרויף אַ פּאַרע אין דערהייך און אין דיא לופט ווערט דאָס איבּערגעאַרבּעט עס זאָל ווערען טאַה און רעגען, נאָר ווייל מענטשען מיינען אַז טאַה און רעגען גייט פון הימעל דאַריבּער האָט די תּורה אויך אַזוי געשריבּען. אָבּער אין אֱמת איז ווי קופּערניקוס זאָגט אַז די זון שטייט אויף איין אָרט און די ערד גייט אַרום דיא זון. און בּיי יְהוֹשֻׁעַ איז אויך די ערד געבּליבּען שטיין, און אֲפילוּ יְהוֹשֻׁעַ האָט געוויסט דעם אֱמת אַז די ערד דאַרף בּלייבּען שטיין, ער האָט דאָך אָבּער דאָס געזאָגט אַלע יודען זאָלען הערען, און אַלע יודען האָבּען דאַמאָלס געמיינט אַז די זון גייט, דאַריבּער האָט ער געמוזט זאָגען שֶׁמֶשׁ בְּגִבְעוֹן דּוֹם, האָבּען די יודען געמיינט יְהוֹשֻׁעַ זאָגט די זון זאָל בּלייבּען שטיין אין גבעון, און אין אֱמת האָט יְהוֹשֻׁעַ געמיינט „די ערד וואָס שטייט אין גבעון געגען די זון, זאָל די ערד בּליבּען שטיין”, און אַזוי מיינען אַלע פּסוקים. ווען די זייט ערד ווי מיר וואָהנען איז געגען דיא זון, דאַמאָלס איז וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ שיינט די זון בּייא אונז, און ווען די זייט ערד גייט אַוועק פון די זון דאַמאָלס הייסט וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ, די זון איז אונטער געגאַנגען, און אַזוי אַלע פּסוקים וואָס שמועסען פון די זון מיט די ערד, און מיר געפונען אין זוהר שטייט אויך, אַזוי וויא דער מיינונג אַז די זון שטייט און די ערד גייט, אין זוהר סדר וַיִּקְרָא שטייט „אין דעם ספר פון רב הַמְנוּנָא סָבָא איז געשריבּען די גאַנצע ערד וואָס איז בּעוואָהנט דרייט זיך קיילעכדיג ווי אַ פּילקע, דיא זענען אונטען און די זענען אויפ'ן, דאַריבּער זענען דאָ אָרטער ווען בּיי די מענטשען איז ליכטיג איז בּיי די מענטשען פינסטער ווען בּיי די מענטשען איז טאָג איז בּיי די מענטשען נאַכט, און נאָכדעם איז פאַרקערט, זאָגט רב הַמְנוּנָא די ערד דרייט זיך קיילעכדיג, דאַריבּער קענען מיר זאָגען דער מענטש וואָס וועט זאָגען ווי דער מיינונג פון קופּערניקוס אַז די זון שטייט און די ערד דרייט זיך זאָגט ער ניט אַנדערש פון די פּסוקים און ניט אַנדערש פון אונזערע חכמים און ער איז קיין אַ פּיקורוס, און ער מעג זיין אַ גרויסער צדיק און האַלטען דעם מיינונג פון קופּערניקוס.

## פּרק ם נאָר פון דעסטוועגען קען מען געבּען בּעווייזונגען אַז עס איז נאָך ניט גאַנץ בּעשטימט ווי קופּערניקוס זאָגט, צו די קריסטליכע פילאָזאָפען קען מען געבּען צוויי בּעוויזונגען דערגעגען קופּערניקים אין בּעווייזונג איז דער פילאָזאָ

מיחא בראעה האט געזאגט אויף קאפערניקוס אויב עס איז ווי ער זאגט אז דיא ערד לויפט געשווינד פון מערב צו מזרח, דארף דאך זיין אויב איינער ווארפט אראפ א שטיין פון א הויכען דאך, דארף דאך דער שטיין ניט פאלען גלייך אראפ נאר ער דארף זיין א ביסעל אפגערוקט צו מערב זייט, ווארום אין די צייט וואס דער שטיין גייט אראפ פון דאך ביז צו די ערד האט זיך דאך די ערד אפגערוקט צו מזרח זייט א שטיקעל ארט, ווארום אין איין מינוט לויפט דאך דיא ערד דרייא מייל מיט צוויי דריטעל, אונ מיר זעהן אז דער שטיין פאלט גלייך אראפ געגען דעם מענטש וואס שטייט אויף דעם דאך. אויף די שאלה איז דא קאפערניקוס אנטווארט, דער לופט גייט מיט דעם שטיין אונ שטויסט דעם שטיין צו די וואנט פון דעם דאך דאריבער פאלט דער שטיין גלייך, אבער דער פילאזאף מיחא בראעה האט ניט געוואלט אן געמען דיא אנטווארט, ווייל דאס געוויינליכע לופט האט קיין קראפט צו שטויסען א שטיין אונ אויפהאלטען אז ער זאל ניט קענען לויפען מיט זיין קראפט ווי ער דארף לויפען, דאס קען נאר טאהן א ווינט אבער ניט דאס שטילע געוויינליכע לופט. האט קאפערניקוס געענטפערט איך האב א בעווייזונג פון א שיף, מען זאל זעהן די שיף וואס שווימט אויף דעם ים גאנץ געשווינד אונ עס זאל אראפגעווארפען ווערען א שטיין פון שפיץ זעגעל בוים אין מיטען פון דיא שיף, פון דעסטוועגען וועט דער שטיין אריין פאלען אין וואסער גלייך געגען דעם זעגע בוים, ווייל איידער דער שטיין איז געקומען צום וואסער האט דער ים זיך אריק געטאהן; מען האט באלד פראבירט אראפווארפען א שטיין פון שפיץ זעגעל בוים צום אינמיטען פון די שיף ווען די שיף איז געלאפען, אונ מען האט גוט אכטונג געגעבען זעהן אויף וועלכען ארט וועט דער שטיין פאלען אין וואסער, איז ניט געווען פונקט ווי קאפערניקוס האט געזאגט, דער שטיין איז געפאלען פריער פאר דעם זעגעל בוים, דאריבער האט דער פילאזאף מיחא בראעה אוועקגעשטויסען דעם מיינונג פון קאפערניקוס, אונ האט געזאגט זיין מיינונג אין אנדערען, די אלע זיבען מזלות גייען ארום די זונן אזוי ווי קאפערניקוס זאגט נאר דיא זונן מיט דיא מזלות וואס ארום די זונן גייען ארום די ערד, אונ די ערד איז אין מיטען. אין זיין צייט האט מען זיין מיינונג ניט אנגענומען, נאר פון דעסטוועגען קען א מאהל קומען א צייט וואס דער מיינונג וועט אנגענומען ווערע בייא אנדערע מענטשען אונ עס וועט אזוי בלייבען, מען האט שוין געזעהן א זעלכע זאכען, די שפעטערדיגע דורות האבען אויפגעהויבט די מיינונגען פון די פריהערדיגע דורות וואס אין זייער צייט האט מען געלאכט פון זייערע מיינונגען, אונ די שפעטער דיגע דורות האבען געזעהן אין זייער צייט אז דיא פריערדיגע דורות זענען גערעכט געווען, אונ עס איז אזוי געבליבען ווייא די פריערדיגע חכמים האבען געזאגט, אז אזוי וועט זיין מיט דעם מיינונג פון מיחא בראעה, מען וועט א מאהל זאגען אז

איז

איז ריכטיג ווי דער חכם האט געזאגט אז די ערד שטייט אונ דיא זונן מיט דיא מזלות גייען ארום די ערד, נאר ווייל אין זיין צייט זענען ניט געווען אזעלכע פארגרעסער גלעזער וויא מיר האבען היינט, דאריבער האט מען ניט געקענט אויב זייגע רייד זענען אמת, נאר היינט ווייסען מיר אז זייגע רייד זענען אמת.

## פרק סא

נאך איינע בעווייזונג פיר דען קריסטליכען פילאזאף געגען קופערניקוס מיינונג, מיר ווייסען אז די ערד האט אין זיך א מאגנעט-קראפט זיא זאל ציהען צו זיך אלע קארפערליכע זאכען וואס זענען אויף איר אונ ארום איר פון יעדער זייט, אונ דאס האט שוין פרובירט אונ בעוויזען דער חכם בונגער געבען דעם בארג חימבאראסי, אונ ניט אומזיסט האט גאט ברוך הוא געגעבין דעם מאגנעט-קראפט אין דיא ערד, נאר ווייל דער הימעל איז קיילעכדיג ארום דיא ערד, אונ די ערד איז אין מיטען אונ זיא הענגט אין דער לופט, אונ אזוי וויא אויף די זייט ערד איז א גאנצע וועלט אזוי איז ארום די ערד אז אונטער דיא ערד אויך אזוי א וועלט, אונ זייא טרעטען אויף די ערד אזוי ווי מיר טרעטען, אונזערע טריט זענען געגען זייערע טריט, דארפען זייא דאך אראפ פאלען פון די ערד, דאריבער האט גאט ברוך הוא געגעבען א מאגנעט-קראפט אין דיא ערד, זיא זאל ציהען צו זיך אלע קארפערליכע זאכען, זייא זאלען ניט קענען אראפ פאלען פון די ערד, דאס איז נאר אז מיר וועלען זאגען דיא ערד שטייט אויף איין ארט אונ דיא זונן גייט, דארף די ערד האבען אין זיך דעם מאגנעט-קראפט, זונבער אז מיר וועלען זאגען ווי קופערניקוס זאגט אז די זונן שטייט אויף איין ארט אונ די ערד לויפט ארום די זונן, אונ אין יעדער מינוט לויפט זיא דריי מיט צווייא דריטעל מייל, דארף ניט דיא ערד האבען דעם מאגנעט-קראפט, אן דעם מאגנעט-קראפט וואלט אויך פון איר איין זאך ניט געקענט אראפ פאלען, דורך דעם געשווינדען לויפען אונ ארום דרייען געשווינד, אונ עס איז דא א פראבען צו דער זאך אז עס איז אזוי, מען זאל נעמען א קיילעכדיגען רייף אונ צו בינדען צום רייף א דינעם שטריקעל, א האלב אייל די לענג, דעם שטריקעל זאל מען האלטען אין האנד אונ אויפהייבען דעם רייף פון דער ערד אונ אים האלטען אין דער לופט, אונ אינוויינינג אין רייף אונטען זאל מען שטעלען א פולע גלאז וואסער אונ מיט דעם שטריקעל זאל מען דרייען דעם רייף גאנץ געשווינד ארום אונ ארום קיילעכדיג, וועט מען זעהן די גלאז וועט ניט אראפ פאלען זיא וועט זיך אפילו פון ארט ניט ריהרען אונ איין טראפען וואסער וועט ניט ארויסגעגאסען ווערען פון גלאז. אפילו ווען דיא גלאז וועט זיין אין דערהייך מיט דעם דעק ארויף אונ דיא אפענע זייט אונטען, וועט אויך דיא גלאז ניט ארונטער פאלען, אונ איין טראפען וואסער וועט ניט אויס געגאסען ווערען, נאר פריער איידער ער הייבט אן דרייען דעם רייף זאל ער לאנגזאם שאקלען דעם רייף רעכטס אונ לינקס אלע מאהל
געשווינדע

געשווינדער און געשווינדער ביז ער וועט אים דרייען גאנץ געשווינד, און וויבאלד געשווינדער ער וועט דרייען דעם רייף זיכערער וועט ער זיין די גלאז זאל ניט ארונטער פאלען און איין טראפען וואסער זאל ניט אויסגעגאסען ווערען, איך אליין האב עטליכע מאהל אזוי פרובירט מיט דעם רייף און מיט א גלאז וואסער. דאריבער אויב עס זאל זיין אמת וויא קופערניקוס זאגט אז די ערד דרייט זיך אזוי געשווינד, אין איין מינוט דרייא מייל מיט צוויי דריטעל, קען דאך איין זאך ניט ארונטער פאלען פון די ערד, דורך דעם געשווינדען דרייען זיך, צו וואס האט גאט ברוך הוא באשאפען אין דיא ערד דעם מאגנעט-קראפט, אז מיר זעהן נאט האט יא באשאפען אין די ערד דעם מאגנעט-קראפט די ערד זאל קענען ציהען צו זיך אלעס וואס אויף איהר איז דא זייא זאלען ניט ארונטער פאלען איז געוויס ווייל די ערד שטייט אויף איין ארט.

**פרק סב** און אזוי וויא מיר האבען א בעווייזונג אז דער מיינונג פון קופערניקוס איז פאלש ווייל דיא זאך וואס דרייט זיך געשווינד דארף ניט קיין מאגנעט-קראפט, מיר וויסען דאך אז דיא לבנה דרייט זיך געשווינד ארום דיא ערד איז אין די לבנה ניט דא דער מאגנעט-קראפט זיא זאל צו זיך עטוואס צו ציהען, פון דעם קענען מיר וויסען אז עס איז פאלש די רייד פון די פילאזאפען וואס זאגען אז די לבנה ציהט צו זיך דאס וואסער פון מעער, און עס קען א מאהל זיין אין מיטען ים זאל ווערען טרוקען אויף א קורצע צייט, און נאכדעם די לבנה גייט אוועק לויפט דיא וואסער צוריק [דאס הייסט עבבע און פלוהט]. דאס איז פאלש, ווארום אין די לבנה איז נישט דא דער מאגנעט-קראפט, ווייל זיא לויפט שטענדיג דארף זיא קיין מאגנעט-קראפט, ווארום נאך דעם מיינונג פון קופערניקוס אז דיא זונן שטייט, דארף די זונן האבען א מאגנעט-קראפט אלע זאכען וואס זענען באשאפען געווארען אויף די זונן זאלען ניט ארונטער פאלען פון איהר, און זיא זאל ציהען צו זיך די מזלות וואס גייען ארום איהר זיי זאלען זיך ניט דערווייטערען פון איהר. און דיא לבנות וואס גייען ארום די מזלות זאלען זיך ניט דערווייטערען פון דיא מזלות, דער מזל צדק האט ארום זיך פיר לבנות, דער מזל שבתאי האט פינף לבנות, דער שטערען אוראנוס האט צוויי לבנות, דיא ערד האט איין לבנה, די אלע זאכען זענען אויף זייערע ארטער און ציהען זיך ניט אוועק, דורך דעם מאגנעט-קראפט וואס איז אין דיא זונן, נאך דעם מיינונג פון קופערניקוס אז דיא זונן שטייט. און ווייל די אלע מזלות מיט זייערע לבנות לויפען און דרייען זיך דאריבער קען ניט ארונטער פאלען פון זיי אלע זאכען וואס געפינט זיך אויף זיי, דארפען זייא ניט דעם מאגנעט-קראפט און האבען אים ניט, מען דארף נאר די מזלות מיט זייערע לבנות זאלען זיך ניט דערווייטערען פון די זונן, איז גענוג דער מאגנעט-קראפט וואס איז אין די זונן ער זאל זייא אלע ציהען צו זיך, דאס איז אלץ נאך דעם

מיינונג פון קופערניקוס, אבער וויא מיר ווייסען געוויס אז די ערד האט אין זיך א מאגנעט-קראפט, ווי דער חכם בוגנר האט געוויזען מיט זיין פראבע געבין דעם בארג חימבאראסי, אויב מיר וועלען זאגען וויא קופערניקוס זאגט אז דיא ערד לויפט, דארף זיא דאך קיין מאגנעט-קראפט, און נאט וועט דאך ניט בעשאפען א זאך וואס מען דארף נישט, אז ער האט יא באשאפען א מאגנעט-קראפט אין דיא ערד איז געוויס אז דיא ערד שטייט און דיא זונן מיט אלע מזלות מיט זייערע לבנות גייען געשווינד, קען ניט פון זייערע באשעפעניש עטוואס ארונטער פאלען און דער מאגנעט פון דיא ערד ציהט צו זיך די זונן מיט די מזלות מיט זייערע לבנות זיי זאלען ניט קענען דערווייטערט ווערען פון איר.

**פרק סג** יעצט וועלען מיר שמועסען מיט יודישע חכמים וואס האלטען די שטה פון קופערניקוס, ווי אזוי קענט איר זאגען, אז די ערד דרייט זיך ארום די זונן, פאר וואס זאגען די פסוקים אין תנ"ך פארקערט, פאר וואס זאלען דיא פסוקים זאגען מיט אזוי א לשון וואס איז ניט אמת, עס זענען דא ווערטער אין תנ"ך וואס זענען געענדערט פון ווי עס איז, דהיינו עס שטייט יד ה', דיא האנד פון גאט, עיני ה', די אויגען פון גאט, און נאך פיל אזעלכע ווערטער אויף גאט ברוך הוא, וואס יעדער יוד ווייסט אז ער האט ניט א האנד ווי א מענטש און ניט אויגען ווי א מענטש, נאר אז עס וועט ניט אזוי זיין געשריבען אין די פסוקים וועלען מיר ניט קענען לערנען די פסוקים פון די תורה, ווייל א מענטש קען ניט אנדערש פארשטיין נאר מען טוהט מיט א האנד און מען זעהט מיט א אויג, דאריבער האט מען געטוזט אויף גאט ברוך הוא אויך אזוי שרייבען, אבער דיא זאכען וואס מען קען שרייבען ריכטיג, פאר וואס זאל מען ניט שרייבען ריכטיג ווי די זאך איז, עס קען דאך שטיין אין פסוק יהושע האט געזאגט ארץ בגבעון דום די ערד זאל בלייבען שטיין אין גבעון, אדער עס זאל שטיין אין פסוק (ישעיה ל"ח) ותשב הארץ עשר מעלות, די ערד איז צוריק געגאנגען צעהן שעה, עס שטייט אין פסוק (בראשית כ"ח) כי בא השמש, זאל שטיין בי פנה הארץ מהשמש, דיא ערד איז אוועק געגאנגען פון די זונן, דוד המלך האט געזאגט (תהלים י"ט) ישיש כגבור לרוץ אורח, די זונן פרייט זיך ווען זיא גייט ארויס וויא א העלד צו לויפען אין וועג, מקצה השמים מוצאו זיין ארויס גיין איז פון איין עק הימעל, ותקופתו על קצותם, און ער גייט ארום די עקין פון הימעל, און אויב די זונן שטייט האט דוד המלך געדארפט זאגען אנדערע ווארטער, די זונן פרייט זיך מיט איר בעלייכטונג וואס זיא בעלייכט אויף די וועלט, איר שיינונג איז אויף אלע עקין וועלט, אבער ניט שרייבען לרוץ אורח, צו לויפען אין וועג, אז די זונן לויפט נאר ניט, און ניט שרייבען ותקופתו, זיין ארום רינגלונג, אז די זונן רינגעלט קיין זאך ארום, זיא שטייט דאך אויף איין ארט, און די אלע דינים וואס געהערען צו קדוש

החדש

החדש וואלט געווען גרינגער צו לערנען ווען עס זאל זיין אמת אז די ערד גייט אונ די זונן שטייט, ווי מען זאל לערנען אז די זונן גייט אונ די ערד שטייט, אונ עס איז דאך א מצוה אין דער תורה מען זאל רעכענען דעם חשבון פון קדוש החדש אונ פון אלע תקופות אונ מזלות, פאר וואס זאל ניט שטיין די ריכטיגקייט וועלכעס עס גייט אונ וועלכעס עס שטייט, די זונן אדער די ערד, וואלט דען פאר אונז ניט שענער געווען מיר זאלען דאס לערנען פון משה אונ פון יהושע אונ פון דוד אונ שלמה אז די זונן שטייט אונ די ערד גייט, ניט מיר זאלען דאס דארפען לערנען פון קופערניקוס, יעצט וועלען מיר בעווייזען פאר יודישע חכמים יורישע דעות וואס זענען אנדערש וויא קופערניקוס שרייבט, דוד המלך האט געזאגט השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם, דיא הימלען זענען צו גאט אונ דיא ערד האט גאט געגעבען צו מענטשען, אונזער וועלט איז די ערד, דיא גמרא זאגט (אין מסכת חגיגה) זיבען הימלען זענען דא, דאס זענען זייערע נעמען וילון, רקיע, שחקים, זבול, מעון, מכון, ערבות, דער הימעל וואס הייסט וילון ער איז נאר ליידיג נאר ער גייט אריין אין דער פריה אונ גייט ארויס ביא נאכט. אונ דער הימעל וואס הייסט רקיע, אין אים איז דיא זונן מיט דיא לבנה די שטערען אונ מזלות, אויב מיר וועלען זאגען אז די ערד שטייט אונ די זונן וואס איז אין דעם אנדערען הימעל גייט זיך רונד ארום דעם הימעל פון איין עק צום אנדערען עק, אונ ווייל די ערד איז דאך אין דער מיטען בעלייכט די זונן די ערד דורך דעם קלארען הימעל אזוי ווי דורך א ווייסע גלאז, דאס קענען מיר פארשטיין, אבער אז מיר וועלען זאגען די זונן שטייט אין הימעל, דאס הייסט אין דעם אנדערען הימעל. אונ די ערד גייט ארום די זונן אין דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג, וועלען מיר דאך מוזען זאגען אז די ערד גייט ארויף אין דער הייך אין דעם אנדערען הימעל אונ זיא גייט ארום די זונן וואס זיא שטייט אין דער הייך אויף איין ארט, אונ זיא איז דארט ניט ווייניגער ווי א האלב יאהר ביז די אונטערשטע האלבע ערד ווערט דורך גיין איבער דיא זונן, דיא זונן זאל זיא בעלייכטען, וועט דאך אויסקומען אז דיא ערד שטייט אין הימעל, אונ דיא מענטשען מיט ווייבער אונ קינדער אונ בהמות זענען אין יעדער יאהר א האלב יאהר אין הימעל, ווער וועט דען גלויבען אזוי א זאך. צווייטענס וועמען זאלען מיר גלויבען קופערניקוס אדער דעם מלך שלמה וואס גאט ברוך הוא האט אים געגעבען די חכמה וואס ער האט געוויס געוואוסט דעם אמת ווער עס שטייט אונ ווער עס גייט די זונן אדער דיא ערד, אונ שלמה זאגט פיל מאהל אין ספר קהלת אז דיא זונן איז אונטער דעם הימעל. אונ ווי קופערניקוס זאגט מוז דאך די ערד זיין א האלב יאהר איבער דיא זונן אונ נאר איין האלב יאהר איז זיא אונטער די זונן, אונ אויב מיר וועלען זאגען די זונן גייט ארום די ערד, איז אייביג די ערד אונטער די זונן, אפילו ביא נאכט

ווען

וען די זונן איז אונטער די ערד, זיא בעלייכט דאך די באשעפעניששען וואס שטייען אויף די ערד. אונ די טריט פון זייערע פיס זענען געגען די טריט פון אונזערע פיס זענען זיי דאך אונטער די זונן, אונ ווען עס וואלט ניט געוועזן דער אמת. אזוי אז די ערד איז אייביג אונטער די זונן צו וואס דארף שלמה זאגען עטליכע מאהל אין זיין ספר קהלת אז דיא ערד איז אונטער דיא זונן. אונ דיא גמרא זאגט, אין צווייטען היטעל איז דא די זונן אונ די לבנה שטערען אונ מזלות, אונ אז דיא ערד איז אויך דא אין דעם היטעל זאגט ניט די גמרא, געוויס ווייל די ערד קומט קיין מאהל ניט אין דעם היטעל.

**פרק סד** די ערד וואס מיר וואהנען אויף איר איז קיילעכדיג, ניט אויסגעשפרייט גלייך, א בעווייזונג האבען מיר עס איז געוועזן א ליקוי לבנה האט מען געשריבען פון וויען אז דארט האט מען געזעהן דיא ליקוי הלבנה אין אנהייב צווייטע שעה ביא נאכט, אונ פון פאריז האט מען געשריבען אין פאריז האט מען געזעהן די ליקוי לבנה אנהייב אבענד, איז דאס א אונטערשייד אין איין שעה, אונ אין אמת איז די ליקוי געזעהן געווארען אין וויען אונ אין פאריז אין איין מינוט, נאר ווייל וויען איז אין מזרח זייט וועלט אונ פאריז איז אין מערב זייט וועלט, פון וויען ביז פאריז איז צוויי הונדערט פינף אונ צוואנציג מייל, אונ אזוי פיל מייל גייט דיא זונן אין איין שעה, ווערט אין וויען טאג מיט איין שעה פריער וויא אין פאריז, אונ נאכט ווערט אויך אין וויען מיט איין שעה פריער ווי אין פאריז, דאריבער איז דער ליקוי לבנה געזעהן געווארען אין פאריז אנהייב נאכט אונ אין וויען איז שוין געוועזן אנהייב צווייטע שעה אין דער נאכט, אונ די שטאט וואס איז אויך אין מזרח זייט אונ זיא איז ווייט פון וויען צוויי הונדערט פינף אונ צוואנציג מייל, האט מען דארט געזעהן דעם ליקוי לבנה אין אנהייב דריטע שעה אין דער נאכט, ווייל ביי זייא איז שוין געוועזן אריבער צוויי שעה נאכט, אונ מיר ווייסען אז טאג מיט נאכט הייבט זיך ניט אן אויף אלע ערטער פון די וועלט גלייך אין איין מינוט, נאר אין יעדער שטאט ווערט טאג אין דער רגע וואס דיא זונן הייבט דארט אן צו שיינען, אונ אין די רגע וואס דיא זונן גייט אונטער ווערט גערעכענט נאכט אין יעדער שטאט בעזונדער, אונ אויב איינער זאגט אין זיין שטאט איז דיא זונן אויפגעגאנגען זייגער פינף, אונ דער אנדערער זאגט אין זיין שטאט איז דיא זונן אויפגעגאנגען זייגער זעקס, ווייסען מיר אז די ביידע שטאט זענען ווייט איינע פון די אנדערע צוויי הונדערט פינף אונ צוואנציג מייל, פון דעם ווייסען מיר אז דיא איז קיילעכדיג, ווארום אז די ערד וואלט געוועזן גלייך ברייט אונ לאנג אזויא וויא א טיש וואלט געווארען טאג אונ נאכט אין די גאנצע וועלט גלייך יווארום אזוי ווי די זונן וואלט אויפגיין אין מזרח וואלט די ליכטיגקייט באלד פארשפרייט געווארען ביז מערב, אזוי ווי מען שטעלט א ליכט ביי נאכט אויף א טיש ווערט ליכטיג אויף

דעם גאנצען טיש אפילו דער טיש איז גאנץ לאנג, אזוי וואלט זיך פארשפרייט דיא ליכטיגקייט פון די זונן באלד אין דער פריה פון איין עק וועלט ביז צום אנדערען עק וועלט אין איין רגע. אונ פאר נאכט אזוי וויא די זונן וואלט נאר אוינטער געגאנגען פון דיא ערד אין מערב זייט וואלט אין איין רגע געווארען פינסטער אויף די גאנצע וועלט, ביז מזרח זייט, אז מיר זעהן עס איז ניט אזוי, עס ווערט ניט ליכטיג אויף די גאנצע ערד מיט איין מאהל אונ עס ווערט ניט פינסטער אויף די גאנצע ערד מיט איין מאהל, נאר אויף איין ארט פריער אויף איין ארט שפעטער ווייסען מיר אז די ערד איז קיילעכדיג.

פרק סה גאט ברוך הוא וואס ער האט באשאפען די ערד. האט ער ניט געמאכט די ערד גלייך אויף די גאנצע וועלט, נאר עס איז דא בערג אונ טאהלען אויך גלייכע ערד. אונ דאס אלץ איז נייטיג פאר דיא באשעפעניש וואס זענען אויף די ערד, אין די טאהלען זענען פארזאמולט טייכען גרויסע אונ קליינע, אונ די וואסער איז דאך פון די גייטינסטע זאכען, צום טרינקען, צום וואשען, צום קאכען, אין די וואסער זענען דא פיש. די בערג זענען אויך נייטיג, דער לופט וואס אויף דיא בערג איז זייער געזונד, אויף בערג איז גוט צו פלאנצען וויינגערטנער אונ נאך אנדערע פרוכטען, אין די בערג זענען דא פיל מעטאלען אייזען, קופער, בליי, אונ נאך פערשידענע מאטעריאלען, טייערע שטיינער, קאלערטע ערד צום פארבען, גאטונג גראז צו מעדיצינען, ווארום דער לופט פון בארג מאכט ריין די ערד פון בארג, אונ דיא קוואלען וואסער וואס גייען פון דיא די בערג זענען ריינער אונ געשמאקער אונ געזונדער פון די וואסער וואס זענען אין די טאהלען. עס זענען דא אזעלכע בערג וואס אויף זיי ליגט אייביג שניי אפילו זומער, אונ דער שנייא קיהלט דיא היץ צו די מענטשען וואס וואהנען אין דיא הייסע לאנדער. אונ ווינטער פארשטעלען די בערג עס זאלען ניט קענען צו קומען די שטורעם ווינטען וואס זענען אין די לאנדער. עס זענען דא בערג וואס זענען העכער וויא דיא וואלקין, אז מען שטייט אויף דיא בערג זעהט מען דיא וואלקען נידעריגער אונ מען זעהט אלץ וואס איז איבער דיא וואלקען. דער בארג עטנא אויף דעם אינזעל סיצילינא, אין איטאליא. דער בארג מאנט בלאנק אין לאנד סאוויאן, דער בארג פיקא אויף דעם אינזעל טענריפע, דער בארג חימבאראסי אין אמעריקע, אין לאנד פערו, דאס איז דער העכסטער בארג, ער איז הויך ניינצעהן טויזענד דריי הונדערט מיט צוויי פוס, דער נידעריגסטער בארג איז דער בארג ברא קען מען רופט אים בלאקסבערג, ער זיז אין זאקסען, ער איז הויך דריי טויזענד הונדערט זעקס אונ אכציג פוס, דער בארג איז ניט וויט פון דיא שטאט האלבערשטאט, די בערג זענען אויסער דיא בערג וואולקאנים וואס זייא ווארפען פון זיך פלאמען פייער אונ רויך מיט

הייסע קוילען, דיא בערג זענען גאנץ הויך, אז מען זעהט איינעם פון דיא בערג דארף מען זאגען די ברכה עושה מעשה בראשית, דיא בעסטע מדינה איז אז אין איר איז דא הויכע בערג, טאהלען, אונ גלייכע פלאץ. מיט דיא מעלות איז געלויבט ארץ ישראל.

**פרק סו** די ערד איז דער פערטער יסוד (פונדאמענט) פון דיא פיר יסודות [פייער, לופט, וואסער, ערד], זיא איז דער גרעבסטער יסוד אן צו טאפען מיט די האנד, פון דיא ערד ציהט זיך קעלט אונ טריקענעש. דיא ערד איז א שטארקער מאטעריאל אונ דאס איז צוזאמען באהעפט געווארען פון גאנץ דינע אונ קליינע חלקים, וואס ווערען גערופען, זאמד, שטויב, ערד, אונ עס איז דא ערד, וואס איז צוזאמען געשמעלט פון גרויסע חלקים פון הארטע ערד אונ שטיינער, אונ פון ליים, וואס זענען צוזאמען געליינט איינס אויף דאס אנדערע, אויסווייניג זעהט מען זאמד, ערד, טיפער אונטער די זאמד איז ליים, נאך טיפער איז שטיין, פילאזאפען, האבען געזעהן דורך זייערע מיקראשקאפען אז אין יעדער זאמד איז דא א לעבעל וואס אינווייניג איז דא די לופט, די זאמד זענען ניט אלע גלייך, עס איז דא זאמד וואס יעדער זאמד בעזונדער איז קיילעכדיג ווי א פולקע, אנדערע זענען קיילעכדיג ווי א איי, אנדערע זענען דריי קאנטיג אונ נאך אנדערע זארטען אונ אין די ערד איז דא א וואסער פייכטקייט, אויסער דיא קוואלען וואסער וואס זענען טיף אין די ערד נאר יעדער שטיקעל ערד האט אין זיך א פייכטקייט פון וואסער, אונ אין דיא ערד געפונט מען ביסלאך פייער, אונ אין דיא שטיינער געפינט מען אויך פייער דאריבער זאגען די פילאזאפען אז אין די ערד איז אויך דא אלע דריי יסודות, פייער, וואסער, לופט, נאר ביא דיא ערד איז דאך דער עיקר יסוד די ערד, אונ אין יעדער יסוד זענען דא נאך דריי יסודות, נאר איין יסוד איז דער עיקר אין וואסער איז דער עיקר יסוד דיא וואסער, אונ אין דיא וואסער איז דא א ביסעל ערד אונ א ביסעל לופט אונ א ביסעל פייער, אונ אזוי איז ביי פייער אונ ביי לופט, אונ די ערד איז קיילעכדיג, אונ די אלע גרויסע בערג וואס אויף די ערד, אונ דיא אלע טיפע טאהלען וואס אין די ערד, זענען נאר ווי פינטעלעך אויף די ערד, אונ געגען דיא גביים פון די ערד זענען זייא גערעכענט ווי גאר ניט, מען זאל מעסטען די ערד קיילעכדיג ארום, איז דיא מאס פינף טויזענד פיר הונדערט מייל, די גרעב פון די ערד, פון איין זייט ביז צו די אנדערע זייט איז טויזענד זיבען הונדערט ניינצעהן מייל, אונ קוואדראטנע מיילען האלט זיא ניין מיליאן מייל.

**פרק סז** ווען דיא ערד איז באשאפען געווארען איז זיא געווען וויסט, אין דיא רעכטע זייט אונ אין דיא לינקע זייט איז געווען וואסער, נאכדעם האבען די וואסער זיך געשטארקט אונ האבען באדעקט די ערד, אין דעם דריטען

טאג פון באשאפונג האט גאט ברוך הוא געבאטען די וואסער זאלען ווערען פארזאמעלט צו איין ארט, אונ עס איז אזוי געוועזען, אונ די איבעריגע וואסער האבען זיך אריין געצויגען אין אוקינוס, אונ אין אנדערע מעערען, אונ אינוויינג אונ פון הויבין איז די ערד געווארען טרוקען, אונ די וואסער וואס זענען אין דיא מעערין זענען ארום די ערד, אונ געבען די מעערין איז דא גרויסע שטיקער ערד, יעדער שטיק ערד איז א מדינה דאס ווערט גערופען פעסטעסלאנד, די געגענען פון דיא מדינות זענען, אפריקא, איראפא, אזיא, אמעריקא, אונ אין דיא מעערען זענען אויך דא שטיקער ערד, דאס רופט מען אינזלען, אונ צווישען דיא מעערען, דהיינו וויא צוויא מעערען זענען נאנט איינער צום אנדערען, אונ אין מעער געהער למשל צו אזיא דער אנדערער מעער געהער צו אפריקא, דיא ערד וואס צווישען דיא צוויי מעערען, רופט מען רינגלען, אדער ערד-ענגע, אזויא וויא עס איז ביא דעם ווינקעל מזרח אונ צפון אין אפריקא, דיא ערד וואס צווישען אפריקאנישען מעער אונ אזיאטישען מעער איז ברייט פערציג מייל, אונ דיא ערד וואס צווישען אמעריקא אונ פעראו איז ברייט צעהן מייל, אונ דער באשעפער פון דער וועלט האט געמאכט א גרענעץ מיט זאמד ארום דעם מעער, דיא וואסער זאל ניט ארויס גיין פארפלייצען דיא ערד, אויבוואהל די וואסער פון מעער זענען העכער פון דיא ערד, פון דעסטוועגען גייען זייא ניט אריבער דעם ברעג, אונ דיא טרוקענע ערד וואס מיר זעהן איז באהעפט צוזאמען מיט דיא ערד וואס אין מעער אונטער דעם וואסער, אפילו דיא ערד [אינזעל] וואס ארום זייא איז וואסער, זענען אויך באהעפט אונטער דעם וואסער מיט די גאנצע ערד וואס מיר זעהן, אנדערע פילאזאפען זאגען דיא ערד פון דיא אינזלען זענען בעזונדער אונ זיי שווימען אויף דעם מעער, ווייל אין די ערד איז דא פיל האלץ זונ גראז אונ שמרויא דאריבער קענען זיי שווימען אויף דעם מעער, אונ פון נאך דעם מבול ביז היינט זעהן מיר פיל בערג אונ טרוקענע ערד מעהר ווי עס איז געוועזען פאר דעם מבול, דאס איז געקומען פון פיל ערד ציטערניש וואס איז געוועזען פון יענע צייט ביז היינט, עס טרעפט דורך ערד ציטערניש הייבט זיך אויף א גאנצע שטאט אונ פאלט אריין אין וואסער, ווערט פון דעם א בארג, אונ פון וואסער ווערט א שטיק טרוקענע ערד, אונ ווי עס איז געוועזען ערד ווערט וואסער, אבער אין אמת שווימען נים די אינזלען, נאר אונטער דעם וואסער זענען זייא באהעפט צו דיא גאנצע ערד, אונ די טרוקענע ערד וואס מיר זעהן, אונ די ערד וואס אונטער דיא מעערען אונ דיא אינזלען איז אלץ איין שטיק ערד, אונ דאס אין גאנצען איז דער ערדקוגעל, דיא וואסער וואס אין מעער אוקינוס אונ דיא אלע אנדערע מעערען וואס זענען ארום דיא ערד, זענען פיל ווייניגער וויא דיא טרוקענע ערד, זיי זענען נים אפילו א טויזענד חלק פון די ערד, נאר אלע מעערען צוזאמען מיט אלען

אלע טייכען אונ מיט דיא וואסער וואס זענען אין די ערד, זענען די וואסער פיהל מעהר ווי די ערד.

## פרק סח דער ערשטער קראפט פון דיא קרעפטען וואס זענען דא אין מענטש,

איז דאס בעוועגונג, אונ דיא בעוועגונגען זענען פיר ערליי, איין בעוועגונג איז פון דיא נאטור, דאס צווייטע איז מיט זיין ווילען, דאס דריטע איז א אויסערערווילטער, דאס פערטע איז א פארשטענדליכער. דאס נאטירליכע בעוועגונג מיינט מען, ווען דער מענטש ווערט געבארען איז זיין קערפער גאנץ קליין, אונ באלד הייבט ער אן וואקסען אין די הייך, אונ אין דיא גרעב, אונ אין דיא בריינט, אונ דאס זעלביגע איז בייא אלע לעבענדיגע זאכען וואס ווערען געבארען, אונ בייא אלע בוימער אונ גראז אונ ביי אלע אנדערע געוויקסען, דאס ווילענדיגע בעוועגונג איז, וואס דער מענטש גייט פון איין ארט צום אנדערען ארט אונ וואס ער ווירט מיט זיינע גלידער, מיט זיין קערפער, מיט דיא האנד אונ מיט דיא פיס, אונ אזוי א בעוועגונג איז דא בייא אלע לעבענדיגע זאכען, דיא בעוועגונג וואס דער קערפער ווערט בעוועגט פון איין ארט צום אנדערען, איז דורך די פיס, אונ דיא פיס בעוועגען זיך דורך די אדערען, אונ די אדערען בעוועגען זיך דורך די בלוט וואס אין די אדערען, אונ יעדער זאך וואס בעוועגט זיך, האט א זאך וואס בעוועגט אים, אונ אויב דער וואס בעוועגט איז א קערפערליכע זאך, מוז דער קערפער האבען אזוי א זאך וואס זאל אים בעוועגען, אונ אזוי בעוועגט איינס דאס אנדערע ביז עס קומט צו דיא ערשטע זאך וואס זיא בעוועגט אלע זאכען אונ זיא אליין בעוועגט זיך ניט, דאס איז דער נפש, דאס לעבונג וואס אין דעם מענטש, אונ וייל דער ערשטער וואס בעוועגט אלע איז קיין קערפער מוז ער דאך זיין אויף א קערפער, איז דער קערפער די ערשטע בעוועגונג, ווער איז דער נפש, אונ ווער איז דער ערשטער קערפער וואס אויף אים רוהט דער נפש, מוזען מיר זאגען דער נפש איז די נאטירליכע ווארעם וואס איז אין די בלוט וואס איז אין הארצען, אונ די בלוט פון הארץ איז די ערשטע בעוועגונג וואס זיא גייט אין אלע אדערען אונ די אדערען בעוועגען אלע גלידער, אפילו דער מוח איז ניט אזוי א עיקר ווי דאס הארץ, אונ וואס דער מענטש בעוועגט זיך צו איין זאך בעסער ווי צו די אנדערע זאך, דאס רופט מען א אויסערערווילטע בעוועגונג, אונ וואס דער מענטש קלערט אוים מיט זיין שכל איינע זאך וואס ער האט זיא פריער ניט געוואוסט, דאס רופט מען א פארשטענדליכע בעוועגונג, אלע ענדערונגען וואס דער מענטש טוהט, הייסט בעוועגונגען, אויב דער מענטש ענדערט פון שלעכט צו גוט, הייסט דאס א גוטע בעוועגונג, אונ אויב ער ענדערט פון גוט צו שלעכט, הייסט דאס א שלעכטע בעוועגונג. נאך איינערליי בעוועגונג איז דא, אונ דער בעוועגונג איז בייא אלע זאכען, וואס עס ווערט אונ קומט אויף דער וועלט, אונ וואס עס ווערט פארלענדט

פוי

פון דער וועלט. דאס צווייטע קראפט וואס איז דא אין א מענטש. איז דאס געפיהל, און דאס געפיהל ווערט געטיילט אין פינף טייל. (חושים). פיר טייל האבען בעזונדערע גלידער, אויגען צום זעהן, אויערען צום הערען, דער נאז צום שמעקען, די מויל צום פיהלען דעם געשמאק פון עסען און טרינקען, און דאס פינפטע דאס אנטאפען דאס האט קיין בעזונדערע גליד, נאר דאס פיהלט און שפירט דער גאנצער קערפער. יעצט וועט ערקלערט ווערען דיא אלע פיר חושים, דאס ערשטע וועלען מיר שמועסען פון די אויגען, דיא אויגען זענען געמאכט פון זיבען הויטען, דריי הויטען זענען גרויסע, זייא בעדעקען דיא גאנצע אויג אדער דאס מערסטע טייל פון דיא אויג, די אנדערע דריי הויטען זענען קלענערע, די זיבעטע הויט איז גאר קליין, דיא בעדעקט נאר דאס לעכיל וואס אין אויג, דאס זענען די נעמען פון דיא דריא גרויסע הויטען, איינע ווערט גערופען דאס ווייסע הויט, דאס איז דיא אויסווייניגסטע און די אויבערשטע הויט וואס זיא בעדעקט דאס גאנצע ווייסעל פון אויג ארום דאס שווארצע וואס איז אין מיטען אויג. דיא אנדערע הויט ווערט גערופען הארען הויט, די הויט איז אזוי א קאליער און א ליכטיגקייט ווי מען נעמט א הארען פון א בהמה און דער טאקאר העבלעוועט דעם הארען און מאכט איהם דין און קלאהר וויא גלאז, די הויט איז אונטער די ווייסע הויט, און זי בעדעקט די גאנצע אויג ארום פון פארנט און פון אונטען, און זיא בעדעקט דאס לעכיל פון די אויג, נאר די זייט וואס איז ביי די אויג פון אונטען איז גרעבער וויא דיא זייט וואס איז פארנט, ווארום וואס נענטער די הויט איז צו די שווארצעל איז זיא דינער, די הויט איז הארט און שיטער. די דריטע הויט רופט מען טרויבען הויט. די הויט איז אונטער די הארען הויט, די הויט האט עטליכע קאלערען, וויא דיא טרויבען, און וויא דער קאליער פון רעגען בויגען, און ווייל דער הארען הויט וואס בעדעקט די אויג איז קלאר און לויטער, דאריבער זעהט אויס די הויט וואס אויף די אויג פון אויסווייניג ווי דער רעגען בויגען און ווי די שיינקייט פון א גליטץ, און אין מיטען די הויט איז דא א קליינע לעכיל א קיילעכדיגע, און דאס לעכיל איז בעדעקט מיט א קליינע היטעל א שווארצע און א שיינע און זיא איז א ביסעל ברייטער פון דאס לעכיל, און מיט די שטיקעל הויט וואס זיא איז ברייטער וויא די לעכיל אין יעדער זייט איז זיא באקלעבט ארום די שווארציל אויף די טרויבען הויט. דאריבער רעכענט מען די שווארצע היטעל מיט דיא טרויבען הויט פאר איין הויט, און ווען דער מענטש קוקט אויף א גרויסע ליכטיגקייט ווערט דאס לעכיל איינגעצויגען און קליין, און ווען די ליכטיגקייט איז א שוואכע און א טונקעלע ווערט דאס לעכיל אויסגעצויגען און ברייט, און ביי יעדער צייט בלייבט דאס לעכיל קיילעכדיג און נים געענדערט. דאריבער דארף יעדער מענטש זיך היטען ער זאל נים טאהן איין ארבעט ביא א שטארקע ליכטיגקייט און נים ביא א שוואכע

א שוואכע

א שוואכע ליכטיגקייט גאר ביי א מיטעלע ליכטיגקייט, און מען זאל זיך היטען ניט צו גיין מיט איין מאהל פון ליכטיג אין פינסטער און ניט פון פינסטער אין ליכטיג. נאך דיא דריי הויטען איז דא נאך דריי קלענערע הויטען, דאס זענען ווייערע נעמען, דיא פערטע הויט הייסט נעצין הויט, די הויט איז געוועבט פון גאנץ דינע אדערען און געמאכט ווי א נעץ וואס מען פאנגט פיש, זיא איז ווייס, און זיא איז דער פונדאמענט פון אויג. די פונפטע הויט הייסט קריסטאל הויט, און זיא איז געמאכט ווי די וועבונג פון א שפין. די זעקסטע הויט איז וויא גלאז. אין יעדער אויג איז דא דריי ערליי פייכטקייט, זיין פייכטקייט ווערט גערופען וואסער פייכטקייט, ווייל די פייכטקייט איז ווי וואסער, די פייכטקייט איז אויף די צווייטע הויט, די הארען הויט. די צווייטע פייכטקייט ווערט גערופען קריסטאל פייכטקייט, ווייל די פייכטקייט איז קלאר ווי קריסטאל, די דריטע פייכטקייט רופט מען גלאז פייכטקייט ווייל זיא איז קלאר ווי גלאז, און זיא באנעצט די זעקסטע הויט וואס מען רופט איר די גלעזערנע הויט, און פון מוח גייען ארויס אדערען, פריער גייען די אדערען צו זאמען נאכדעם ווערען זיי געטיילט אין די לינקע אויג און אין דיא רעכטע אויג, און די אדערען גייען אריין אין דאס שווארצעל וואס אין די אויגען און פון דעם קומט דאס זעהונג, און אלץ וואס דיא אויג זעהט קומט באלד צוריק אין מוח דורך דיא אדערען.

**פרק סט** אין דיא אויגען זענען דא זעקס דינע שנירלאך פון פלייש, אזוי וויא אדערען, און דורך זיי בעוועגט מען דיא אויגען צו קוקען אין זעקס זייטען, הויבען און אונטען רעכטס און לינקס און אין דער קרים און אין די צווייא זייטען, דיא זעקס אדערען וואקסען אונטער די אדערען וואס גייען פון מוח אין דיא אויגען, און דיא שנירלאך קומען אויך אין דיא אויגען צו בעוועגען זיי זאלען קענען קוקען אין אלע זייטען, און אין די ווינקלען פון די אויגען וואס נעבען דיא נאז, איז דא אין די ברעמען צוויי קליינע אדערען מען רופט זיי טרערען-אדערן, ווייל דורך זיי גייען די טרערען, און דורך די אדערען זענען שטענדיג פייכט דיא אויגען, זיי זאלען ניט פארטריקנט ווערען, און אין דיא צווייא אדערען זענען דא צוויי דינע לעכליך, און ארום יעדער לעכיל איז דא איין אדער ער איז וויא א רעדעל, און דיא צוויי אדערען גייען אריין אין די צוויי נאז לעכער, און דיא איבעריגע פייכטקייט פון דיא אויגען קומען אריין אין די נאז לעכער, און פון דיזע נאז לעכער רינט ארויס אויף די ערד, דאריבער ווען דער מענטש וויינט גייט ארויס פייכטקייט פון די נאז לעכער. דאס זעהונג פון די אויגען קומט פון די ליכטיגקייט, פון די זונן, אדער פון דיא לבנה, אדער פון פייער, אזוי גייט אריין די ליכטיגקייט פון אויסוויינינג אינוויינינג אין דיא אויגען, און דיא ליכטיגקייט גייט דורך דיא דינע אדערען וואס אין אויג ביז אין מוח, און דיא ליכטיגקייט ציהט אריין אין אויג ביז

צום

צום מוח אלע ערליי קאלערען וואס שטייען פאר די אויגען, דאריבער אויב דער מענטש שטייט אין א פינסטערען ארט אונ די אויגען זענען נעבען א ליכטיגען ארט, ציהט זיך דיא ליכטיגקייט פון דעם ליכטיגען ארט גלייך אין דיא אויגען, אונ ער קען זעהן אלץ וואס ווערט געטאהן אין דעם ליכטיגען ארט, אבער ווען עס איז פארקערט ער שטייט אין א ליכטיגען ארט אונ די אויגען קוקען אין דעם פינסטערין ארט, פאלט דיא פינסטערניש פון ווייטען אויף די אויגען, אונ ער קען ניט זעהן וואס עס ווערט געטאהן אין די פינסטערע שטוב. דיא ליכטיגקייט זענען דא צווייא ערליי איינס ווערט גערופען א גלייבע ליכטיגקייט, דהיינו די ליכטיגקייט קומט פון דיא זונן אדער פון דיא לבנה אדער פון פייער גלייך אויף די אויגען, אדער דיא ליכטיגקייט קומט אויף איין אנדער זאך, אונ פון דיא זאך קומט דיא ליכטיגקייט אויף די אויגען, דהיינו א מענטש שטייט נעבען א וואסער וואס איז ניט טיף, אונ ער קוקט מיט די אויגען אין דעם וואסער, אונ די זונן שיינט אין דעם וואסער, האבען די אויגען די ליכטיגקייט דורך דעם וואסער, אדער ער קוקט אין שפיגעל, אונ דיא זונן שיינט אין שפיגעל אונ פון שפיגעל קומט דיא ליכטיגקייט אויף דיא אויגען, אונ נאר פון דיא צוויי זאכען שלאגט אפ דיא ליכטיגקייט אויף די אויגען פון א שפיגעל אונ פון א וואסער וואס איז ניט טיף, אונ דיא ערד וואס אונטער דיא וואסער אונ די קוועקזילבער וואס איז בעשמירט אויף די אנדערע זייט גלאז, לאזען ניט דיא צורה פון מענטש זאל גיין דורך די גלאז אדער דורך די וואסער, נאר עס שטויסט צוריק, דאריבער קען מען זעהן די צורה פון מענטש אין דעם שפיגעל אונ אין דיא וואסער וואס איז ניט טיף. אונ ווען די ליכטיגקייט ברענגט אריין די זאך אין די אויגען ברענגט זיא אריין פארקערט, נאר ווען דער מוח שטויסט ארויס די זאך צוריק פון אויג קומט דאס ארויס גלייך, אזוי ווי א זיגעל, ווען מען האלט דיא חתימה אין האנד זענען דיא אותיות פארקערט אונ ווען מען זיגעלט דעם בריף זענען דיא אותיות גלייך.

**פרק ע** מיר האבען געשריבען אין פריערדיגען פרק די פינפטע הויט פון אויג איז א קריסטאל-הויט, אונ אונטער די קריסטאל-הויט איז דא א הויט וואס זיא איז ווי א גלאז, אונ דיא קריסטאל-הויט איז ניט גלייך בייא אלע מענטשען, עס זענען דא מענטשען וואס דיא קריסטאל-הויט איז נאנט צו דיא גלאז-הויט וואס איז אין די אויג פון אונטען, דיא מענטשען קענען ניט גוט זעהן פון נאנטען, אונ די מענטשען וואס דיא קריסטאל-הויט איז ווייט פון די גלאז-הויט קענען זיי ניט גוט זעהן פון ווייטען, אונ די מענטשען וואס די קריסטאל-הויט איז אין מיטען זיי זעהן גוט פון ווייטען אונ פון נאנטען. דאריבער זענען געמאכט געווארען דיא ברילען, דער מענטש וואס זיין קריסטאל-הויט איז נאנט צו דיא גלאז-הויט אונ ער זעהט ניט פון נאנטען בארפען זייגע ברילען זיין אין מיטען דין אונ ארום דיא זייטען גרעבער. אונ דיא

בריללען

ברילען וואס זענען צום זעהן פון ווייטען דארפען זיין אין מיטען גראב און ארום די זייטען דין, און די אדערען וואס גייען פון מוח אין די אויגען זייא ברענגען צום מוח אלץ וואס דיא אויגען זעהן, באריבער דער ווארצעל פון דעם זעהונגס קראפט איז אין מוח, און די אויגען פון דעם אדלער זענען שטארקער וויא דיא אויגען פון א מענטש, ער קען קוקען גלייך אין דיא זונן, און א וואונדערליכע זאך איז צוא באמערקען דיא אויגען פון א קאץ, ווען די לבנה ווערט גרעסער שטארקט זיך בייא איר דאס זעהונג, און ווען די לבנה ווערט קלענער ווערט בייא איר שוואכער דאס זעהונג נאך מער איז צו בעוואונדערען אויף דיא אויגען פון דיא גאנץ קליינע באשעפעניש, ווי א פליג און נאך קלענער, ווי איז דער ארט פון די זיבען ערליי הויטען און די פייכטקייט צו דיא הויטען, און זיי זעהן מיט זייערע אויגען און מיר קענען זייערע אויגען גאר ניט זעהן, און ווייל דיא אויג איז געמאכט פון ווייכע און איידעלע זאכען, דאריבער האט גאט ברוך הוא געמאכט זיי זאלען זיין טיף אין קאפ און ארום זיי איז ביין, טאמער וועט דער מענטש פאלען אדער ער וועט זיך געבען א קלאפ אין קאפ, זאל דאס ניט מאכען שאדען די אויגען.

## פרק עא

דאס צווייטע געפיהל איז דאס הערען, וואס צו דעם זענען דיא אויערען, גאנץ טיעף אין אויער איז דא א קליינע לעביל אויף דיא לעביל איז פארשפרייט א קליינע הויט, דאס לעביל איז אין א ביינדעל וואס ער איז קיילעכדיג וויא א רינג און דורך דעם לעביל גייט אריין דאס הערונג, און זיא צוטיילט דיא אויסווייניגסטע זייט אויער פון דיא אינווייניגסטע זייט אויער וואס דארט איז דאס עיקר הערונג, און די הויט פארשטעלט דיא קעלט זאל ניט אריין קומען אינווייניג, און אינווייניג נאך דיא הויט איז דא אזויא וויא א קליין צימעריל מיט לופט, און דאס איז אין דעם אויער אייביג פון דעם טאג וואס ער איז געבארען געווארען, און דארט זענען די אדערען וואס דורך זיי גייט דאס הערונג אין מוח, די אדערען וואקסען אין דיא זייטען פון מוח און זייא גייען דורך א ביין וואס ער איז ווי א זיפ, און זיי קומען ביז אין דעם קליינעם צימער און דורך דיא אדערען גייען דיא שטימען ביז אין מוח, און אין מוח איז שוין דיא פארשטענדיגקייט צו אונטערשיידען די שטימען, און אין דעם קליינעם צימער זענען דא קליינע ביינדליך, אלע ביינדלעך זענען גלייך איינער וויא דער צווייטער און צווישען דיא ביינדליך איז בעוואקסען פלייש, יעדער ביינדעל זאל זיך קענען אויפהייבען און שאקלען באזונדער, און יעדער ביינדעל איז געמאכט ווי א האמער. ווי די שטימע קומט אין אויער קלאפט זיא אויף די הויט וואס איז אנגעצויגען אויף די לעביל וויא א פויק, א מאהל קלאפט דאס שוואך און א מאהל קלאפט דאס שטארק, ווי דיא שטימע איז א שטארקע אדער א שוואכע, און דיא שטימע גייט אריין אינווייניג אין אויער אין דעם קליינעם צימער און דער האמער וואס איז באהעפט אינווייניג צו דיא

הויט

הויט וואס איז וויא א פויק שאקילט ער דיא אלע ביינדלעך וואס זענען באהעפט צו אים אונ דאס בעוועגונג פון די ביינדלעך קלינגען אין ביידע אויערען, אונ די שטימע קומט אריין אין די דינע אדערען וואס זיי ברענגען די שטימע אין מוח אונ די אדערען שאקלען זיך א מאהל שטארקער א מאהל שוואכער, אזויא וויא דיא שטימע איז א שוואבע אדער א שטארקע, אונ דער מוח נעמט צו די שטימע אונ עס ווערט צוזאמען געשטעלט ווערטער מען זאל וויסען וואס דער מענטש האט געשפראכען אדער וואס מען האט געזונגען, אדער איין אנדער סארט שטימע וואס די אויערען האבען געהערט. אונ פון דעם קליינעם צימער פון אויער, ציהט זיך א וועג ביז אין מויל אונ דורך די וועג ציהט זיך א נייער לופט פון מויל ביז אין דעם קליינעם צימער פון אויער, דאריבער זענען דא מענטשען וואס זענען טויב אונ דורך די אויערען קען ניט אריין גיין די שטימע אינווייניג, קענען זיי הערען דורך די מויל, זיי עפענען די מויל גייט אריין די שטימע דורך די מויל ביז אין דעם קליינעם צימער פון אויער אונ פון דארט גייט דיא שטימע אין דיא אדערען ביז אין מוח.

**פרק עב** דיא שטימע קומט פון דער לופט, יעדער ווארט וואס גייט ארויס פון דעם מויל גייט דאך מיט א לופט, אונ דער לופט פון מויל קומט אריין אין דער לופט פון דער שטוב אדער אין גאס אונ ער שטויסט זיך דורך די אלע לופטען ביז ער קומט צום פויק פון אויער, דורך דעם פויק קומט אריין די שטימע אין דעם קליינעם צימער פון אויער, אונ פון דארט גייט דיא שטימע זיין דיא אדערען ביז צום מוח, אונ דער לופט וואס גייט ארויס פון מויל קלאפט אין דעם פויק נאך זיין שטארקיים, אויב דער מענטש שפריכט אדער ער שרייט שטארק, קלאפט אין דיא פויק שטארק, אויב דיא שטימע איז שוואך קלאפט אין דיא פויק שוואך, אונ עס איז א אונטערשייד אין די געשווינדקייט פון די שטימע, אויב דיא שטימע גייט פון מויל געשווינד מאכט דאס א געשווינדע בעוועגונג אין דיא לופט אונ עס קלאפט געשווינד אין די פויק, אונ אין מוח קומען אויך אריין די ווערטער געשווינד, אונ אויב די ווערטער גייען פון מויל לאנגזאם גייען די ווערטער לאנגזאם דורך דיא לופט אונ עס קלאפט לאנגזאם אויף די פויק אונ עס קומט לאנגזאם אין מוח, אונ ווייל די גאנצע וועלט איז פוהל מיט לופט, דאריבער יעדער קלאפ וואס א מענטש טוהט שטויסט ער דעם לופט. ביז עס קומט צום פויק פון אויער, אונ אז מען שפילט אדער מען זינגט, יעדער שטימע וואס גייט ארויס פון מויל אדער פון דיא כלי וואס מען שפילט מיט איר, מאכען א בעוועגונג אין דיא לופט ביז צום פויק פון אויער, אונ דיא בעוועגונג וואס ווערען צו זאמען געשטעלט אין דער לופט דאס מאכען א שיינעם זיסען ניגון אדער א שלעכטען ניגון. אונ ווען צוויא מענטשען רעדען מיט איין מאהל איז שווער צו הערען, ווייל דיא ביידע

ערליי

עֶרלֵיי וֶוערטֶער ווֶערֶען אויסגֶעמִישְׁט אִין דֶער לוּפְט אוּנ קְלַאפֶּען צוּ זַאמֶען אויף דיא פּויק פוּן אויעֶר, אוּנ ווייל אִין יֶעדֶער זַאךְ אִיז דָא לֶעכְלִיךְ מִיט לוּפְט, אֲפִילוּ אִין אייזֶען אוּנ אִין אַ גֶעמויעֶרְטֶע וַואנְד, דָארִיבֶּער אַז אֵיינֶער רֵייד אויף זייא זייט וואנְט הֶערְט מֶען דיא שְׁטִימֶע אויף דִי אַנְדֶערֶע זֵייט וַואנְט, ווייל דיא שְׁטִימֶע גֵייט דורךְ דִי לֶעכְלִיךְ

## פרק עג

דֶער קָאפּ פוּן מֶענְטְשׁ אִיז הויבֶּען אַ קֵיילֶעכְדִיגֶער בֵּיין אוּנְטֶער דֶעם בֵּיין אִיז דָא אַ הַארְטֶע הויט אַ גְרָאבֶּע, אוּנְטֶער דִי הַארְטֶע הויט אִיז דָא נָאךְ אַ הויט אַ דִינֶע אַ ווייכֶע, דִי דִינֶע אוּנ ווייכֶע הויט אִיז פוּהל מִיט אָדֶערֶען אוּנ דיא הויט אִיז שְׁטַארְק צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם מוֹחַ, אוּנ זִיא אִיז בַּאהֶעפְט צוּ דיא הַארְטֶע הויט וָואס אִיבֶּער אִיר מִיט דִינֶע רִינְגֶעלֶעךְ לַאנְגֶע אוּנ לֵיידִינֶע, אוּנ דיא גְרָאבֶּע הויט דִי הַארְטֶע שְׁפַּאלְט דורךְ דִי דִינֶע הויט בִּיז אִין מוֹחַ פוּן הויבֶּען בִּיז אוּנְטֶען אוּנ זִיא צוּ טֵיילְט דֶעם מוֹחַ אויף צְווייעֶן, ווֶערְט דֶער מוֹחַ צְווֵיי הַאלְבֶּע קֵיילֶעכְדִיגֶע שִׁיסְלֶען, אֵיין הַאלְבֶּע מוֹחַ אִיז פָארוּנְט אוּנ אֵיין הַאלְבֶּען אִיז אוּנְטֶען. דָאס אִיז גֶעמַאכְט טָאמֶער ווֶעט אַ מָאהל דֶער מֶענְטְשׁ אֵיינְבֵּייגֶען דֶעם קָאפּ שְׁטַארְק אויף אוּנְטֶען זָאלֶען נִיט פַאלֶען דִי אַלֶע אָדֶערֶען אויף דֶעם מוֹחַ, נָאר זֵיי זָאלֶען זַיין אויף דיא גְרָאבֶּע הויט, ווָארוּם אַז זֵייא ווֶעלֶען פַאלֶען אויף דֶעם מוֹחַ קֶען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּ דִי בְּרָאכְקְרַאנְקְהַייט. אוּנ דֶער מוֹחַ אִיז נָאנְט בִּיז צוּם אויבֶּערְשְׁטִין בֵּיין פוּן קָאפּ, אוּנ פוּן מוֹחַ בִּיז צוּ דֶעם בֵּיין אִיז אַ בִּיסֶעל לֵיידִיג אוּנ דָארְט אִיז דָא אַ בִּיסֶעל ביינֶע לוּפְט, דֶער מוֹחַ אִיז ווייךְ צוּ טֵיים אוּנ קֵיילֶעכְדִיג אוּנ עֶר אִיז דֶער ווָארְצֶעל צוּ דִי מֶענְשְׁלִיכֶע גֵייסְטְלִיכְקֵייט, אוּנ דֶער מוֹחַ ווֶערְט גֶעטֵיילְט אויף דְרַייא טֵייל, דֶער מוֹחַ פוּן פָארוּנְט גֶעבֶּען שְׁטֶערֶען, דָאס אִיז דיא גְרֶעסְטֶע טֵייל פוּן מוֹחַ, דָאס צְווייטֶע טֵייל אִיז דֶער מוֹחַ וָואס אִיז אִין קָאפּ אוּנְטֶען דָאס אִיז דיא קְלֶענְסְטֶע טֵייל פוּן מוֹחַ, דָאס דְרִיטֶע טֵייל מוֹחַ אִיז לַאנְג, עֶס הֵייבְּט אָן פוּן פָארוּנְט אוּנְטֶער דֶעם מוֹחַ וָואס אִיז גֶעבֶּען שְׁטֶערֶען אוּנ עֶס גֵייט בִּיז דֶעם אוּנְטֶען פוּן קָאפּ, אוּנ דֶער טֵייל מוֹחַ וָואס גֵייט פוּן פָארוּנְט בִּיז אוּנְטֶען אִיז עֶר אויךְ גֶעטֵיילְט אויף צְווֵיי טֵייל, אֵיין טֵייל פָארוּנְט אוּנְטֶער דֶעם קָאפּ גֶעבֶּען דֶעם נַאקֶען אִיז דָא אַ בֵּיינְדֶעל מִיט אַ לֶעכִיל, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער בֵּיינְדֶעל פוּן דיא שְׁדְרָה, דורךְ דֶעם לֶעכִיל גֵייט אַרַיין דֶער מוֹחַ פוּן קָאפּ אִין דֶעם בֵּיינְדֶעל, אוּנ אַזוֹי גֵייט עֶר גְלַייךְ פוּן אֵיין בֵּיינְדֶעל אִין אַנְדֶערֶען בִּיז עֶר גֵייט דורךְ דֶעם גַאנְצֶער שְׁדְרָה, ווייל אִין יֶעדֶער בֵּיינְדֶעל פוּן דִי שְׁדְרָה אִיז דָא אַ לֶעכִיל בִּיז דֶער לֶעצְטֶען בֵּיינְדֶעל פוּן רוּקֶען, אוּנ בַּיי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זַיינְט אִיז דֶער מוֹחַ בַּאדֶעקְט נָאר מִיט אַ דִינֶע הויט, אוּנ ווֶען דֶער קִינְד זַיינְט מִיט כֹּחַ שְׁאַקִילְט זִיךְ דֶער מוֹחַ, אוּנ דֶער מוֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צְווֵיי מָאהל אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא דֶער מוֹחַ פוּן אַ גְרוֹיסֶען אָקְס, אוּנ דֶער אָרְט וָואס דער מוֹחַ לִיגְט אִינְווייניג אִיז קְלֶענֶער ווִי דִי גְרֵייס פוּן

מוח

מוח, פון דעסטוועגען ליגט אינוויינינג דער סוח וויא דורך א נס. פון זיארין קומט ארויף א לעבונגס גייסט אין מוח, אונ דער לעבונגס גייסט ווערט געטיילט אין דרייא טייל אין דעם מוח וואס פארנט נעבען שטערען איז דער כח הדמיון, צו בעקלערונגען, אונ אין מיטען איז דער כח המחשבה, דאס טראכטונג. אונ אינטען איז דער כח הזכרון, אונ צווישען די צווייא חלקים מוח דיא מיטעלסטע אונ דיא אונטערשטע איז דא א בייגעל ער איז ווי א פארקרימטער ווארעם, אונ ווען דער מענטש טראכט ער זאל זיך דערמאנען א זאך וואס ער האט פארגעסען, עפענט זיך דאס בייגעל ווי א פתחל אונ ער געדענקט שוין די זאך, אונ באלד ווערט די טירול צודיק פארמאכט. עס זענען דא מענטשען וואס ביי זייא עפינט זיך די טירול געשווינד אונ זיי געדענקען באלד. אונ עס זענען דא מענטשען וואס עס דויערט לאנג ביז דאס טירול עפינט זיך, אונ עס איז שווער ביז זיי קענען זיך דערמאנען וואס זיי האבען פארגעסען. אונ א מאהל עפינט זיך די טירול גאר ניט אונ ער דערמאנט זיך ניט וואס ער האט פארגעסען.

**פרק עד** דער ריח וואס קומט אריין אין נאז אונ פון די נאז גייט דער ריח ביז אין מוח, דאס ווענטיל וואס איז צווישען דיא נאז לעבער זיא שפירט דעם ריח ווייל זיא איז באדעקט מיט א הויט וואס איז פוהל מיט אדערען, אונ די אדערען ציהען אין זיך דעם ריח, אונ אין דעם ווענטיל זענען דא אדערען וואס פון זיי גייט א דינע פייכטקייט, אונ אויסער דעם גייט א גראבע פייכטקייט אויך פון די נאז, דורך א אדער וואס מען רופט אים פימו איטארי, אונ אויב דיא נאז לעבער ווערען הויבען פארמאכט. פאלט אריין דיא פייכטקייט אין האלז אונ דער מענטש הייבט אן הוסטען, אונ דיא אדערען פון ריח גייען פון קאפ דורך אזוי א ביין וואס ער איז געמאכט ווי א זיפ, ביז אין דעם ווענטעל פון נאז, אונ דורך דעם ביין וואס ער איז געמאכט א זיפ, גייט ארוס פון מוח דיא איבעריגע אונ שלעכטע פייכטקייט ביז אין דיא נאז. אונ טיעף אין דיא נאז איז דא צווייא לעכליך ביז אין גומען, דורך די לעכליך שעפט מען דעם קאלטען לופט אריין אין הארצען דורך דאס לינקע לעכיל, אונ דורך דאס רעכטע לעכיל ציהט זיך ארויס די היץ פון הארצען. אין מויל טיעף איז דא א קליינע צינגעל. אונטער דעם צינגעל איז דא א לעכיל וואס גייט פון האלז ביז אין קאפ אונ ביז אין דיא נאז, דורך דעם לעכיל ציהט מען אריין דעם לופט אונ מען ציהט ארויס דעם אטעם דורך דיא נאז אפילו ווען די מויל איז פארמאכט, דיא זאך וואס שמעקט גייט פון איר ארויס א דונסט ביז אין דיא אדערען פון דיא נאז לעבער אויב דער דונסט וואס שמעקט זענען די ביחות דין אונ קלאר, אונ זיי קומען אין די אדערען פון די נאז לעבער, איז דאס א גוטער ריח. אבער אז דער דונסט גייט ארויף גראב ביז אין זיי אדערין פון דיא נאז לעבער, איז דאס א שלעכטער ריח, אונ ווייל די אדערען וואס אין די

נאז

זאל זיינען ניט כיא אלע מענטשען גלייך, דאריבער טרעפט אז איינער זאגט דיא זאך האט א גוטען ריח אונ דער אנדערער זאגט דאס האט א שלעכטען ריח. אונ ניט צו אלע צייטען שמעקט דיא זאך גלייך, ווייל דער לופט וואס ברענגט דעם ריח פון דיא זאך אין דיא נאז לעבער איז ניט אלע מאהל גלייך, קען א מאהל דער זייטיגער לופט קאליע מאכען דעם ריח. אונ ווען ער ציהט אריין דעם ריח אין דיא נאז לעבער גייט ארויף דער ריח ביז אין מוח, אונ דער מוח שפירט שוין דעם געשמאק פון דעם ריח גוט אדער שלעכט.

**פרק עה** אין מענטש איז דא דריי ערליי וואהנונגען, דער אויבערשטער וואהנונג איז דער קאפ וואס אין אים איז דער מוח, דאס מיטעלע וואהנונג איז דיא ברוסט אונ די הארץ מיט די לונג, דאס אונטערשטע וואהנונג איז דער בויך, אין מיטען קערפער ווי דיא ברוסט ענדיגט זיך איידער עס הייבט אן דער בויך, איז פארשפרייט א הויט פון איין עק ביז צום אנדערען עק, אונ זיא איז אינוויינינ באהעפט צום גאנצען גוף, נאר זיא איז ניט שטארק אנגעצויגען ווי א פויק נאר זיא הענגט אין מיטען א ביסעל ארונטערגעלאזען קיילעכדיג, אונ דיא הויט מאכט א אבטיילונג צווישען דיא אויבערשטע העלפט דאס איז די ברוסט אונ דיא הארץ אונ דיא לונג, אונ דיא אונטערשטע העלפט דאס איז דער בויך אונ אלץ וואס איז דא אין בויך, די הויט העלפט צו דיא לונג וואס איז איבער איר צום ציהען דעם אטעם אזויא וויא יעדער קאוואל אייזען-שמיד אונ גאלד-שמיד האבען יעדער א בלאז-זאק, צום אויפבלאזען דאס פייער, אזוי די הויט העלפט צו דעם בלאזען וואס די לונג בלאזט אונ די הויט העלפט צום בויך דאס עסען זאל ארויס גיין פון מאגען אין די גידערים [קישקעס], אונ דיא פסולת זאל ארויסגעשטויסען ווערען פון בויך.

דאס אונטערשטע וואהנונג הייבט אן פון זוינטער דאס גריבול פון הארץ ביז ענדע דעם בויך, אין בויך איז דא דער מאגען, דיא קישקעס, [גידערים], דער מילץ, דיא לעבער, דיא גאל, דיא ניכען, דיא בלאז וואס אינוויינינ איז דיא אורין.

**פרק עו** די לעבער איז קיילעכדיג ווי א איי, די אויבערשטע זייט איז צו געקלעבט צו די הויט וואס איבער דעם בויך, דאריבער ווערט די הויט גערופען חצר כבד, דער הויף פון די לעבער, די זייט פון די לעבער איז געקלעבט צו דיא זייט פון מענטש, ווי מיר האבען פריער געזאגט, די הויט העלפט צו די לונג צו איר בלאזען, צו יעדער בלאז וואס די לונג טוהט העלפט איר דיא הויט, אונ די הויט בעוועגט זיך מיט איר צוזאמען, אונ דיא לעבער בעוועגט זיך אויך מיט די הויט, ווייל זיא איז צוגעקלעבט צו די הויט, אונ דאס בעוועגונג העלפט צו דעם לויפונג פון די בלוט אין די אדערען, אונ דער עיקר ארבעט פון די לעבער איז זיא זאל

כוכבן

מאכען פון דעם עסען בלוט. פריער ציהט די לעבער ארויס פון מאגען דאס בעסטע פון דעם עסען וואס דאס איז נויט, אונ נאכדעם ווערט דאס עסען איבער געקאכט נאך א מאהל אונ עם ווערט פון דעם עסען בלוט, נאכדעם ווערט ארויסגעצויגען פון דעם בלוט די ביסלאך גאל וואס איז דא אינווייניג, אונ זיי ווערען אפגעשיידט באזונדער, נאכדעם ווערט צוזאמען געפרעסט די חלקים בלוט וואס איז דא אין דעם עסען אונ זיי ווערען שטער, נאכדעם גייט ארויס דיא בלוט פון די לעבער אין א אדער וואס ווערט גערופען ווינא־קאבי דער אדער ווערט צוטיילט אויף צווייען, איין טייל גייט ארויף העכער צו שפייזען דיא אויבערשטע גלידער, אונ די אנדערע טייל גייט אראפ נידעריגער צו שפייזען דיא אונטערשטע גלידער. אונ די ביסלאך גאל ווערען אוועק געשיקט דורך איין אנדער וועג וואס ווערט גערופען דיקטום העפאטיקום, אונ זיי גייען אין דיא קישקע וואס ווערט גערופען דואדענום, אונ דאס איבעריגע גאל גייט אין דיא בייטיל פון דיא גאל וואס ווערט גערופען פאליקולום פעליש. אונ דארט בלייבט די גאל ביז א בעוואוכטע צייט. נאכדעם גייט ארויס דיא גאל פון דעם בייטעל אונ גייט אויך אריין אין דיא קישקע דואדענום. אין דיא לעבער איז דא זיבעציג אדערען צוזאמען קליינע מיט גרויסע. דיא לעבער איז רויט, אונטער די לעבער איז דיא גאל, א בייטעל איז צוגעקלעבט צו דיא לעבער אונ אין בייטעל איז די גאל.

## פרק עז אין די לעבער איז דא א שפאלט וואס צו טיילט די לעבער אויף צוויי טייל, אין דעם שפאלט הענגט א בייטעל. אונ אין די בייטעל איז דיא

גאל, די בייטעל האט צווייא טיילער, אין איין זייט ציהט די גאל א פייכטקייט פון דיא לעבער, פון די אנדערע זייט גיט די גאל א פייכטקייט אין די קישקע דואדענום, די טייל פון דעם בייטעל וואס דורך איר ציהט די גאל א פייכטקייט פון די לעבער, דיא פייכטקייט וואס די לעבער שטויסט זייא אוועק פון זיך ווייל זייא זענען ביטער, דאס ציהט אין זיך אריין די גאל, דורך דעם בייטעל וואס איז הויבין זופין אונ די בייטעל איז געמאכט זיא זאל זיך קענען פארמאכען אונ עפענען וויא מען וועט דארפען. אונ די טייל פון די אנדערע זייט בייטעל וואס דורך איר גיט דיא גאל א פייכטקייט אין די קישקע. די טייל איז אונטען, נאכדעם ווי אין די גאל בייטיל איז אנגעזאמולט געווארען פיל פייכטקייט פון דיא לעבער גיט דיא גאל פון איר פייכטקייט אין דיא קישקע דאס גייט דורך דעם וועג וואס ווערט גערופען דיקטוס ציסטיקוס, דארט קומט אויך די וועג וואס ווערט גערופען דיקטוס־העפאטיקוס, אינווייניג זענען דא דיא ביסלאך גאל וואס זענען ארויסגעגאנגען פון דיא לעבער ווען עס איז געווארען צו פיל גאל אין דעם בלוט, יעצט זענען צוזאמען געקומען די ביידע ערליי גאל אונ ביידע גייען צוזאמען דורך דיא וועג וואס הייסט דוקטוס־קאמונוס ביז עס גיסט זיך אריין אין די קישקע דואדענום, דאס איז צוויי פינגער

ווייט

זייט פון דעם מאגען וואס אונטער דיא לעבער. ווארום דער מאגען זיין אונטען אונ דיא לעבער איז הויבען, דיא לעבער אונ דער מאגען האבען אונטען א עקענונג ארויס צו גיסען וואס איז אין זיי איבעריג.

**פרק עה** דער מאגען ליגט אין בויך אונטער די לעבער אונ דיא גאל, איבער די ברייט פון בויך פון רעכטס צי לינגס. צום אונטען צו די פלייצעס פון מענטש, איז וויא א בייטעל קיילעכדיג אונ א ביסעל לאנג אונ קרום, דער מאגען פון א מענטש איז בענוי גלייך צו דעם מאגען פון א חזיר. דער מאגען פארנעמט א ארט פון אונטער די לעבער ביז צום נאפיל, ווייל דיא לעבער פארנעמט א ארט פון דעם מאגען ביז דיא הויט וואס איז פארשפרייט איבער דיא ברייט פון בויך. דער מאגען האט צוויא טיילער, דאס הייסט ער איז אפען אין צוויא זייטען, אין די לינקע זייט איז דער מאגען אפען אונ איז באהעפט צום וושט, דאס עסען קומט פון וושט אין מאגען, דער וושט הייבט זיך אן אין האלז געגען דאס קליינע צינגעל אונ ער גייט אונטער דער קנה ביז אין בויך צום מאגען אין לינקע זייט. דיא רעכטע זייט מאגען איז אפען אונ באהעפט מיט דיא קישקע דואדענום, דאס עסען זאל ארויס גיין פון מאגען אין דיא קישקע, אונ די צוויי אפענע זייטען זענען וויא גומע, זיא זענען איינגעצויגען אונ פארמאכט, אונ ווען מען דארף ווערען זיא געעפענט, דער עיקר ארבעט פון מאגען איז דאס ערשטע איבערמאכען דאס עסען ביז דאס עסען ווערט ניים, אין מאגען זענען דער עיקר פינף כוחות וואס געהערען צום מענשליכען עסען. דער כח המושך, וואס ציהט אריין אין זיך דאס עסען אונ טרינקען. דער כח המחזיק, וואס דער האלט אין זיך דאס עסען אונ טרינקען. דער כח המעכל, וואס פארדייעט [איבערגעקאכט] דאס עסען, דער כח המבדיל, ער קלויבט דאס עסען פון וועלכעס זאל ווערען בלוט, אונ פלייש, שמאלץ. דער כח הדוחה, אונ ער שטויסט ארויס פון בויך די פסולת, דאס ערגסטע וואס ניצט ניט פאר דעם מענטש. מיר דארפען וויסען דער כח הדוחה, דער כח וואס שטויסט ארויס פון מאגען טוהט ער צוויי טובות דורך דיא רעכטע זייט שטויסט ער ארויס די פסולת [דאס ערגסטע פון דעם עסען] אין די קישקע דואדענום, דאס צווייטע שטויסט ארויס דער מאגען דאס בעסטע פון דעם עסען צו די לעבער וואס איז איבער דעם מאגען, דורך א בעזונדער וועג ווערט דאס ארויף געשטויסען, ווייל די לעבער איז שטענדיג הונגעריג צו נעמען דאס בעסטע פון דעם עסען וואס איז אין מאגען, אונ ער זאל דאס נאך א מאהל איבער קאכען עס זאל ווערען בלוט פון דעם עסען, אין דעם מאגען איז דא פאלבען אונ קנייטשען, ווען דער מענטש עסט פיל ווערען געעפינט דיא קנייטשען אונ דיא פאלבען דאס עסען זאל קענען אריין גיין אין מאגען, אונ ווען דער מאגען איז ליידיג ווערען די קנייטשען איינגעצויגען אונ עס פארלייגט זיך איין פאלב אויף דעם אנדערען, אונ דורך דעם

שפייז

שפירט דער מענטש אז ער איז הונגעריג, ווארום דיא חענט פון זאגען רייבען שטענדיג איינס דאס אנדערע אן אויפהערונג, אונ מיט דעם רייבען קאכען זייא דאס עסען אונ צו מאלען אים. אונ ווען דער מאגען איז ליידיג ער האט ניט וואס צו מאלען אונ צו קאכען, ווערען די קנייטשען צוזאמען געדריקט אונ רייבען איינס דאס אנדערע. אונ פון דעם רייבען האט דער מענטש גרויסע שמערצען.

**פרק עט** אונ דאס שפייאכץ וואס אין מויל העלפען אויך צום פארדייען דאס עסען. אין מאגען זענען דא אדערען וואס זענען אזוי וויא רערען אונ דיא אדערען ברענגען אריין אין מויל די שפייאכץ שטענדיג, אונ ווען דער מענטש קייט דאס עסען אין מויל ווערט אריין געמישט די שפייאכץ אין דעם עסען, אונ דאס צו קייטע עסען מיט דעם שפייאכץ גייען אריין אין מאגען, דאס שפייאכץ איז פול בלעזליך וויא וואסער פון זייף, ווארום אין דעם שפייאכץ איז דא דער קראפט פון זייף, נאר פון דעסטוועגען איז דער שפייאכץ זיס אונ געשמאק אין מויל, אונ דאס שפייאכץ צו טיילט דאס עסען אין מאגען יעדער קראפט וואס איז דא אין דעם עסען זאל זיין בעזונדער. אזוי ווי זייף שיידט אפ פון קלייד דעם שמוטץ אונ די פלעקען. אזוי טוהט דאס שפייאכץ מיט דאס עסען אין מאגען, ער צו טיילט דאס עסען אין חלקים. יעדער חלק זאל זיין בעזונדער, דריבער זאל מען ניט רייבערן א שעה פאר דעם עסען אונ א שעה נאך דעם עסען, ווייל ווען מען רייבערט שפייט מען פיל, ווערט וויינינגער די שפייאכץ אין מויל, ווערט דאס עסען ניט קענען געשווינד אונ גוט פארדייעט ווערען אין מאגען.

**פרק פ** דער מילץ ליגט אין דיא לינקע זייט קערפער, א ביסעל אונטער דעם מאגען, זיין קאליער איז שווארץ רויט, ער איז לאנג, זיינע ביידע עקען זענען קיילעכדיג. די מילץ איז ווארעם אונ פייכט, אין די מילץ איז דא פיל אדערן וואס קלאפען, אונ די אדערען גייען ארויס פון דעם לינקען אדער וואס אין מאגען, אונ אין דער מילץ זענען דא נאך אדערען פראסטע וואס קלאפען ניט, אונ זיי קומען פון דעם אדער וואס מען רופט אים וויגא-פארטי. אונ דער עיקר ארבעט פון דעם מילץ איז ער זאל ריין מאכען די בלוט. ווארום די מילץ איז באהעפט דורך רערען צו דיא לעבער אונ ער ציהט ארויס פון די לעבער די פסולת פון די בלוט, אויך ציהט ער צו זיך די פסולת פון די שווארצע גאל, אונ פון די מילץ גייען צריין רערען אין מאגען, אונ דורך דיא רערען גייען אריין טראפען פון דיא שווארצע גאל אין מאגען. דורך די זויערקייט פון די גאל וואס בלייבט אין מאגען בעקומט מען א פעטיט צום עסען.

**פרק פא** די נירען זענען אונטען נעבען די לענדען, זייא זענען צו געקלעבט צום רוקען, אונ זיי זענען צוויא. איינע אין די רעכטע זייט אונ איינע אין די לינקע זייט. נאר די ניר וואס אין די רעכטע זייט איז א ביסעל נידעריגער

פון

פון די ניר וואס אין די לינקע זייט. די ניערען בעדינגען די לעבער, זייא ציהען ארויס די וואסער וואס איז דא אין די בלוט פון די לעבער, נאכדעם שטויסען זיי ארויס דיא וואסער אין דיא בלאז, אונ פון דיא בלאז גייט ארויס דיא וואסער פון מענטש אויף די גאס, די בלאז ליגט ביי דעם מענטש אין בויך גאנץ אונטען, א ביסעל העכער פון די קישקע וואס מען רופט זיא כרכשתא. די בלאז האט צוויי דויטען איינע אויף דיא אנדערע. דיא בלאז הענגט וויא א פענבארז נאר פארקערט מיט דיא האלז אראפ, נאר די אורין זאל ניט רינען שטענדיג, איז די האלז פון דיא בלאז ווי א גומע שטארק פארמאכט די אורין זאל ניט קענען דורך גיין, אונ ווען עס קומט די צייט אז דיא בלאז איז פוהל געווארען מיט אורין, עפענען דיא אורין דיא בלאז אונ זיי גייען ארויס אונ באלד ווערט די האלז צוריק פארמאכט ווי פריער, נאר די אורין גייט ניט ארויס גלייך פון די בלאז אויף די גאס נאר פון די בלאז גייט זיא אין דעם גליד, אונ פון דעם גליד גייט זיא אויף דיא גאס, אונ אז דער מענטש האלט איין די אורין בעקומט ער שמערצען, אונ קען זיך פיל שאדען מאכען, דאריבער אזוי וויא דער מענטש שפירט ביי זיך אז די אורין איז פוהל אין די בלאז אונ זיא דארף ארויסגיין, זאל ער איין מינוט ניט איין האלטען. גידער עס קישקעס. אין אמת איז דאס נאר איין לאנגע קישקע, די לענג איז אכצעהן איילען, נאר זיא ליגט אין בויך פערדרייט אונ פארקרימט, אונ ווייל דיא קישקע איז ניט אין אלע ארטער גלייך, דאריבער רעכענט מען זיא גלייך וויא עס וואלט געווען עטליכע קישקעס, אונ א האלבע קישקע איז די הויט גראב אונ א האלבע דינן, דיא ערשטע שטיקעל קישקע פון די דינע זייט ווערט גערופען דואדענום, אונ זיא הייבט זיך אן פון מאגען ווי עס איז אפען אין די רעכטע זייט, אונ פון מאגען גייט אריין דאס עסען אין די קישקע, דאס איז לאנג צוועלף פינגער, נאכדעם גייט א שטיקעל קישקע וואס איז אינווייניג גאר ליידיג, אונ זיא איז גאנט צום נאפיל, דורך דיא שטיקעל קישקע גייט דורך די צואה, נאכדעם גייט א שטיקעל קישקע וואס איז נאנט צו די ניערען, דער נאך איז א שטיק קישקע וואס מען רופט זיא כרכשתא, אונ זיא גייט ביז צום ארט וואס די צואה גייט ארויס, אונ דארט איז אויך געמאכט ווי א גומע, דיא צואה זאל ניט קענען ארויס פאלען פון דיא קישקע צו יעדער צייט, נאר ווען מען וועט דארפען, אונ נאכדעם ווערט באלד צוריק פארמאכט.

**פרק פב** דער עיקר חיות פון א מענטש איז דאס בלוט, אונ דאס בלוט דארף האבין א צירקולאציע, א בעוועגונג, זיא זאל לויפען אין דעם גאנצען מענטש אין אלע זיינע אדערען, אונ ווען דיא בלוט איז צו פיל אין דעם מענטש גייט דאס א מאהל ארויס דורך א מערידען, אונ ביי נקבות איז דא בעשטימטע צייטען ווען דיא איבעריגע בלוט גייט ארויס פון זיי,          , אונ ווייל דיא היץ וואס איז דא אין מענטש צערט אפ פון מענטש זיינע קרעפטען, דאריבער מוז ער דיא קרעפטען

קרעפטען דערפולען מיט עסען און טרינקען, ווען'ן דעם האט גאט ברוך הוא געגעבען אין דעם מענטש א כח ער זאל האבען א טעמים צום עסען, דאס עסען און טרינקען זאל שטארקען דעם קערפער און זאל אים צוריק געבען די אפגעצערטע קרעפטען. חוש המשוש, דאס שפירונג, אנטאפונג, דאס איז פארשפרייט אין גאנצען קערפער, וועלכע זאך עס רירט אן דעם קערפער, אויף וועלכען ארט פון קערפער, שפירט דאס באלד דער קערפער, ווארום די אדערען דאס דיא בלוט לויפען אין זייא זענען צוויי ערליי. איין ערליי זענען פולס-אדערען דיא צווייטע זענען פראסטע אדערען, די הויט פון די פולס-אדערען איז שטארקער ווי דיא הויט פון די פראסטע אדערען, און זיי זענען ווייס, און די פראסטע אדערען איז זייער הויט דין בלאה. און דיא בלוט פון די פולס-אדערען זענען רויטער ווי די בלוט פון די פראסטע אדערען, די פולס-אדערען איז זייער אנהייב פון הארץ און פון הארץ ווערען זייא צו טיילט אין אלע גלידער און אין גאנצען קערפער, און די פראסטע אדערען זענען פארקערט, זיי הייבען זיך אן אין די גלידער און דארט זענען זייא איינגעווארצעלט מיט קליינע דינע ווארצלען און זיי ענדיגען זיך אין הארצען, דער ארדענונג פון די בלוט איז אזוי, דיא בלוט גייט ארויס פון הארצען אין דיא פולס-אדערען, און פון די פולס-אדערען גייט די בלוט אין אלע גלידער און אין גאנצען קערפער, נאכדעם גייט די בלוט צוריק פון אלע גלידער, אין די פראסטע אדערען, און פון זיי גייט די בלוט צוריק אין הארצען. די פולס-אדערען זענען צוויא, איינער ווערט גערופען דער לונגען-אדער, ער גייט ארויס פון די רעכטע זייט פון הארץ און פירט די בלוט צו דיא לונג, נעבען דיא לונג ווערט דער אדער געטיילט אין צווייען און ער גייט אריין אין דיא צוויא טייל לונג. דער אנדערער אדער ווערט גערופען דער גרויסער-אדער, ער גייט ארויס פון די לינקע זייט פון הארץ, און ער צו שפרייט די בלוט אין גאנצען קערפער ווארום באלד וויא דער אדער גייט ארויס פון הארצען א ביסעל אפגערוקט, ווערט ער צו טיילט אויף צוויי אדערען, איינער גייט ארויף אין קערהייך, און איינער גייט אראפ אונטען, דער אדער וואס גייט ארויף אין קערהייך ווערט אויך געטיילט אויף פיר אדערען, צוויא פון זיי גייען אין דיא האנד און צוויי גייען דורך די האלז אין קאפ, און ווען דיא צוויי אדערען קומען צום אנהייב קאפ, ווערט נאך א מאהל יעדער אדער געטיילט אויף צווייען, צוזאמען פיר אדערען [דאס הייסט צווייגען פון דיא אדערען], איין צווייג פון דעם אדער און איין צווייג פון דעם אנדערען אדער גייען אריין אין די נירען, און דער אנדערער צווייג פון דעם אדער און פון דעם אנדערען אדער גייען ארויף אויף דעם קאפ פון אויסוויינינ, און דער גרויסער אדער וואס גייט אראפ אונטען גייט זער אריין אין רוקען [אין די פלייצעס] געגען דעם חוט השדרה, און דארט ווערט ער צו טיילט אויף פיל גרויסע צווייגען, און פון דיא גרויסע צווייגען גייען ארויס פיל קליינע

צווייגען

צווייגען ווי די צווייגען פון א בוים, און די אדערען גייען ביז צו די ריפען, און ביז צו דיא הויט וואס איז פארשפרייט איבער דעם בויך, און דעם מאגען, און די איבעריגע אלע זאכען וואס זענען אין בויך, נאכדעם ווערט דער אדער נאך א מאהל צו טיילט אויף צוויי צווייגען איין אדער גייט אין דעם פוס און דער אנדערער אין דעם אנדערען פוס, ביז אונטער די פארעשווע פון פוס און ביז צום שפיץ פון גראבען פינגער, און דיא אדערען טרינקען אן מיט בלוט אלע אויבערשטע און אונטערשטע גלידער, די אינווייניגסטע און די אויסווייניגסטע.

**פרק פג** די ביינער וואס זענען דא אין דעם מענטש זענען דאס מערסטע געלעכערט [הויל], אינווייניג איז דא א פעטקייט וואס מען רופט דאס מארך, דיא ביינער שפירען גאר גישט, נאר ווייל דיא ביינער זענען באדעקט מיט א הויט און א ביסעל פלייש אונטער די הויט, דעריבער אז א מענטש בעקומט א קלאפ אויף א ביין האט ער גרויסע שמערצען, דיא ביינער האלטען דעם גאנצען בעשטאנד פון מענטש. אלע ביינער צוזאמען וואס זענען דא אין דעם מענטש וועגען א דריטעל וויפיל דער גאנצער מענטש וועגט. א מיטעלער מענטש וועגט הונדערט מיט פופציג פונט, וועגען דיא ביינער פופציג פונט, און דער גאנצער מענטש אויסער די ביינער וועגט הונדערט פונט. דיא זאכען וואס ווערען גינאסען [רינגענדיגע זאכען] זענען דא אין דעם מענטש זעכצעהן ערליי. דער מארך וואס אין די ביינער, אז מען לייגט אים אין א כלי אויף דעם פייער ווערט ער צושמאלצין ווי וואסער, א). דער מארך איז נייכ נאר עטוואס אין דויט. ב). דער מוח וואס אין קאפ. ג). דאס בלוט, ד). די חלב. ה). דער זאפט וואס איז אין די דינע אדערין. ו). די וואסער וואס איז דא אין יעדער מענטש. ז). די שפייאכץ וואס אין מויל, ח). דער זאפט וואס איז אין יעדער מענטש. ט). די פייכטקייט פון די גאל. י). דער מארך וואס אין די שדרה י"א). די שמאלץ. י"ב). די שוויים וואס גייט ארויס פון מענטש. י"ג). די טרערען. י"ד). די פייכטקייט פון די נאז. ט"ו). די פייכטקייט פון אויער. ט"ז). די השתנה. פון דעם מענטשענס קערפער באשאפונג קענען מיר וויסען אויף די נשמה וואס זיא דערפילט אלע גלידער און אלע אדערען מיט איר בעלעבונג, אז די נשמה גייט ארויס פון דעם מענטש בלייבען שטיין אלע גלידער און אלע אדערין. און אז ביא דעם מענטש איז טייער זיין גוף, און זוכט אלע מעגליכקייט צו היטען דעם גוף עס זאל צו אים קיין שאדען זיין, דארף ער דאך דיא נשמה געוויס היטען, צו איר זאל קיין שאדען קומען און אז ער וועט טאהן א עבירה וואס אויף איר קומט כרת, אדער יסורים, אדער ארעמקייט, האט ער דאך געטאהן שאדען די נשמה און דעם גוף. די חכמים זאגען דער מענטש און דער היילגער משכן האבען ביידע פארגלייכונג, דיא הארץ אין גוף איז ווי דער ארון הקודש אין משכן, די לונג וואס זיא פארשפרייט אירע פליגעל איז ווי דיא כרובים וואס האבען פארשפרייט זייערע פליגעל

פליגעל איבער דעם ארון, דיא הויט וואס איז פארשפרייט אינווייניג איבער דעם בויך, איז וויא דער פרוכת, די פארע פון בויך וואס גייט ארויף אין קאפ איז וויא דער רויך פון די קטורת, אונ אזוי פארגלייכען זיי אלע זאכען פון כוונמש צו דעם משכן, אונ אזוי פארגלייכט מעין דעם מענטש צו די ביידע וועלטען, וואס איבער דעם הימעל אונ אונטער דעם הימעל, די הויט וואס איז פארשפרייט אינווייניג איבער דעם בויך איז ווי דער הימעל, אזוי ווי די זאכען וואס זענען איבער דעם הימעל זענען אלע גייסטליך, אזוי אלע זאכען וואס זענען איבער די הויט זענען אויך גייסטליך, די הארץ דיא לונג אונ נאך זאכען, אונ אונטער דיא הויט זענען אלע גשמיים, דער מאגען דיא מילץ אונ נאך זאכען, אזוי ווי עס איז אויף די ערד. אונ אזוי וויא עס איז ביי דיא בלוט וואס אין הארץ, ווען די בלוט דערוויישערט זיך פון די הארץ טוהט זיא באלד תשובה אונ קומט צוריק צו די הארץ, עס דאערט נאר צוויי מינוטען, ווארום פיר אונ צוואנציג מאהל אין איין שעה לויפט די בלוט פון הארץ אונ קומט באלד צוריק. אזוי דארף מאהן דער מענטש מיט זיין נשמה, אויב די נשמה האט געזינדיגט אונ האט זיך דערווייטערט פון גאט ברוך הוא. דארף ער געשווינד מאהן תשובה אונ דערנענטערען דיא נשמה צו גאט. אונ אזוי וויא עס איז ווען עס קומט אויף א מענטש א שרעק פלוצלונג, פארזאמלען זיך אלע בלוט צום הארץ, אזוי ווי זיא וואלטען בעטען ביא דיא הארץ זיא זאל באשיצען אויף זיי פון די שרעק, אזוי ווען עס קומט חלילה אויף א מענטש א צרה, זאל ער זיך ניט פארזעכערען אויף איין אנדערען נאר אויף גאט ברוך הוא אליין, צו גאט זאל ער בעטען וועט ער אים געוויס העלפען.

**פרק פד** די צווייא חושים דאס זעהן אונ דאס הערען, ווען זייא קומען ביידע מיט איין מאהל ווערט דאס זעהן פריער ווי דאס הערען, צום ביישפיל ווען עס בליצט אונ דונערט, זעהט מען דעם בליץ פריער וויא מען הערט דעם דונער, אפילו זייא קומען ביידע צוזאמען מיט איין מאהל, דער בליץ קומט פון דונער אונ דער דונער קומט פון בליץ, פון דעסטוועגען זעהט מען זיעם בליץ פריער ווי מען הערט דעם דונער, אונ אזוי איז ווען מען שיסט מיט א ביקס אדער מיט א הארמאט, זעהט מען דעם פייער פריער ווי מען הערט דעם קלאפ פון די קאהל דאס איז ווייל דאס הערונג דארף האבען דעם לופט, דיא שטימע ווערט געהערט דורך דעם בעוועגונג פון די לופט, און דאס בעוועגונג פון דיא לופט מוז האבען עטוואס צייט. דעריבער ביז דער מענטש הערט דעם קלאפ מוז עטוואס דויערען, ווער עס איז נאהנט צו דעם קלאפ הערט געשווינדער אונ ווער עס איז ווייטער דויערט לענגער, אבער דיא ליכטיגקייט דארף ניט דעם לופט, דאריבער זעהט מען די ליכטיגקייט באלד ווי זיא גייט נאר ארויס פון דעם דונער אדער פון דעם הארמאט, א פראבע קענען מיר מאכען מען זאל נעמען א גלעזערנעם אדער

איין אנדער] גלאק אונ מען זאל ארויס פלומפען פון גלאק דעם לופט, וועט זיער גלאק ניט קלינגען, מען וועט זעהן ווי דאס צינגעל שאקילט זיך אויף דיא ווענט פון דיא כלי אונ מען הערט קיין שטימע, אז איינער איז ווייט א מייל פון זיעם ארט וואס דארט איז געוועזן דער קלאפ, דאערט איין סעקונדע ביז ער הערט דעם קלאפ, אז ער איז ווייט צוויא מייל דאערט צוויי סעקונדען, אונ אזוי צו יעדער מייל דאערט איין סעקונדע מער [א סעקונדע איז איין חלק פון דריי טויזענד זעקס הונדערט סעקונדען וואס זענען אין א שעה], אונ זעהן קען מען זין איין סעקונדע צוויי מאהל הונדערט טויזענד מייל ווייט.

## פרק פה די שטימע קומט פון דעם בעוועגונג דיא לופט, אויב עס טרעפט זיך

א זאך האט פלוצלונג צו זאמען געשטויסען דיא לופט, אונ דיא לופט מוז זיך צוזאמען קוועטשען דורך די זאך וואס קוועטשט זיא צוזאמען, נאכדעם וויא די זאך איז צו גענומען געווארען אונ דיא לופט צו שפרייט זיך צוריק, צו שפרייט זיא זיך מיט א שטארקען כח אז זיא פארנעמט יעצט א גרעסערען פלאץ ווי פריער שטויסט דער לופט יעצט צוזאמען דעם פריערדיגען לופט וואס איז געוועזן ארום זיא, אונ דער לופט שטויסט איינס דאס אנדערע ביז עס קומט אויף די הויט וואס איז אינווייניג אין אויער אנגעצויגען ווי א פויק, אונ די שטימע גייט אריין אין מוח. אונ יעצט דער מענטש שפריכט, יעדער ווארט וואס גייט ארויס פון זיין מויל, זיער לופט פון מויל שטויסט דעם אויסווייניגסטען לופט איינס נאך דאס אנדערע ביז צום פויק וואס אין אויער. אונ אזוי קלאפען די ווערטער אין פויק אונ די שטימע ווערט געהערט אין מוח. אונ ווען דער מענטש בלאזט אין א כלי א טרומפעטע אדער אין א שופר, אדער ער טוהט א קלאפ אין דער לופט מיט א ווייכע רוט וואס זיא ביינט זיך, ווערט געהערט א שטימע, אדער ער קלאפט א האנד אויף א האנד, אדער א האלץ אויף א האלץ, אדער א אייזען אויף א אייזען, אונ דער לופט וואס איז געוועזן צווישען די צוויי הענד, אדער צווישען די צוויי העלצער איז מיט איין מאהל אוועק געשטויסען געווארען האט דער לופט געשטויסען ווייטער אונ ווייטער ביז זיעם פויק וואס אין אויער. ביי יעדער לעבעדיגע זאך, א מענטש א בהמה א חיה א פויגעל איז ביי זיי דא צוויי רערען אין האלז, איין רער הייסט ושט, דורך די רער גייט אראפ דאס עסען פון מויל אין בויך, דיא אנדערע רער הייסט קנה, דורך דיא זיער גייט ארויס די שטימע, אונ די רער וואס הייסט קנה איז הויבען פארמאכט מיט א דעק, ווען דער מענטש שווייגט איז די רער פארמאכט, אונ ווען ער הייבט אן ריידען ווערט די דעק געעפינט, אונ דאריבער טאר מען ניט ריידען ווען מען עסט, ווייל דער קנה וועט זיין אפען ווען ער וועט ריידען אונ עסען קען אריין פאלען א שטיקעל עסען אין קנה קען מען דערשטיקט ווערען, אונ דער מענטש קען מאכען דער קנה זאל זיין אין גאנצען אפען אדער העלפט אפען, אליין נאך זיין ריידען, שטארק אדער

שנאך, ווען דער קנה ווערט וויניג געעפינט גייט ארוים א הויכע שטימע זו קלינגענדיגע, אונ ווען דער קנה ווערט שטארק געעפנט איז די שטימע שוואך.

**פרק פו** עס זענען דא דרייערליי שטימען, א גלייכע שטימע, ווען דער מענטש שטייט אויף א ליידיגען פלאץ אדער אויף א פעלד וואס דארט איז ניט דא קיין בוימער קיין בערג, דאריבער גייט דיא שטימע גלייך, א גרויסע שטימע אדער א קליינע שטימע איז אלץ דאס זעלבינע. די צווייטע שטימע איז אז א מענטש אין א וואלד אדער צווישען הויכע בערג, אז ער טוהט א געשריי, הערט ער צוריק דעם זעלבינען געשרייא גלייך וויא איינער וואלט אים צוריק געענטפערט. דאס רופט מען א ווידער קלאנג, דאס קומט פון די איינגע שטימע, וואריום ווען דער מענטש שרייט שטויסט זיין שטימע אין דיא לופט ווייטער אונ ווייטער אז דער לופט קומט צו די בערג אדער צו די בוימער ווערט דער לופט פארהאלטען אונ קען נים ווייטער גיין, שפרינגט ער צוריק אינ שטויסט דעם לופט צוריק דאריבער ווערט געהערט דיא זעלבינע שטימע וויא דער מענטש האט געשריגען, א הויכע שטימע אדער א נידעריגע, דאס איז אזוי ווי מען ווארפט א פילקע אויף די וואנט שפרינגט זיא צוריק, אונ פון דעם מענטשינס שטימע ביז דיא צוריק קומענדע שטימע ווערט געהערט מוז עטוואס דויערן, אונ יעדע שטימע ווערט געהערט באזונדער. פריער האט מען געהערט די שטימע פון דעם מענטש, נאכדעם הערט מען דעם ווידערקלאנג. א מאהל טרעפט דער ווידערקלאנג מיט דעם מענטשינס שטימע קומען ביידע מיט איין מאהל, ווען דער מענטש שטייט גאר נאנט נעבען דעם בארג אדער נעבען בוים, אזויא וויא דער מענטש טוהט א געשרייא אין דער בעקינדע קומט שוין צוריק דער ווידערקלאנג, אונ דער ווידערקלאנג מיט די שטימע זענען ביידע צוזאמען, אונ דאמאלס איז די שטימע שטארק אונ גראב ווייל עס זענען צוויא שטימען מיט איין מאהל, אבער דיא שטימע איז ניט אנגענעם צו דעם וואס הערט ווייל עס איז א געמישטע שטימע. וואריום וואס ווענטער דיא שטימע ווערט פארהאלטען געשווינדער ווערט געהערט דער ווידערקלאנג. דיא פילאזאפען האבען געמאכט אזוי א רער מען זאל קענען דורך איר ריידען צו איינעם וואס שטייט פון ווייטען אונ נאר ער זאל הערען, קיין אנדערער. דיא רער איז געמאכט פון זילבער אדער פון איין אנדער מאטעריאל, קיילעכדיג, איין זייט איז שמאל, דיא אנדערער זייט איז ברייט, דורך דיא שמאלע זייט שפרעכט מען אונ דורך דיא ברייטע זייט הערט מען, אונ אפילו דער מענטש שטייט ווייט פון דיא ברייטע זייט רער, פון דעסטוועגען וועט ער הערען וואס מען וועט צו אים ריידען. אונ נאך איין ערליי רער האבען זיא געמאכט א קלענערע, איין זייט שמאל אונ איין זייט ברייט, די שמאלע זייט זאל מען קענען אריין שטעקען אין אויער, אונ דורך דיא ברייטע זייט זאל מען רעדין, אפילו דער מענטש איז א טויבער ווענ ער איך

הערען

הערען וואס מען שפריכט צו אים דורך די רער, אונ דער אויער איז אויך אזוי געמאכט, פון פארונט איז ער ברייט אונ וואס טיפער אינוויינינ איז שמעלער. דיא מענטשען וואס פארען אויף דעם ים האבען א זעלבע רערען, עס טרעפט א מאהל עס באגעגענען זיך צוויי שיפען, דיא שיפקאפיטאנען גיבען ארוים זייערע רערען אונ די ברייטע זייטען האלטען זיי איין רער נעגען די אנדערע, אונ דורך די שמאלע גיפען רעדין זיי, אפילו די שיפען זענען ווייט איינע פון די אנדערע, פון רעסטאוענין הערען זיי וואס מען שפריכט צו זיי. נאך האבען די פילאזאפען געזאגט, עס קען זיין געמאכט אזוי א וואנט אז מען וועט שטיין אין שטוב נעבען דיא וואנט אונ מען וועט ריידען גאנץ שטיל נאר די לעפצען וועלען זיך שאקלען, אונ איינער וועט שטיין אויף די אנדערע זייט וואנט אפילו ווייט פון דיא וואנט נאר ער וועט שטיין פונקט געגען דעם מענטש וואס אין שטוב אונ שפריכט, וועט ער הערען אלץ וואס ער שפריכט, אונ דיא מענטשען וואס וועלען שטיין נעבען אים וועלען ניט הערען. די יודישע חכמים זאגען יעדע שטימע וואס גייט ארויס פון מויל איז דאס איין אות [בוכשטאב] פון די צוויי אונ צוואנציג אותיות פון א״ב מיט איינע פון די ניין נקודות, ווארום ווי דער מענטש עפינט נאר דאס מויל מיט איין שטימע מוז דאס זיין א בוכשטאב מיט א נקודה, צו ביישפיל, ער זאגט אַ, איז דאס איין אלף מיט א פתח, אויב ער זאגט אָ, איז דאס א אלף מיט א קמץ, אויב ער זאגט בַ, איז דאס א בית מיט א פתח, אדער בָ, איז דאס א בית מיט א קמץ, אונ אזוי איז אפילו ביי בהמות אונ חיות אונ עופות, יעדע שטימע וואס גייט ארויס פון זייער מויל מוז דאס זיין א אות מיט א נקודה, אדער זיי זאגען דעם אות צוויי דריי מאהל, דער קרא שרייט קרא קרא, עס איז דא א פויגעל וואס זינגט סו סו סו, אדער צוף צוף, די פליגען אונ דיא בינען זאגען זו זו זו, נאר וויל זיי זאגען דאס גאנץ געשווינד דערקענט מען ניט דיא ווערטער. אפילו דאס שרייען פון אקס אדער פון אייזעל זענען אויך אותיות מיט נקודות, דיא קוה שרייט מו, אונ אפילו מען טוהט א קלאפ איין האנד אויף די אנדערע הערט מען אויך א בוכשטאב פ אדער ב. אונ אזוי זענען אלע מוזיקאלישע אינסטרומענטין ווען מען שפילט אויף זיי גיבען זיי אויך ארויס בוכשטאבען מיט נקודות נאר ווענען זייער געשווינדען שפילען איז שווער צו בעמערקען די אותיות אונ ווערטער וואס דאס שפילען רעט, אז א מענטש רעט זייער געשווינד אדער ער ציהט יעדער אות זייער לאנג איז אויך שווער צו פארשטיין וואס ער רעט, אונ אז מען זאל ניט הערען די שטימע פון שטורעם ווינט וועט מען אויך הערען אותיות מיט נקודות, דער אונטערשייד איז נאר, וואס דער מענטש רעט פארשטייט מען וואס די אותיות זאגען, אונ די אלע אותיות פון בהמות חיות עופות ווייסט מען ניט וואס זיי מיינען אונ וואס זיי זאגין.

פרק

**פרק פז** דער ריח קומט ווייל די זאך וואס שמעקט גיט אריין א ווינד אין דעם לופט וואס ארום די זאך, אונ ביי דעם מענטש אין דיא נאז זענען דא דינע אדערען וואס זייא ציהען אריין אין זיך דעם שמעקענדיגען לופט, אונ דיא אדערען ציהען אריין דעם ריח אין מוח. אלע גלידער פון מענטש שפירען די זאך וואס רירט זיי אן, אויב דיא זאך איז נאס אדער טריקען, קאלט אדער ווארעם, נאר דעם טעם פון דער זאך שפירען זיי ניט, אז דער פינגער אדער איין אנדער גליד וועט האלטען צוקער אדער פעפער וועט ער ניט שפירען אז דיא צוקער איז זיס אונ ניט אז די פעפער איז ביטער, אבער אז די צוקער אדער פעפער ליגט אויף דיא צונג אדער אויף דעם גומען שפירט ער באלד די זיסקייט פון דיא צוקער אדער דיא ביטערקייט פון די פעפער, אונ דער צונג שפירט אויך וועלכעס איז נאס אדער טרוקען קאלט אדער ווארעם.

**פרק פח** די ערשטע צוויי חושים דאס זעהן אונ דאס הערען זענען די טייערסטע אין גוף, דורך זיי קומט דער מענטש צו די זאכען וואס געהערען צום גוף אונ צו די זאכען וואס געהערען צו די נשמה, אז דער מענטש זעהט מיט זיינע אויגען וואס איז געשריבען אונ געדריקט אין ספרים אונ לערענט אין זיי תורה אונ חכמה אונ גוטע מדות, האט דער מענטש ביידע וועלטען, אדער ער הערט מיט זיינע אויערען תורה אונ מוסר אונ חכמה אונ ער טוהט ווי צדיקים אונ חכמים לערנען אים, האבען אים די אויערען געגעבען עולם הזה אונ עולם הבא. דאריבער בארף דער מענטש שטארק היטען דיא צווייא חושים, די אויגען אונ דיא אויערען, זייא זאלען נים קאליע ווערען, דאריבער וועלען מיר יעצט שרייבען וועלכע זאכען עס קענען קאליע מאכען דיא אויגען, דער מענטש זאל זיך פון זייא היטען. דאס ערשטע איז א מענטש זאל נים ארויס גיין פלוצלונג מיט איין מאהל פון א פינסטערען ארט אין א שטארקען ליכטיגען ארט, נאר אויב ער איז אין א פינסטערען ארט זאל ער עפענען די טיר אדער דעם פענסטער ביסלאכוויז די ליכטיגקייט זאל ביסלאכוויז אריין גיין אין שטוב, אונ עטליכע סעקונדען אדער רגעים זאל ער קוקען אין דעם ביסעל ליכטיגקייט, אונ אזוי זאל ער עפענען די טיר אלע מאהל מעהר ווינד מעהר, ביז ער וועט קענען עפענען די טיר אין גאנצען. אונ ווען ער דארף גיין פון א ליכטיגען ארט אין א פינסטערען ארט, זאל ער אויך נים ארויס גיין פלוצלונג מיט איין מאהל נאר ביסלאכוויז, אונ נאט ברוך הוא האט אויך אזוי געטאהן, פון די פינסטערע נאכט קומט נים פלוצלונג דער ליכטיגער טאג, נאר ער גייט ביסלאכוויז, אלע מינוט ווערט ליכטיגער, אונ פארין נאכט איז אויך אזוי עס ווערט נים פלוצלונג פינצטער, נאר די זונן גייט אונטער ביסלאכוויז עס ווערט אלע מינוט פינסטערער, די אויגען זאלין איינגעוואהנט ווערען ביסלאכוויז. אונ אזוי זאגען מיר אלע טאג המאיר לארץ ולדרים עליה ברחמים, גאט מאכט לייכטען אויף דיא ערד אונ צו דיא מענטשען וואס

ווארנען

וואהנען אויף די ערד מיט רחמנות, אונ דאס איז די רחמנות וואס ווערט ניט מיט איין מאהל טאג אונ ניט מיט איין מאהל נאכט. דאס צווייטע זאל א מענטש זיך היטען ער זאל ניט קוקען אויף דיא ליכטיגקייט וואס שלאגט אפ צוריק פון דיא זונן, דהיינו א מענטש זאל ניט וואהנען אין שטוב וואס דיא פענסטער זענען אין צפון זייט, ווייל די זונן איז ניט דא אין צפון זייט נאר פון איין אנדערער זייט שיינט די זונן אויף די צפון וואנט אונ פון די צפון וואנט שיינט די זונן אין שטוב, און די ליכטיגקייט זאל דער מענטש ניט שטארק קוקען ווייל דאס איז שעדליך פאר דיא אויגען. אונ אויב פאר דיא פענסטער וואס אין צפון זייט שטייט א וואנט אונ דיא זונן שיינט אויף די וואנט אונ פון דיא וואנט שיינט די זונן דורך די פענסטער אין שטוב, די ליכטיגקייט איז נאך שעדליכער צו דיא אויגען. אונ מען זאל ניט וואהנען אין אזוי א שטוב וואס מען זעהט ניט דעם הימעל דורך דיא פענסטער, אונ מען זאל ניט שרייבען אונ ניט טאהן איין אנדער מלאכה א איידעלע צווישען טאג אונ נאכט, אונ ווען דיא זונן שיינט שטארק אויף דעם פאפיר אדער אויף דעם ספר זאל ער ניט שרייבען אונ ניט לייענען געגען די זונן. מען זאל ניט פיל שרייבין אונ ניט פיל לייענען אין א ספר ביא נאכט ביי דיא ליכטיגקייט פון א ליכט אונ ביי א לאמפ. מען זאל ניט צו פיל קוקען אויף א זאך וואס איז ווייס וויא שנייא. אונ ניט אויף א זאך וואס איז שטארק רויט, אונ מען זאל ניט שטארק קוקען אין פייער, אונ דאריבער זענען דא אין מצרים פיל בלינדע ווייל זייא זיצען שטענדיג געגען פייער. דויך אונ דער ריח פון שוועביל אונ רינער שטויב איז אויך שעדליך צו דיא אויגען, ווייניג שלאפען איז אויך שעדליך צו די אויגען. געוויינליך דארף א מענטש שלאפען אכט שעה. דאס פיל גיין איז שעדליך צו דיא אויגען, אז מען גייט גרויסע טריט, דאס הייסט מען לויפט שטארק ווערט ביא יעדער מאהל לויפין געמינערט א פינף הונדערט חלק פון די ליכטיגקייט פון דיא אויגען, אז מען גייט אין גאס אונ א שטארקער ווינט בלאזט אויף דיא אויגען, ווערען קאליע דיא אויגען, אויב א מענטש וויינט שטארק אונ עס גייען טרערען פון די אויגען עטליכע טעג אן אן אויפהערונג ווערען קאליע דיא אויגען, אין דער פריא ווען עס איז שוין א ביסעל ליכטיג, אדער פארין נאכט ווען עס איז נאך א ביסעל ליכטיג אונ ער צינדט אן א ליכט אונ ער לערינט אין א ספר אדער ער שרייבט אדער ער טוהט איין אנדער איידעלע מלאכה ביי דיא צוויי ערליי ליכטיגקייט צו זאמען, איז דאס שעדליך צו דיא אויגען, עס דארף נאר זיין איין ליכטיגקייט, אדער פון דיא ליכט אליין אדער פון דיא זונן אליין.

אונ צו דיא אויערען איז שעדליך א פלוצלונגע שטימע א צו גרויסע שטימע, דאס קען טויב מאכען די אויערען. ביי דיא אלע זאכען איז דא גוט אונ שלעכט, א מאהל זעהן די אויגען אזוי א זאך וואס זיי מאכען פארגעניגען,

און

אונ א מאהל זעהן זיי אזוי א זאך וואס זיי מאכען צער, ביי דיא אויערען איז אויך אזוי, א מאהל הערען זיי אזויא א זאך וואס זייא מאכען פארגעניגען, אונ א מאהל הערען זיי אזוי א זאך וואס זיי מאכען צער. א מאהל שמעקט דער מענטש א גוטען ריח אונ א מאהל שמעקט ער א שלעכטען ריח. א מאהל שפירט דער מענטש א גוטען טעם אין מויל אונ א מאהל א שלעכטען טעם,

## פרק פט

די פינף ערליי חושים, זענען אין דעם מענטש צו טאהן מיט זיי דיא ער וויל, ער זאל זיי בענוטצען צו וואס ער וויל אדער ער זאל זייא גאר ניט בענוטצען, דהיינו עס איז א מצוה וראיתם אותו, מען זאל זעהן דיא ציצית, עס איז א מצוה לא יראה לך חמץ, פסח זאל מען ניט זעהן חמץ ביי זיך אין שטוב, עס איז א מצוה ער זאל ניט קוקען אויף א אשה וואס איז ניט זיין ווייב, אונ אפילו אויף זיין ווייב זאל ער ניט קוקען ווען זיא איז ... ער זאל ניט קוקען אויף א עבודה זרה אונ עס איז דא היילינע זאכען וואס מען טאר ניט קוקען אויף זייא, ווען די יודען זענען געווען אין דער מדבר אונ מען האט געטראגען דעם משכן פון איין ארט צום אנדערען האבען די יודען ניט געטארט זעהן ווען מען האט באדעקט די כלים פון משכן צו טראגען זיי פון איין ארט צום אנדערען, מען טאר ניט קוקען אויף א רעגינבויגען, מען טאר ניט קוקע אויף א נשיא, מען טאר ניט קוקען אויף די כהנים ווען זיי דוכנען. מיט די אויערען איז א מצוה צו הערען ווען מען בלאזט שופר ראש השנה, עס איז א מצוה צו הערין דיא רייד פון אריכטיגען נביא ווען ער זאגט זיינע ריכטיגע נביאות, עס איז א מצוה מען זאל ניט הערען די רייד פון א פאלשען נביא, עס איז א מצוה צו הערען דיא רייד פון די חכמים אונ צו הערען זייערע מוסר. עס איז א מצוה מען זאל ניט הערען רכילות לשון הרע לצנור נבול פה. מיט דיא נאז איז א מצוה מוצאי שבת צו הבדלה זאל מען שמעקען בשמים. מען זאל ניט שמעקען פון דיא קטורת וואס איז געווען צו רייכערען אין משכן אונ אין בית המקדש, אונ אז איינער האט גע מאכט פאר זיך א זעלכע קטורת ווי עס איז געווען אין משכן האט מען ניט געטארט שמעקען פון זיי. מען טאר ניט שמעקען פון דיא בשמים וואס איז געמאכט צום רייכערען צו די עבודה זרה, אונ מען טאר ניט שמעקען פון די בשמים וואס א זונה טראגט אויף זיך אדער זיא שמירט זיך מיט בוים איל אדער וואסער וואס שמעקען. מיט דעם מויל איז א מצוה צו עסען מצה פסח, ביי כהנים איז געווען א מצוה

צו

צו עסען די פלייש פון קרבנות, אונ די ברויט פון מנחות, אונ צו עסען תרומה מען טאר ניט עסען חלב אונ ניט בלוט, אונ מען טאר ניט עסען אלע זאכען וואס די תורה האט געבאטען מען זאל ניט עסען. עס איז דא א צייט וואס איז א מצוה צו עסען, דהיינו שבת יום טוב, אונ עס איז דא א צייט וואס מען טאר ניט עסען, דהיינו יום כפור אדער איין אנדער תענית, אונ עס זענען דא זאכען וואס דער מענטש טאר זיי ניט אנריהרען מיט דעם גוף, דהיינו א מענטש האט זיך ניט געטארט שמירען מיט די בוימאייל פון משכן אונ מען האט ניט געטארט מאכען א זעלכע בוימאייל ווי עס איז געוועזען אין משכן מען זאל זיך שמירען מיט זיי, עס איז א מצוה תשמיש המטה מען זאל האבען קינדער, אונ מען מוז זיך דערווייטערען פון א אשה וואס איז א נדה אפילו זיא איז זיין ווייב. אויף די אלע כוחות געוועלטיגט נאר דער מענטש, וועלכעס ער זאל טאהן אונ וועלכעס ער זאל ניט טאהן, אבער אלע לעבענדיגע זאכען קענען ניט טאהן אנדערש אז זייער נאטור, ווארום דיא נאטור צווינגט זיי צו טאהן סיי שלעכט סיי גוט.

## פרק צ די פינף ערליי חושים וואס מיר האבען פון זיי געשריבען אין פריערדיגען

פרק זענען ניט נאר אויסווייניגסטע חושים, נאר זייא זענען אינווייניגסטע חושים אויך, ווארום פון מוח ציהען זיך דינע אדערען אין אלע גלידער פון מענטש, דאריבער יעדער גליד וועלכע זאך ער טוהט, שפירט באלד דער מוח, אונ דער מוח [דער שכל] זאגט באלד זיין מיינונג אויף יעדער זאך אויב דיא זאך איז גוט אדער שלעכט, אונ ער שפירט אויב דיא זאך איז קיילעכדיג, אדער פיר קאנטיג אדער דריי קאנטיג, ווי ברייט, ווי לאנג, וויא הויך, דאס ווייסט אלץ דער כוח. דאס אויסווייניגסטע וואס דער מענטש טוהט אויסווייניג מיט זיינע גלידער דאס רופט מען שפירען, בעוועגונג, אונ וואס דער מענטש שפירט מיט זיין מוח דאס רופט מען בעטראכטונג, פערגלייכונג איין זאך צו די צווייטע, אונ אזוי ווי דיא אויסווייניגסטע חושים [גלידער] קענען נאר שפירען פיהלען א קערפערליכע זאך וואס מען קען זיא אנטאפען מיט איינע פון די גלידער, אזוי דער מוח קען אויך נאר שפירען אונ פיהלען דיא גשמיי זאכען וואס דיא אויסווייניגסטע גלידער נעהמען אונ דער כח המדמה ווערט אויך געטיילט אין חושים אויסווייניגסטע אונ אינווייניגסטע, איינס איז וואס דער מוח שפירט דיא זאך, ווען דער מענטש ריהרט אן דיא זאך מיט איינע פון זיינע אויסווייניגסטע גלידער, דאס צווייטע איז ווען דער מענטש האט שוין די זאך אוועק געלייגט האלט דער מענטש די זאך אין מוח ער זאל געדענקען ווי די זאך האט אויסגעזעהן אונ וואס איז געוועזען די זאך וואס ער האט געהאלטען, אונ ער זאל געדענקען די צורות פון די אלע מענטשען וואס ער האט זיי איין מאהל אדער מערער מאהל געזעהן, אונ דער מענטש האלט אין מוח הונדערטער זאכען צו געדענקען ער זאל זייא ענטשיידען איינס פון דאס אנדערע,

ווער

ווער איז דער מענטש אונ ווער איז יענער מענטש, אונ אזוי אלע זאכען וואס ער זעהט אונ הערט אונ טאפט אן מיט דיא אויסווייניגסטע גלידער בלייבט דער פאר־שטעלונג פון די זאך ביי אים אין מוח. ער זאל דאס געדענקען אויף אייביג אדער אויף א לאנגע צייט.

## פרק צא דער כח המדמה קען צוזאמען נעמען די זאכען וואס די איטווייניגסטע גלידער האבען געטאהן אונ מאכען פון צווי דריי זאכען איין זאך,

דהיינו א מענטש א שווארצער האט שוין געזונגען, זענען דא געוועזען צווי חושים, די אויגען האבען געזעהן עס שטייט א שווארצער מענטש, דיא אויגען האבען ניט גע־הערט זיין זינגען, דיא אויערען האבען געהערט דאס זינגען דיא אויערען ווייסען אבער ניט אויב דער מענטש איז געוועזען א שווארצער אדער א ווייסער. אבער דער כח המדמה וואס אין מוח, ווייסט ביידע זאכען, א שווארצער מענטש האט שוין געזונגען, אונ דאס איז שוין געבליבען אין מוח, אונ אויב ער וועט א מאהל טרעפען דעם שווארצען מענטש, וועט ער אים שוין דערקענען אז ער איז דער שיינער זינגער וואס ער האט א מאהל געזונגען, אפילו ער וועט יעצט ניט זונגען. אדער פארקערט ער וועט הערען א געזאנג אונ וועט ניט זעהן ווער עס זינגט, וועט ער שוין דערקענען דיא שטימע אונ. וועט שוין וויסען אז דאס זינגט דער שווארצער מענטש, אונ אזוי ווי דער כח המדמה נעמט צוזאמען אין מוח צווי דריי זאכען אונ מאכט פון זיי איין זאך, אזויא קען ער מאכען פון איין זאך צווייא אדער דריי זאכען, דהיינו ער זעהט א האלץ וואס איז פיר קאנטיג אונ שווארץ געפארבט, פארשטייט ער עס איז געוועזען א האלץ אונ א מענטש האט אים גע־מאכט פיר קאנטיג אונ האט אים געפארבט, איז ביי אים גערעכענט דער האלץ באזונדער אונ די שווארצע פארב באזונדער אונ די פיר קאנטינקייט באזונדער. ווייל די קענען זיין איינס אונ דאס אנדערע, עס קען זיין א האלץ ניט פיר קאנטיג, אונ עס קען זיין א האלץ ניט געפארבט שווארץ. אונ אזוי ווי ער האט געמאכט איינס דעם שווארצען מענטש מיט זיין זונגען, אזויא קען ער אים מאכען נאר צווייא זאכען, עס קען זיין א שווארצער מענטש אונ זאל ניט קענען זינגען אונ עס קען זיין דאס זינגען זאל א ווייסער מענטש אויך קענען, איז דער מענטש מיט דאס זינגען צווי זאכען.

## פרק צב ווי מיר האבען געזאגט אין פריערדיגען פרק אז דער כח המדמה נעמט א מאהל צו זאמען צווייי דריי זאכען אונ מאכט פון זיי איין זאך, אונ

א מאהל איז פארקערט איין זאך צו טיילט ער אויף מערערע זאכען. דאריבער קען זיין דיא זאכען זאלען זיין אמת אדער פאלש, עס קען טרעפען דער כח המדמה זאל טראכטען א אייזערנע שיף פליהט אין דערהייך, דאס איז דאך פאלש אונ עס קען ניט זיין, נאר דאס קומט ווייל אין מוח זענען צו זאמען געקומען דרייא

זאכען, ער האט געזעהן א שיף אונ ער האט געזעהן אייזען אונ ער האט געזעהן פייגעל פליהען, איז אים אין מוח צו זאמען געשטעלט געווארען דיא דרייא זאכען א שיף פון אייזען פליהט. אונ אזוי קומען צוזאמען זאכען וואס זענען א ביסעל אמת אונ א ביסעל פאלש, אדער וואס זענען אין גאנצען אמת.

## פרק צג

המשער, עס איז דא אין מענטש א כח צו וויסען פלוצלונג א זאך וואס איז געוועזען אדער א זאך וואס וועט זיין, אונ די זאך זאל ריכטיג זיין, אונ ער ווייסט אליין נים צו זאגען פון וואנען ווייסט ער אז עס איז אזוי, זונ ער וואונדערט זיך אליין פון וואנען האט ער דאס געוואוסט ריכטיג צו טרעפען, דער כח געפינט זיך אין אלע מענטשען, נאר עס זענען דא מענטשען וואס טרעפען פיל זאכען, אונ עס זענען דא מענטשען וואס טרעפען זעלטען א מאהל, נאר צו וויסען אין אמת פון וואנען קומט דיא זאך וואס דער מענטש זאל דאס טרעפען, כוז זיין אדער דער מענטש איז א נביא דאס מען אים פון הימעל געזאגט זאו דיא זאך איז אזוי, אדער עס קומט למשל א מאהל גייט א מענטש אין גאס אונ עס זענען ארוים געפאלען פון זיין קעשענע עטליכע מטבעות, אויף דער ערד, אונ דיא מטבעות האבען זיך אזוי גלייך געלייגט ווי מען וואלט זיי ווילענדיג אזוי געלייגט, דאס מעשה איז איך געוועזען ביי דעם מענטש, ווארום יעדער מענטש האט אין מוח א טראכטונג פון פיל פארשידענע זאכען, א מאהל טרעפט די זאכען שטעלען זיך אליין צו זאמען איינס געגען דאס אנדערע אונ דער מענטש ווייסט פון דעם א גאנצען ענין וואס איז אמת, א מאהל טרעפט דאס אפט אונ א מאהל טרעפט דאס גאר גיט, אונ א מאהל טרעפט דאס זעלטען, ווייל דאס קומט וויא שטארק דער זכרון איז פון דעם מענטש, ער זאל געדענקען דיא זאכען וואס ער האט געהערט אדער געזעהן, א מאהל קומט נים איין זאך צו דאס אנדערע, אונ א מאהל קומען זיך צו זאמען דיא אלע זאכען אונ עס ווערט איין גאנצע וואהרע זאך. דאזיגער ערען די זאכען צו זאמען געשטעלט, אפילו ווען דער מענטש שלאפט אונ דער שכל איז נים דא אין מוח, אונ דער מענטש זעהט אין חלום פארשידענע זאכען וואס קומען נים איינס צום אנדערען, אונ א מאהל ווערען צו זאמען געשטעלט דיא זאכען זייער גלייך איינס צום אנדערען, אונ דער מענטש זעהט אין חלום א גאנצע זאך, אונ א מאהל איז אין גאנצען אמת, אונ א מאהל איז נאר א ביסעל אמת, אונ א מאהל זיין אין גאנצען פאלש. ספרי מוסר אונ מקובלים שרייבען בייא נאכט ווען דער מענטש שלאפט גייט ארוים פון אים דיא נשמה מיט דעם שכל אונ גייען ארויף אין הימעל, אונ אין אים בלייבט נאר דאס לעבהאפט אזוי ווי א בהמה, אונ אויב דער מענטש איז א צדיק ווערט געזאגט די נשמה אלץ וואס זיא דארף וויסען פאר זיך אדער פאר אנדערע מענטשען, אונ א מאהל ווערט איר געזאגט א נביאות, אונ אויב דער מענטש איז קיין צדיק ווערט די נשמה צוריק געשטויסען אונ מען זאגט איר

איר גאר ניט, אונ דאס מערסטע מענטשען ווערען דאך זייערע נשמות צוריק געשטויסען פון דעם ארט וואס די נשמות פון דיא צדיקים זענען דארטען אונ זייא ווייסען פון הימעל גאר ניט, אונ ווען ער שלאפט געוועלטיג אויף אים נאר דער כח המדמה אין דעם שכל, אונ עס דאכט אים אין חלום אז ער איז וואכענדיג אונ טוהט אלץ מיט זיינע אויסווייניגסטע כלים, ער גייט, ער האנדילט, אונ וויל דער מענטש איז צו זאמען געשטעלט פון פיר יסודות פייער וואסער לופט ערד, אויב דער יסוד פון וואסער שטארקט זיך אין אים זעהט ער אין חלום עס רעגינט אונ ער זעהט ימים אונ טייכען. אונ ווען עס שטארקט זיך אין אים די רויטע גאל, זעהט ער פייער אונ מלחמות אונ קריג, אונ ווען עס שטארקט זיך אין אים דאס בלוט זעהט ער שיינע קאליערען אונ געלעבטערס אינ פריילינע זאכען אונ עסען אונ טרינקען, אונ ווען עס שטארקט זיך אין אים דיא שווארצע גאל זעהט ער שרעקליכע זאכען אונ צרות, אונ אמאהל קומען דיא חלומות פון דעם עסען וואס ער האט גענעסען ביי טאג אדער נעכטיגען טאג. אונ אמאהל קומען דיא חלומות פון דיא זאכען וואס ער האט געטראכט ביי טאג אדער וואס ער האט געטראכט אייידער ער איז איינגעשלאפען, אונ דער מענטש וואס איז א רשע דאכט אים אין חלום מען פירט אים אונ מען שלעפט אים אין שרעקליכע ערטער אונ עס פאלט אויף אים א גרויסע שרעק אין חלום. אונ דער מענטש וואס טראכט ביי טאג אדער נאר זיין שלאף פון מזנה זיין, קומט צו אים אין שלאף דער ענין פון זנות אונ עס גייט ארויס פון אים זרע לבטלה. אבער דער מענטש וואס איז א צדיק אונ א גאנצען טאג זענען זיינע געדאנקען נאר אין ענינים פון תורה אונ מצות, ווען זיין נשמה קומט ביי נאכט אין הימעל ווערט זיא באהעפט מיט אלע היילינע נשמות אונ זיא ווערט געזעהן פאר גאט ברוך הוא, אונ דארט זעהט זיא אלע זאכען וואס זענען אמת, נאר דיא נשמה קען ניט זאגען דעם גוף דיא אלע היילינע זאכען וואס זיא האט דארטען געזעהן, דאריבער גוט די נשמה צו פארשטיין דעם גוף דורך דעם כח המדמה דורך משלים אונ אנדערע ענינים וואס זענען גלייך צו די זאכען וואס זיא ווייסט, אונ אפילו ביי נביאים איז אויך אזוי געוועזן זיי האבען ניט געקענט זאגען צום פאלק זייערע נביאות מיט די זעלבינע ווערטער וואס זייא האבען געהערט פון גאט ברוך הוא אדער דיא זאכען וואס זייא האבען געזעהן, נאר זייא האבען געמוזט זאגען דיא ווערטער מיט משלים אונ מליצות ווי מיר געפונען פיל א זעלבע זאכען אין ספר יחזקאל אונ ביי אנדערע נביאים, אויסער משה רבנו האט געזאגט דיא זעלבינע ווערטער וואס גאט האט צו אים געזאגט, ווי עס שטייט אין רש"י אין אנהייב סדרה מטות; דער זוהר זאגט דיא נשמה פון צדיק ווען זיא גייט צוריק אראפ פון הימעל זיא זאל אריין גיין אין גוף, באהעפטען זיך צו איר שדים אונ זאגען איר פאלשע זאכען אונ נארעשקייטען אונ זיי פארמישען אין איר דעם שכל זיא זאל פארגעסען די ריכטיגע

זאגען

זאכען וואס זיא האט געהערט אין הימעל, אונ די נשמה וואס איז זוכה לערענט מען מיט איר תורה אין הימעל, אונ ביי נאכט ווען ער שלאפט ווייסט ער אז מען לערינט מיט אים תורה אונ מארגען געדענקט ער די תורה וואס מען האט מיט אים געלערנט אונ אויב עס באהעפטען זיך שדים מיט די נשמה ווען זיא גייט אראפ פון הימעל מאכען זיי ער זאל פארגעסען די תורה וואס ער האט געלערענט, ער געדענקט ער האט געלערענט תורה, ער געדענקט אבער ניט וואס ער האט געלערונט. אונ א מאהל טרעפט אז גאט שיקט אראפ פון הימעל א הייליגען מלאך, ער זאל זאגען דעם מענטש וואס עס וועט זיין, אזוי ווי עס איז געוועזען ביי פרעה, וויא יוסף האט געזאגט צו פרעה אשר האלוהים עושה, וואס גאט וויל טאהן אויף דער וועלט האט ער געזאגט צו פרעה, אונ ווי עס שטייט אין תנ"ך ביי פיל מענטשען וואס גאט האט זייא געזאגט ביי נאכט אין חלום דורך א מלאך, אויף אזוי א חלום האט דיא גמרא געזאגט דאס איז א זעכציג חלק פון נבואה, אונ די חלומות זענען אמת, נאר ווייל די זאך איז געזאגט געווארען פון גאט צום מלאך אונ פון מלאך צו די נשמה, אונ פון די נשמה צום גוף דורך דעם כח המדמה, אין דעם כח המדמה מוז שוין ווערען אריין געמישט גראסטע זאכען אויך, דאריבער זאגט די גמרא אזוי ווי עס קען ניט זיין קארין אן שטרוי אזוי קען ניט זיין א חלום אן דברים בטלים, אזעלכע רייד וואס זענען נאר נישט, אונ אפילו די זאכען וואס טרעפט דעם גוף באמת ביי נאכט, שטעלט אים פאר דער כח המדמה מיט אנדערע זאכען וואס זענען גלייך צו דער זאך, דהיינו עס טרעפט א מאהל דער גוף האט שמערצען ביי נאכט אין שלאף, פון א מכה, אדער פון איין אנדער זאך, אונ דער מענטש איז שטארק פארשלאפען, שטעלט אים פאר דער כח המדמה אין חלום ווי איינער שלאגט אים, אונ פון דעם שלאגען האט ער שמערצען, עס טרעפט א מאהל אין מיטען שלאף האט זיך אויפגעדעקט די איבערבעט אדער די קאלדרע אונ עס איז אים קאלט געווארען אונ ער שפירט אים איז קאלט אונ ער איז פארשלאפען שטעלט אים פאר דער כח המדמה אין חלום עס איז ווינטער אונ ער גייט אין גאס אונ עס איז אים קאלט, אונ א מאהל טרעפט אים ער האט שמערצען אין א פוס אונ ער שפירט דיא שמערצען נאר ער איז פארשלאפען, דער כח המדמה שטעלט אים פאר אין חלום ער דארף נייטיג גיין אין גאס אונ ער קען ניט רירען מיט די פוס זיי זענען אים שווער אונ מיד. ווייל דער שכל איז דאמאלס אין שלאף ניט דא ווערט אויסגעמישט אין קאפ אלץ וואס ער האט געזעהן אונ געהערט אונ געטאהן, אונ עס פאסט זיך א ביסעל צו די זאך וואס אים טרעפט נאר אלץ מיט פאלשע זאכען. אונ די ריכטיגע חלומות וואס וועלען מקוים ווערען, אויב דער חלום איז אין סוף נאכט וועט ער באלד מקוים ווערען, אונ אויב ער איז אין אנהייב נאכט וועט לאנג דויערן ביז ער וועט מקוים ווערען. אונ אויב דער זעלביגער חלום האט געחלומת צוויי מאהל אין איין נאכט, איז א צייכען אז דער חלום וועט געוויס מקוים

ווערען

ווערען באלד, אונ א מענטש זאל ניט דערציילען א חלום צו אזוי א מענטש וואס האט אים ניט ליב. אונ א מענטש זאל ניט קויפען פון זיין חבר זיין שלעכטען חלום עס זאל אויף אים מקוים ווערען, אונ א מענטש זאל ניט קויפען פון זיין חבר זיין קראנקייט זאל אויף אים קומען, אונ אויב מען האט געזאגט צו א מענטשין אין חלום א גוטע בשורה, אדער ער האט געזעהן אליהו הנביא אין חלום, זאל ער דאס ניט דערציילען אפילו צו זיין ווייב אונ צו אנדערע מענטשען געוויס ניט, נאר ער זאל האלטען די זאך אין הארצען. אונ אויב ראובן האט דערציילט זיין חלום צו שמעון, אונ שמעון ווייסט אז לוי איז א שונא צו ראובן, טאר ניט שמעון דערציילען דעם חלום פון ראובן צו לוי. אויב איינער זעהט אין חלום אויף א מענטש אז ער וועט שטארבען אדער ער וועט קראנק ווערען אדער איין אנדער צרה וועט אויף אים קומען, זאל ער בעטען צו גאט פון זיינעטוועגען אונ זאל געבען צדקה פון זיינעטוועגען.

**פרק צד** אונ אזוי וויא דער מענטש טראכט אין שלאף זיינע חלומות, אונ ער ניט אונ האנדעלט אונ טוהט נאך אנדערע זאכען אין שלאף אונ ער ווייסט ניט וואס ער טוהט אונ ווייסט ניט וואס ער רעדט ווי עס שטייט אין פריערדיגען פרק, אזוי געפינען מיר ביי אנדערע לעבענדיגע זאכען וואס טוהען אויך אונ ווייסען ניט וואס זייא טוהען, זיי פישטשען מיט דיא מויל אונ ווייסען ניט וואס זיי פישטשען, שלמה המלך האט געזאגט כי עוף השמים יוליך את הקול, די פייגעל וואס פליהען אונטערען הימעל פירען דיא שטימע פון איין איש צום אנדערען וואס מען רופט אוים אין הימעל אויף די מענטשען, גזירות גוטע אדער שלעכטע אונ די שטימע קומט אין הערלופט, אזוי ווי דיא פייגעל פליהט דורך נעמט זיא מיט אין מויל דיא ווערטער וואס מען האט אויסגערופען אונ מיט איר שפראך פישטשעט זיא מיט איר מויל אונ זאגט צו דיא מענטשען וואס מען האט אויסגערופען אין הימעל. נאר ניט יעדער מענטש פארשטייט איר שפראכע, עס זענען געווען פארצייטין מענטשען וואס האבען די שפראכע פארשטאנען וויא דיא גמרא ברענגט ביי רב עיליש, עס זענען דא עופות וואס דורך זיי ווערט געשיקט גוטע בשורות אונ עס זענען דא עופות וואס דורך זיי ווערט געשיקט שלעכטע בשורות. דהיינו דיא קראה איז פון דער נאטור א רוצח אונ א שלעכטע ברענגט זיא אייביג שלעכטע בשורות, דיא טאהב איז א גוטע ברענגט זיא אייביג גוטע בשורות, אונ אלע לעבענדיגע זאכען גרויסע אונ קליינע זאגען וואס וועט זיין אונ זאגען סודות נאר ניט יעדער מענטש פארשטייט וואס זיי זאגען, סיידען גרויסע צדיקים, אזויא וויא דער ר"י הקדוש, אונ אונזערע תנאים אמוראים זיי האבען געוואוסט וואס דיא פייגעל זאגען, אונ די פייגעל ווייסען ניט וואס זיי זאגען, נאר דער מענטש וואס איז א צדיק פארשטייט פון זייער פישטשען דיא ווערטער וואס זייא האבען גענומען

אין

אין מויל פון די גזרה וואס איז אויסגערופען געווארען אין הימעל. עס זענען דא פיל פראכטע מענטשען וואס ווייסען אויב עס וועט קורצליך זיין רעגען אדער ניין, דורך די צייכענס פון בהמות אדער פון עופות, ווארום אלע באשעפעניש שפירען ווען דער וועטער וועט זיך ענדערען, און ווען עס וועט זיין רעגען. דער מענטש שפירט א שמערצונג אין דיא גלידער און דער קאפ איז אים שווער, דער מענטש וואס האט א מכה בייסט זיא אים שטארק, דער מענטש וואס איז קראנק שפירט ער שטארקער די קראנקייט, פון אנדערע לעבעדיגע באשעפעניש, איז אויך דא צייכענס, די קאץ גלעט איהרע האר, די עופות צו שפרייטען זייערע פעדערין, דער האהן קרייעט די הוהן זעצט זיך אויף דיא ערד, אלע שרצים גייען ארויס פון דיא מיסטען דיא צפרדעים [זשאבעס] זענען רוהיג און ברומען ניט, דיא בינען זיצען אין זייערע שטיבעלעך אין בינשטאק און גייען ניט ארויס פון דארטען. פון דיא בוימער קען מען אויך וויסען אויב עס וועט זיין רעגען, אויב די בלעטער שאקלען זיך אן א ווינט וועט זיין באלד רעגען. אויב עס ווערט א שווייס [פייכטקייט] אויף די שטיינער, און דיא ווענט פון שטוב אויב זייא זענען פון שטיינער רינט פון זיי א פייכטקייט, און אויב זיי זענען פון ציגעל ווערט געענדערט די פארב פון די ציגעל, דאס איז אויך א צייכען אז עס וועט באלד זיין רעגען, אז די זאלץ ווערט נאס איז אויך א צייכען אויף רעגען. אויב אויף דעם וואסער פון טייך ווערט געזעהן בלעזליך איז א צייכען אויף רעגען. אין ים איז דא א פיש וואס ער הייסט וועטער פיש, מען זאל אים אריין לייגען אין א גלעזערנע כלי פול וואסער און מען זאל אריין שיטען אין די כלי א ביסעל ערד, אזוי לאנג ווי דער וועטער וועט זיין טריקען וועט דער פיש ליגען רוהיג, און ווען ער הייבט אן שאקלען מיט דעם ווידעל און צומישט דיא וואסער מיט דיא ע , זאל מען וויסען עס וועט באלד רעגענען, און עס איז דא א מין זשאבע [צפרדע] וואס זיא זיצט אויף די בלעטער פון די בוימער, ווען דער לופט איז ריין שווייגט זיא, און ווען עס דארף קומען רעגען שרייט זיא. און עס איז דא א פויגעל מען רופט אים רעגען פייפער, ער שווייגט שטענדיג, נאר איידער עס קומט רעגען הייבט ער אן זינגען, אז עס ווערט א ווינט פון צפון זייט וועט ניין רעגען, אז דער רויך פון קוימען גייט אויף א זייט און ער בייגט זיך אראפ איז א צייכען עס וועט רעגענען. עס זענען דא נאך צייכענס אויף פיל זאכען, דער וואס טוהט דעם צייכען ווייסט אליין ניט וואס ער טוהט נאר פון דעסטוועגען איז דאס א צייכען, אויב קינדער שפילען זיך אין הויף אדער אין גאס און זיי טראגין א ברעט אדער איין אנדער שטיק האלץ און אויף דער ברעט ליגט עפעס וואס עס איז אדער א קינד איז אויף די ברעט, און זיי זאגען מיר טראגען א מת צו בגראבין, זאל מען וויסען זיכער אז אין א קורצע צייט וועט אין דעם הויף אדער אין די גאס א מענטש שטארבען. נאך א מין חלומות זענען דא וואס גאט ברוך הוא שיקט אראפ א מלאך

א מלאך צו א מענטש ער זאל אים זאגען סודות וואס ער דארף וויסען פאר זיך אדער פאר אנדערע מענטשען ווי נאם ברוך הוא האט געזאגט צו אהרן און מרים בחלום אדבר בו, איך וועל מיט אים רעדען אין חלום. און א מאהל קומט צו דעם מענטש זיין אייגענער מלאך וואס ער איז באשאפען געווארען פון זיין תורה און מצות, און אויב די תורה וואס ער האט געלערנט אדער די מצות וואס ער האט געטאהן זענען נים געוועזען נאר פון גאטס וועגען עס איז געוועזען אין זיי אריין געמישט אנדערע מיינונגען, וואס זענען נים ערליך, איז אין דעם מלאך אויך דא גוט און שלעכט, און אין זיינע רייד איז אויך אריין געמישט גוט און שלעכט. און וואס דער מלאך זאגט אים אין חלום זענען דא זאכען אמתה און פאלשע. און א מאהל קומט אליהו הנביא צו א מענטשען אין חלום, און לערינט מיט אים תורה און ער זאגט אים סודות פון די תורה, און א מאהל קומען נשמות פון צדיקים צו א מענטשען אין חלום און זאגען אים סודות פון הימעל, דאס געהער אלץ צו דעם מענטש ווי גרוים זיין זכות איז פון זיין תורה און מצות און יראת שמים.

**פרק צה** די פרומקייט פון א מענטש איז נים נאר צו גאט אליין, נאר צו מענשין אויך, יעדער מענטש דארף ליב האבען אלע מענטשען, נים נאר יודען, נאר מענטשען פון איין אנדער פאלק אויך, וועלכע פאלק עס איז, וויל ער איז אויך א מענטש אזוי ווי דו, און ער בעשעפטיגט זיך אויך צו די נוצליכקייט פון די וועלט, ער באהט הייזער, ער אקערט, ער זייעט, ער האנדעלט, ער פאר־קויפט, אדער ער איז איין ארבייטער, אדער ער קלערט אין חכמות וואס די וועלט דארף זיי, נאר צוויי מענטשען גייען ארוים פון דעם כלל, א ווילדער מענטש וואס ער האט גיט א שטוב צום וואהנען נאר ער וואהנט אין וואלד וויא אלע חיות און בהמות, ער אקערט נים און זייעט נים, ער עסט נאר די וואלד פרוכטען און גייט נאקעט ווי בהמות און חיות. דער צווייטער מענטש איז אפילו א מענטש ווי אלע מענטשען נאר ער טוהט שאדין צו מענטשען, ער איז א גנב א גזלן א רוצח, נאר עס איז א אונטערשייד צווישען די צוויי מענטשען, דעם ווילדען מענטש דארף מען קיין שלעכטס טאהן, אזוי ווי מען דארף קיין שלעכטס מאהן א בהמה, אזוי דארף מען אים אויך קיין שלעכטס טאהן, אבער דיא מענטשען וואס באהן שאדין די וועלט, ווי זענען גנבים גזלנים רוצחים און נאך א וועלכע מענטשען, דארף מען זיי איבערגעבען צו די רעגירונג, און די רעגירונג וועט שוין וויסען וואס נים זייא צו טאהן. און אויסער די צוויי ערליי מענטשען דארף מען ליב האבען אלע ערליי מענטשען, זאל ער זיין פון וועלכע פאלק עס איז, וואדום יעדער מענטש איז נים באשאפען געווארען פאר זיך אליין, נאר פאר זיך און פאר איין אנדערען אויך. די וועלט איז באשאפען געווארען דיא מענטשען זאלען זייערע קענטניס נוצען, דהיינו איינער איז א שניידער דער אנדערער איז א שוסטער, דער שניידער מאכט

פאר

פאר דעם שוסטער א קאפאטע, אונ דער שוסטער מאכט פאר דעם שניידער שטיוועל, אונ אזוי איז ביי אלע ארבייטער, איינער ארבעט אין פעלד צו ברענגען ברויט אויף דער וועלט, אונ אנדערע מענטשען ברענגען אנדערע נוצען אויף דער וועלט, דריבער דארפען אלע מענטשען זיין איין בונד, איינער זאל קיין שלעכטס טאהן דעם צווייטען נאר פארקערט זיי זאלען ליבען איינער דעם אנדערען, אונ דער רעליגיאן זאל ביי זיי קיין אונטערשייד מאכען, דאס ווערט גערופען מען זאל זיין א מענטשען פריינד, מען זאל ליב האבען די מענטשען ווייל זיי זענען מענטשען, נאר צו וויסען אויב מיט אונזער שכל [פערשטאנד] דארפען אונ מוזען מיר ליב האבען אלע מענטשען, אדער עס איז נאר ווי איינער וויל, די אנטווארט אויף די פראגע איז, אויב יעדער מענטש קען זיין נאר אליין, ער זאל קיין אנדערען מענטשענס הילף ניט דארפען, קען ער זאגען עס איז מיר ניט נייטיג איך זאל ליבען אנדערע מענטשען ווייל איך דארף זייא ניט, אבער אז מיר וועלען זעהן אז א מענטש קען ניט זיין אליין, נאר ער מוז האבען טובות פון אנדערע מענטשען, מוז ער ליב האבען אלע מענטשען, אן איין אונטערשייד וועלכער מענטש, נאר ניט איינער פון די צוויי מענטשען וואס מיר האבען נון זייא פריער גערעט.

**פרק צו** דאס וויסען מיר ווען דער מענטש ווערט געבארען פעלט אים אלץ, ערשטענס איז ער געבארען נאקעט, אונ ער האט קיין פארשטאנד אויף צו הייבען א האנד אדער א פוס מיט זיין ווילען, ווייל ער האט קיין כח אונ האט קיין ווילען, אונ ער קען זיך ניט רירען פון זיין ארט, ער זעהט אונ ווייס ניט וואס ער זעהט, ער הערט אונ ווייסט ניט וואס ער הערט, אונ ער איז בעשמוצט, אונ ער דארף באלד האבען א מענטש ער זאל אבשניידען דעם נאפיל, אונ אים צובינדען, אונ זאל אים ארומוואשען אונ ריין מאכען, אונ אים איינוויקלען, אונ זאל אים טראגען פון איין ארט צום אנדערען, אונ ער איז הונגעריג אונ דארשטיג, עסען קען ער ניט, טרינקען קען ער ניט, נאר מען מוז אים געבען זייגען, אונ מען דארף אים האדעווען ביז ער וועט א ביסעל גרעסער ווערען אונ וועט קענען עסען. אונ וועט קענען אליין רירען, אונ אליין גיין אונ זיינע אלע באדערפעניש זאל ער שוין קענען אליין טאהן. נאכדעם דארף ער א לערנער מען זאל אים לערנען חכמה אונ מלאכה אונ גוטע מדות, ווי ער זאל זיך פירען אויף די וועלט, אונ אפילו ער איז שוין גרויס אונ ווייסט שוין דאס אלץ, פון דעסטוועגען מוז ער אנקומען צו נאך פיל מענטשען, ווי די גמרא זאגט ווי שווער האט אדם הראשון געארבייט ביז ער האט געהאט א שטיקעל ברויט צו עסען, ער האט געאקערט אונ האט געזייעט אונ געשניטען דיא תבואה אונ אויסגעקלאפט די קערנער פון די זאנגען אונ געמאלען אונ געקנעטען אונ געבאקען נאכדעם געגעסען. אונ אז ער האט געבראפט א קלייד האט ער געדארפט שערין דיא וואל פון די שעפסען אונ זיי וואשען זיי זאלען ווערען ריין, אונ בערשטען, אונ

שפינען

שפינען פון זיי פעדים, און וועבען, און נייען, נאכדעם האט ער געהאט א קלייד.
און היינט בעקומט דער מענטש פארטיגע ברויט און פארטיגע קליידער דארף ער
בארעכענען ווי פיל מענטשען האבען ארום דעם ברויט און די קלייד געארבייט, און
ער אליין וואלט דעם ברויט ניט געקענט מאכען, און דיא קלייד ניט געקענט נייען
ווייל ער האט די אלע מלאכות ניט געלערענט, און קען דען א מענטש לערנען אלע
מלאכות, און ווער האט געמאכט די שטוב וואס ער וואהנט אין איר און אלע זאכען
וואס געפינט זיך אין שטוב ווער האט געמאכט, בעטראכט דיך נאר ווי פיל פערי
שידענע בעלי מלאכות האבען געארבייט ביי די שטוב, ביי די ציגעל און פאדלאגעס,
שלעסער, שויבן, און ווי פיל בעלי מלאכות האבען געארבייט ביי די כלים וואס די
בעלי מלאכות האבען געדארפט צו זייער ארבייט, בעטראכט נאר די כלים וואס דיא
קאכסט אין זיי און וואס די עסט פון זיי און מיט זיי, ווי פיל פערשידענע בעלי מלאכות
האבען דאס אלץ געארבייט. און ווי פיל מענטשען האבען געארבייט ביי זיין קליידונג.
געזייט פלאקס און אויסגעקלאפט און געבארשטען, געשפונען געוועבט געניים. וויא
פיל בעלי מלאכות ארבעטען ביי איין נאדעל צו מאכען איינער ציהט ארויס דיא
פעל פון א בהמה און איינער ארבעט אום די פעל און איינער מאכט שיך פון דיא
פעל, און דו געפינסט אלע זאכען גרייט און פערטיג, און אז דער מענטש ווערט
קראנק ווער בעדינט אים און ווער רופט דעם דאקטאר, און ווי פיל ארבייט האט
דער דאקטאר פארברענגט מיט זיין לערנען צו וויסען די קראנקייט און אלע גראזין
און צו מאכען מעדיצינען ער זאל קענען געזונד ווערען, און אז דער מענטש
שטארבט ווער וואשט אים, ווער בעקלייד אים, ווער ברענגט אים צו זיין רוהע.
אלץ ניט דער מענטש אליין נאר אנדערע מענטשען, דער כלל פון מעשה איז
פון די רגע וואס ער ווערט געבארען אויף דיא וועלט, ביז דעם קבר דארף ער
אנקומען צו מענטשען זייא זאלען מאהן פערשידענס פון זיינעטוועגען, און אפילו
די הילף וואס דער מענטש האט פון בהמות מוז מען אויך אנקומען צו מענטשען
דער מענטש וויל איינשפאנען זיין פערד, מוזען מענטשען מאכען א וואגען מיט
רעדער מיט אייזערנע רייפען מיט שטריק און א צוים, ער וויל אקערן מיט זיין
אקס מוזען מענטשען מאכען דעם אקער-אייזען. אז דער מענטש וויל פארען אויף
דעם ים, ווי פיל מענטשען בעלי מלאכות דארף מען זיי זאלען בויען א שיף, און
ווי פיל מענטשען חכמים דארף מען זיי זאלען קענען און וויסען וויא אזוי צו פארען
מיט די שיף אויף דעם וואסער און אפילו א מענטש זאל זיין קלוג ווי שלמה המלך
און שטארק ווי שמשון, און רייך ווי קרח, וועט ער אויך ניט קענען אליין פאר
זיך אנגרייטען אלץ וואס ער דארף אן די הילף פון אנדערע מענטשען, נאר ווייל
עס העלפט איין מענטש דעם אנדערען דאריבער האט יעדער מענטש אליין וואס
ער דארף, איינער ארבעט אין פעלד ביז די תבואה ווערט צייטיג און שניידט זייא

אב

אב פון פעלד, איינער מאלט די תבואה, איינער באקט ברויט, בעקומט מען ווער־טיגע ברויט צום עסען, אונ אזוי איז ביי אלע אנדערע זאכען, אונ ווייל יעדער מענטש מוז זיין מיט פיל מענטשען צוזאמען, זיי זאלען געהאלפען ווערען איינער פון אנדערען, אונ יעדער מענטש זאל זאגען זיינע חברים וואס ער דארף אונ וואס ער וויל. דאריבער האט גאט ברוך הוא געגעבען דעם מענטש דעם כח פון רעדען, מיט די ווערטער וואס דער מענטש רעט ווייסט זיין חבר וואס ער וויל אונ דאס ניט ער אים דהיינו ראובן וויל א ברויט אונ שמעון האט ברויט, אונ ראובן זאגט קומען צו שמעון פון ... ווען שמעון וויסען וואס ראובן וויל, האט גאט געגעבען צו ראובן דעם כח פון רעדען. אונ ראובן זאגט צו שמעון איך וויל ברויט, אונ אזוי איז ביי אלע מענטשען אונ ביי אלע זאכען, אונ ווייל צו יעדער זאך דארף מען חכמה, דאריבער האט גאט ברוך הוא געגעבען צו יעדער מענטש אונ צו יעדער בעל מלאכה חכמה ער זאל קענען טאהן זיין ארבייט וואס ער וויל מאכען, אונ די חכמה קומט ניט צו דעם מענטש מיט איין מאהל פלוצלינג ווי ער ווערט גע־בארען, נאר ביסלאכוויז ער ווערט אלע מאהל קלוגער אונ קלוגער אונ צו זיין חכמה איז ניט דא קיין ענדע, אבער בהמות אונ חיות ווייל איינער דארף ניט דעם אנדערען, זיי דארפען ניט קליידער אונ דארפען ניט מען זאל פאר זייא באקען אדער קאכען אונ פון אלע זאכען וואס דער מענטש דארף איז ניט דא איין זאך וואס איין אנדער לעבעדיגע באשעפעניש זאל דאס אויך דארפען, דאריבער האט גאט זיי קיין חכמה געגעבען אונ ער האט זיי קיין רייד געגעבען, ווייל זיי דארפען דאס ניט. אונ ווייל דאס איז שוין ביי אונז געוויס אז יעדער מענטש מוז זיין מיט מענטשען צו זאמען, אונ אז זיי קען ער ניט לעבען אויף דער וועלט. דאריבער דארף זעהן יעדער מענטש ער זאל ליב האבען אלע מענטשען, אונ זאל זיי קיין שאדען טאהן. אונ ווען ער ווערט נאר קענען טאהן איינעם א טובה זאל ער זיא באלד טאהן, ווערט ער צוריק האבען טובות פון אנדערע מענטשען, אונ אזוי ווערט לעבען איינער פון דעם אנדערען.

**פרק צז** מיר זעהן נאך מעהר גאט ברוך הוא האט אריין געגעבען אין דיא נאטור פון יעדער מענטש ער זאל וועלען טאהן נוטעס צו מענטשען, ער זאל האבען רחמנות אויף א ארעמאן, ער זאל העלפען דעם נעדריקטען, ער זאל פריי מאכען די מענטשען וואס זענען אין געפענגעניס, ער זאל היילען קראנקע, אונ ער זאל רעטען פון נאך אומגליקען, ער אל לערנען חכמה צו אנדערע מענטשען, מיר זעהן אפילו פרינצען אונ גרויסע שרים אז זיי זעהן א מענטש איז אין א סכנה, שטעלען זיי איין זייער לעבען צו רעטען דעם מענטש, ווי עס האט געטראפען אין דיא שטאט פראנקפורט־אדער אין דעם יאהר תקמ"ה זיבעצין טאג אין חודש איר, ווען דאס וואסער פון דעם טייך איז זייער גרויס געווארען אונ ער וואט

פארפלייצט

פארפלייצט פיל דערפער וואס זענען געווען ניט ווייט פון וואסער, און אויף דעם טייך האבען געשווימען שטובען און טירען און פענסטער, און פיל מענטשען זענען דערטרונקען געווארען אין טייך. און אין מיטען טייך האט געשווימען א שטיק האלץ, אויף דעם האלץ איז געזעסען א מענטש און האט געשריגען מען זאל אים רעטטען, די מענטשען וואס זענען געשטאנען נעבען טייך האבען אים ניט געקענט רעטטען ווייל די וואסער איז געווען זייער גרויס און געשטורעמט עס איז ניט מעגליך געווען מען זאל מיט א קליינע שיפול אים קענען רעטטען און א גרויסע שיף איז ביי דעם ברעג וואסער ניט געווען, ביי דעם ברעג וואסער איז אויך געשטאנען דער קאמענדאנט פון שטאט „דער פירשט לעפאלדוס" האט געהייסען דיא מענטשען פון די קליינע שיפלאך זיי זאלען צו שווימען מיט זייערע שיפלאך צו דעם מענטש אים ריטטען, האבען זיי ניט געוואלט, זיי האבען געזאגט עס איז ניט מעגליך אויף אזוי א טיפע שטארקע וואסער צו פארען מיט א קליינע שיפעל, דער פירשט האט גענומען א שיפול און האט זיך אליין אריין געזעצט אין איר און איז געפארען אויף דעם וואסער רעטטען דעם מענטש, איידער ער איז נאך געקומען צום העלפט טייך האט דער שטרום אומגעקערט דאס שיפול און דער פירשט איז דערטרונקען געווארען און דער מענטש איז דערטרונקען געווארען. זעהן מיר וויא די נאטור פון רחמנות איז איין געפלאנצט אין יעדער מענטש, וואדים דער פירשט מיט דעם מענטש זענען געווען פרעמדע, דער פירשט האט דעם מענטש גאר ניט געקענט, און עס קען זיין זיי זענען ניט געווען פון איין רעליגיאן, פון דעסטוועגען איז אים אזוי שטארק געווען דער רחמנות אז ער האט זיין לעבען איינגעשטעלט פאר איין אנדער מענטשענס לעבען טאמער וועט ער אים רעטטען.

**פרק צח** אויף דעם ליבשאפט צו מענטשען האט אונז דיא תורה געבאטען ואהבת לרעך כמוך, דיא זאלסט ליבען דיין פריינד ווי דיך, דער מענטש וואס איז א פריינד צו מענטשען דארף יעדער מענטש אים האבען ליב וויא זיך אליין, און די תורה מיינט אלע מענטשען פריינדע זאל מען ליב האבען אפילו ער איז קיין יוד, ווארום די תורה האט ניט געזאגט ואהבת לאחיך, די זאלסט ליב האבען דיין ברידער, אזוי א יוד ווי דו ביזט, און דיא תורה האט ניט געזאגט ואהבת לעמך, דו זאלסט ליב האבען דיין פאלק, נאר די תורה האט געזאגט ואהבת לרעך, דו זאלסט ליב האבען דיין פריינד, דעם מענטש וואס איז פריינדליך צו מענטשען זאלסט די אים ליב האבען, פריינדליך צו מענטשען מיינט מען, ער טוהט קיינעם קיין שאדען, און ער העלפט ארבייטען מיט אלע מענטשען וואס ארבייטען אין דער וועלט, ער ארבייט פאר זיך, פאר זיין ווייב און קינדער, און זעהט צו שיטצען אנדערע מענטשען, ארעמע מיט געלד ווי ווייט ער קען נאך זיין פארמעגען, און טוהט טובות וואס זענען מער ווערט ווי געלד. בקור חולים, רעדין פאר א מענטשענס וועגען אים צו טאהן א טובה.

רעטטען

רעטטען א מענטשען פון דעם מענטש וואס וויל ביי אים גזלן אדער אזוי שלעכטס טאהן, די טובות וואס איין מענטש קען טאהן צו אנדערע מענטשען זענען פיל אוים צו שרייבען, נאר יעדער מענטש דארף טאהן דיא טובה וואס מען בעט ביא אים, אויף א זעלכע מענטשען האט די תורה געבאטען מען זאל זיי ליב האבען, אפילו מיר געפינען אין דער תורה שטייט עטליכע מאהל דער ווארט „רעך" אונ דיא גמרא זאגט רעך מיינט מען נאר א יוד, פון דעסטוועגען אויף דעם רעך זאגט ניט דיא גמרא אז מען מיינט נאר א יוד, מיר דארפען וויסען אז די גמרא האט ניט געפסקנת דינים אונ ניט געטייטשט פסוקים וויא זייא האבען געוואלט, נאר יעדער תנא האט געלערנט פון זיין רבי אונ דער רבי האט געלערנט פון זיין רבי ביז דעם ערשטין רבי משה רבנו וואס ער האט געלערנט פון גאט ברוך הוא, אונ גאט האט געזאגט צו משה דעם מיינונג פון יעדער ווארט דיא ווערטער רעך וואס גאט האט געזאגט צו משה אז מען מיינט נאר א יוד, האט משה רבנו געזאגט צו דיא יודען „איר זאלט וויסען דער דין געהער נאר צו א יוד", אונ וועלכען רעך מען האט געמיינט אלע מענטשען, האט משה רבנו ניט געזאגט אז מען מיינט נאר א יוד, אונ אונ דעם רעך פון פסוק ואהבת לרעך כמוך, האבען די חכמים ניט געזאגט אז מען מיינט רעך א יוד, ווייל משה רבנו האט ניט אזוי געזאגט, דער כלל פון דער זאך, דער ווארט רעך איז געמיינט אלע מענטשען וואס זענען פריינדליך צו מענטשען, [ווי מיר געפינען דיא תורה האט געזאגט צו דיא יודען ווען זייא זענען געוועזן אין מצרים וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב, יעדער מענטש [יעדער יוד] זאל בארגען פון זיין פריינד [פון דעם מצרי] אונ יעדע יודישע פרויא זאל בארגען פון איהר פריינדין [די מצרישע פרויא] זילבערנע אונ גאלדענע כלים, זעהן מיר אז דיא מצרים זענען אויך גערופען געווארען „רעים" פריינדען צו יודען, ווייל דאמאלס האט גאט געגעבען חן צו די יודען ביי דיא מצרים אונ די מצרים האבען בעקומען א ליבשאפט צו די יודען אונ זענען צו זייא פריינדליך געווארען, אונ דאס האט גאט געזאגט צו משה, דו זאלסט זאגען צו די יודען זיי זאלען בארגען פון די מצרים זילבערנע כלים אונ גאלדענע כלים, אונ די זאלסט ניט פרעגען די מצרים האבען דאך פיינט די יודען זיי האבען אזוי שווער געארבייט מיט די יודען, ווי אזוי וועלען די מצרים געבען דיא יודען זילבער אונ גאלד, דאריבער האט גאט געזאגט צו משה „איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה" איך האב שוין געמאכט די מצרים זאלען זיין רעים, גוטע פריינד מיט דיא יודען], נאך שטייט אין פסוק (ש"ב טו) חושי הארכי רעה דוד. חושי איז געוועזן א פריינד פון דוד המלך די גמרא זאגט חושי איז געוועזן א גוי, פון דעסטוועגען ווייל ער איז געוועזן פריינדליך צו דוד רופט אים דער פסוק רעה דוד, דער שער הקדושה פון רבי חיים וויטאל ז"ל שרייבט יעדער יוד זאל יעדען ליב האבע אויך דעם גוי,

עס

עס שטייט אין ספר תנא דבי אליהו א יוד האט א מאהל פארקויפט צו א גוי פיר קארן פייטלען, האט דער יוד געמאסטען אין א פינסטערע שטוב נאר דיא העלפט צווייא קארן אונ ער האט זיי געגעבען דעם גוי, אונ ער האט געזאגט צום גוי אין זאק איז דא פיר קארן, ווי דער גוי האט געוואלט באצאהלען דעם יוד גאר פיר קארן, ווייל ער האט געגלייבט דעם יוד אז ער האט אים געמאסטען אין זאק פיר קארן איז ארבגעקומען אליהו הנביא אונ האט געזאגט צום יוד זיין זאהן עס שטייט אין די תורה לא תעשוק את רעך, זאלסט ניט רויבען פון דיין פריינד, רעך הרי הוא כאחיך הרי הוא כרעך, דיין פריינד דארף בייא דיר זיין וויא דיין ברודער אונ דיין ברודער ווי דיין פריינד, דאס הייסט עס איז קיין אונטערשייד, אויב דער מענטש איז נאר א גוטער פריינד צו מענטשען אפילו ער איז א גוי דארף ער בייא דיר זיין גלייך וויא ער איז דיין ברודער אונ דו זאלסט אים קיין שלעכטס טאהן, דער זקוקין דנורא שרייבט וואס עס שטייט אין דיא תורה ואהבת לרעך כמוך, דו זאלסט ליב האבען דיין פריינד ווי דו האסט זיך ליב, רעך מיינט מען אויך א גוי וואס איז דיין פריינד זאלסט די אים אויך ליב האבען ווי דיא האסט זיך ליב. אונ דאס וואס גאט האט געבאטען די יודען אז זייא זאלען אריין קומען אין לאנד כנען זאלען זייא הרגנן אלע כנענים, איז געוועזן ווייל זייא האבען שאדען געטאהן אין דער וועלט, זיי האבען געגנבעט, געגזלט, מזנה געוועזן, זיי האבען געהרגעט מענטשען, אפילו זייערע קינדער זיהן אונ טעכטער האבען זייא פארברענט צו זייערע אבגאטער, ווי זייערע עלטערען פאטער אונ מוטער זענען אלט געווארען פלעגען זיי פארברענען פאר קרבנות צו זייערע עבודה זרות, אונ ווען וויא זייא פלעגט זיין א יום טוב פלעגען אריין גיין אין א גרויסע פינסטערע שטוב פיל מאנס-לייט אונ ווייבער אונ פלעגען דארטען מזנה זיין, וועלכע אשה יעדער מאנספערזאהן האט געכאפט האט ער מיט איר מזנה געוועזן, אונ ווייל זייא האבען פארדארבען די וועלט אונ די לאנד מיט זייערע זנות אונ מיט גזלה, דאריבער האט גאט ברוך הוא געהייסען מען זאל זיי פארלעגדען פון דער וועלט, אזוי ווי גאט האט פארלעגדעט די מענטשען מיט א מבול, ווייל זייא האבען געגזלט אונ מזנה געוועזן, אונ גאט האט געוואלט מען זאל זיי פארלעגדען, די יודען זאלען זיך ניט אבלערנען צו טאהן זייערע שלעכטע מעשים, אזוי ווי עס טרעפט א מאהל בייא א מענטש איז קראנק געווארען א האנד אדער א פוס, אונ דער דאקטאר זעהט אז פון די קראנקע האנד קען קראנק ווערען דער גאנצער מענטש אונ שטארבען, הייסט ער מען זאל אפ-שניידען די האנד, צו רעטען דעם גאנצען מענטש ער זאל בלייבען לעבען, אזויא האט גאט געדענקט טאמער וועלען די יודען זיך אבלערנען פון דיא כנענים זייערע שלעכטע מעשים, דאריבער האט ער געהייסען מען זאל הרגנן אלע כנענים, אונ נאר אויף די כנענים האט גאט אזוי גוזר געוועזן, אבער ניט אויף אנדערע פעלקער. ווייל

אנדערע

אנדערע פשוטער זענען נים געווען אזוי שלעכט ווי די כנענים, דאריבער האט זיא התורה געבאטען צו די יורען מיט דעם פאלק עם ווען מען וועט וועלען מיט דיר מאכען שלום, מעגסט די מאכען מיט זיי שלום, אונ היינט אונזערע פעלקער וואס גלויבען אז גאט האט באשאפען דיא וועלט, דארפען מיר געווים לעבען מיט זייא ווי ברודער, ווייל זייא האבען אויך ליב אלע מענטשען אונ האבען רחמנות [illegible] מוהען חסדים אונ טובות צו מענטשען, אונ היטען אונז מען זאל ביי אונז נים גנבענען אונ נים גזלען, אונ זיי משפטען ריכטיג על דינים, אונ בעשטראפען די שלעכטע מענטשען, די לאנד זאל זיין ערליך אונ גוט צו גאט אונ צו מענטשען, דער רמב"ם שרייבט דער גוי וואס היט די זיבען מצות וועט ער האבען עולם הבא, די גמרא זאגט אפילו א גוי לערונט תורה, ווייל די תורה איז געגעבען געווארען פון גאט, דאריבער איז זיא ביא אים הייליג, איז ער גלייך ביא גאט ברוך הוא וויא א כהן גדול.

**פרק צט** רבי יהודה הנשיא האט געזאגט אין דער משנה (אבות פ"ב) איזהו דרך ישרה וגו׳. וועלכע איז דיא גלייכע וועג וואס יעדער מענטש זאל אויסדערוויילען צו טאהן? איז דיא אנטוואורט א מענטש זאל האבען אזוי א פירונג וואס זאל זיין שיין פאר דעם איינגענטימער וואס טוהט די זאכען אונ עס זאל זיין שיין פאר מענטשען. רבי האט נים געזאגט עס זאל שיין זיין פאר יודען, נאר ער האט געזאגט עס זאל שיין זיין פאר מענטשען, פאר אלע מענטשען, רבי עקיבא האט געזאגט חביב אדם שנברא בצלם, דער מענטש איז געליבט ביא גאט ברוך הוא, דער תוספות יום טוב זאגט רבי עקיבא מיינט אלע מענטשען זענען געליבט ביי גאט נאר ווען זייא טוהען ווי מענטשען, זיי טוהען ווי גאט האט זיי באשאפען, ווארום די מענטשען זענען באשאפען געווארען זיי זאלען זיין גאטס שאפין, גאט האט באשאפען די מאטעריאלען וואס מען דארף צו דער וועלט, אונ דער מענטש זאל אויס ארבייטען כלים פון זיי, גאט האט באשאפען איין עפיל-בוים, דער מענטש זאל פון דעם בוים פלאנצען מיליאנען עפיל-בוימער, אונ אזוי איז געשטעלט געווארין די גאנצע וועלט באשאפונג, דאריבער די מענטשען וואס באשעפטיגען זיך מיט צו העלפען די וועלט זענען ליב ביי גאט נאך זאגט דער תנא כל שרוח הבריות נוחה הימנו, דער מענטש וואס מענטשען זענען צו פרידען מיט אים, ער טוהט קיין אונרעכט צו מענטשען, נאר פארקערט, ער טוהט מענטשען טובות, דאר פער זענען מענטשען מיט אים צו פרידען, איז גאט אויך צו פרידען מיט דעם מענטש, אבער דער שלעכטער מענטש וואס מענטשען זענען נים צו פרידען מיט אים, ער טוהט שלעכטס צו מענטשען, איז גאט אויך נים צו פרידען מיט אים, אפילו צו גאט איז ער פרום, ער היט צו טאהן אלע מצות וואס געהערען צו גאט, נאר ווייל ער טוהט שלעכטס צו מענטשען איז גאט נים צו פרידען מיט דעם מענטש, אונ דער תנא זאגט נים יודען זאלען זיין צו פרידען, דער תנא זאגט בריות

"באשעפעניש" מיינט מען אלע באשעפענישען אלע מענטשען וואס זענען אויף דער וועלט, זאלען זיין צופרידען איינער פון אנדערען, וועט גאט זיין צופרידען פון זיי און ער וועט זיי געבען אלע טובות און ברכות. טאמער וועסט די פרעגען מיר זעהן עס איז א קאהל דא א איד וואס מיר ווייסען געוויס אז גאט איז נים צופרידען פון אים, ער איז איין א פיקורוס און עסט טרפות און איז מחלל שבת און עסט חמץ אין פסח און עסט אום יום כפור, און נאך עבירות, און מענטשען זענען פון אים צופרידען, דהיינו ער גיט צדקה, און טוהט גרויסע גמלות חסדים און העלפט יתומים און אלמנות, און ער טוהט קיין שלעכטס צו מענטשען, איז דאך וואס נים ווי אין די משנה שטייט. נאר באמת זענען מענטשען צופרידען פון זיינע מעשים אבער נים פון אים אליין, און דער תנא זאגט כל שרוח הבריות נוחה הימנו, מענטשען זאלען זיין צופרידען פון אים אליין אויך, דער מענטש זאל זיין גלייך צו זיינע מעשים, און דיא מעשים זאלען זיין גלייך צום מענטש, זייא זאלען פאסען איינער צום אנדערען, און דער מענטש וואס האנדעלט נים מים אלע מענטשען נאר צו זיין ווייב איז ער שלעכט, און בעהאנדעלט זי נים ווי עס פאסט פאר זיך, פון דעם מענטש זענען אויך מענטשען נים צופרידען, און גאט ברוך הוא איז אויך נים צופרידען, ווי דער נביא מלאכי האט געזאגט ובאשת נעוריך אל יבגוד, דאס ווייב וואס דוא האסט גענומען אין דיין יוגענד זאלסט דיא צו איר נים פאלש זיין, די גמרא זאגט רבן יוחנן פלעגט געבען שלום צו יעדער מענטש, פריער איידער מען האט אים געגעבען שלום, און אפילו ער האט געטראפען א גוי האט ער אים אויך געזאגט פריער שלום, אין ספר חרדים שטייט געשריבען, אין די שטאט צפת איז געוועזען איינער ר' יוסף סראמסי דער רבי פון הרב"ז ער האט אייביג געזוכט צו מאכען שלום צווישען מאן און ווייב אדער אנדערע מענטשען וועלכע האבען געקריגט סיי יודען און סיי גוים. און פאר דעם האט ער זוכה געוועזען צו זעהן אליהו הנביא, און אפילו דער מענטש וואס איז א גרויסער חכם און א גרויסער למדן אויב ער האט נים די מדה ער זאל ליב האבען אלע מענטשען, איז זיין חכמה גאר נים ווערט, ווארום אפילו א מענטש לערונט תורה אדער שטייט שמונה עשרה און בעט פאר גאט ברוך הוא איב מען זאל אים דאמאלס זאגען עס ברענט אין א שטוב און ער זאל גיין העלפען רעטטען מענטשען פון פייער זייא זאלען נים פאר ברענט ווערען, אדער מען זאגט אים ער זאל רעטטען א מענטש פון א טייך, ער זאל נים דערטרונקען ווערען אדער צו רעטטען פון איין אנדער סכנה, איז ער מחויב פון דער תורה ער זאל אוועק לייגען דאס לערנען און אוועק גיין אין מיטען שמונה עשרה רעטטין דעם מענטש, מען מוז מחלל שבת זיין צוא רעטטין א מענטש און אפילו עס איז א ספק אויב ער וועט אים רעטטען מוז מען אויך מחלל שבת זיין, מען מעג עסען יום כפור אז עס איז א סכנה, זעהן מיר אז ליב

האבען

האבען מענשען מוז יעדער מענטש, אונ מיר זעהן אפילו דיא מענשען וואס זענען אבגעזונדערט פון מענשען אונ זיצען אין די וועלדער ווי חיות, פון דעסט־וועגען זיצען זייא ניט לעדיג, זייא בעשרייבען נאטור חכמות, זייא בעשרייבען גראזען צו מעדיצינען, אונ נאך א וועלכע זאכען, דאס בעשרייבען זייא דאך פאר מענשען ניט פאר די חיות פון וואלד, עס האט זיי קיינער געבאטען זיי זאלען דאס בעשרייבען, נאר דיא נאטליכע נאטור דערוועקט זייא צו טאהן טובות צו מענשען מיט וואס זיי וועלען נאר קענען, מיר זעהן אין פסוק שטייט ווען גאט ברוך הוא האט געזאגט צו שלמה המלך בעט ביא מיר וואס זאל איך דיר געבען, האט שלמה געזאגט צו גאט ברוך הוא דו זאלסט מיר געבען חכמה איך זאל פארשטיין צו משפטין דיין פאלק, האט שלמה ניט געבעטען דיא חכמה פאר זיך, נאר ער זאל קענען משפטין, אונ מאכען שלום צווישען מענשען, אונ גאט ברוך הוא האט אים אויך אזוי געענטפערט ווייל דו ווילסט די חכמה ניט נאר פאר זיך, נאר דו זאלסט וויסען צו משפטין אונ מאכען שלום צווישען מענשען, דריבער וועל איך דיר געבען חכמה

**פרק ק** דער תנא זאגט אין אבות רבי נתן דרך ארץ איז פריער ווי תורה, וואס איז דרך ארץ? דרך ארץ מיינט מען ער זאל ליב האבען אלע מענשען אונ ער זאל טוהען דיא זאכען וואס וועלען געפעלען צו אלע מענשען, אונ ער זאל מבטל זיין זיין ווילען פאר דעם ווילען פון אנדערע מענשען, דאס איז דער טייטש דרך ארץ, דאס פירונג מיט מענשען וואס זענען אויף דער ערד, איז פריער וויא תורה לערנען, ווי דער פירונג פון מענשען צו גאט ברוך הוא. ווארום דיא תורה אליין האט זיך מבטל געוועזען פאר דאס לעבען פון מענשען ווי מיר האבען געשריבען אין פריערדיגען פרק, די תורה האט געבאטען מען זאל מחלל שבת זיין אונ עסען יום כפור נאר וועגען א מענטש זאל גערעטעט ווערען מיט זיין לעבען. מיר זעהען די תורה האט געבאטען אין די עשרת הדברות מען זאל געבען כבוד א פאטער אונ מוטער, מען זאל מורא האבען פאר זיי, אויב דער זוהן האט געהאט א קריג מיט איינעם אונ ער וויל ווערען שלום, אונ זיין פאטער אונ מוטער הייסען ניט ער זאל מאכען שלום, זאל ער זיי ניט פאלגען נאר ער זאל מאכען שלום, דער נביא מיכה האט געזאגט צו די יודען דו ווייסט וואס גאט ברוך הוא פארלאנגט אונ פאדערט פון דיר, דו זאלסט טאהן משפט, אויב דו מאנסט ביי דיין חבר אדער דיין חבר מאנט ביי דיר זאלט איר גיין צום משפט אונ אזוי וויא מען וועט אייך פסקין זאלט איר פאלגען, אונ איר זאלט ליב האבען צו טאהן חסד, דאס מיינט מען אז איר וועט טאהן איינעם א טובה זאל דיא טובה געטאהן ווערען מיט ליבשאפט אונ מיט א פרייליכען פנים, אונ דיא טובות זאלען זיין בעהאלטען דוא זאלסט ניט אויסשרייען פאר מענשען איך האב געטאהן דעם מענטש א טובה, נאר פון דיא טובה זאל

פיינער

קינער וויסען נאר גאט ברוך הוא אליין. דער מענטש זאל ניט פארשעמט ווערען דאס איז דער עיקר וואס גאט ברוך הוא פארלאנגט פון מענטשען, אפילו מענטשען וועלען גאר מקיים זיין די דריי מצות וועט גאט ברוך הוא אויך זיין צופרידען, ווי מיר זעהן דער דור הפלגה (די מענטשען וואס האבען געבאוט דעם הויכען טורעם) זייא האבען געזאגט מיר ווילען ניט דינען גאט, מיר וועלען ארויף גיין צו אים אין הימעל אונ מיר וועלען מיט אים האלטען א מלחמה, פון דעסטוועגען האט זיי גאט ברוך הוא ניט פארלענדט פון דער וועלט, ער האט זיי נאר פארשפרייט אויף דער וועלט, אונ די מענטשען וואס האבען צו גאט ניט געזינדיגט נאר זייא האבען געזינדיגט איינער צום אנדערען, זיי האבען גע‍גזלת איינער פון אנדערען, האט גאט ברוך הוא געברענגט אויף זיי א מבול אונ זיי זענען פארלענדט געווארען פון דער וועלט, אבער דער דור הפלגה זענען געוועזען פריינדליך אונ גוט איינער צום אנדערין ווי עס שטייט אין פסוק ביי דעם דור הפלגה זייא זענען געוועזען שפה אחת ודברים אחדים, אלע האבען געהאט איינע שפראכע אונ איינע רייד, וויא איינער האט גערעט האבען אלע איינגעשטימט צו זיינע רייד, דאריבער האט גאט ברוך הוא זיי געלאזט לעבען, אונ ווען גאט ברוך הוא האט געגעבען די תורה צו די יודען האט ער אויך געווארט ביז דיא צייט וואס איז געוועזען שלום ביי יודען, וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק ויחן שם ישראל, ער האט געווארט, וועיל אלע יודען זענען געוועזען צופרידען איינער מיט דעם אנדערען גליך ווי אלע יודען וואלטען געוועזען איין מענטש, אין די תורה איז דא תרי"ג מצות (זעקס הונדערט דרייצעהן מצות) אונ די אלע מצות דארף יעדער יוד מקיים זיין, איז דאך א פראגע ווי אזוי קען יעדער יוד מקיים זיין אלע תרי"ג מצות, עס זענען דאך דא מצות וואס א ישראל טאר זיי ניט מקיים זיין, א ישראל אונ א לוי טארען ניט עסען תרומה אונ ניט קרבנות, אונ טארען ניט מקריב זיין קרבנות, עס זענען דא מצות וואס געהערען צו א מלך צו א כהן גדול, אונ נאך פיל אזעלכע מצות, נאר אזוי וויא יעדער מענטש האט פארשידענע גלידער, האנד, פוס, אויגען, אויערען אונ נאך גלידער, יעדער גליד טוהט וואס אנדערש, אונ איין גליד קען ניט טאהן וואס דער אנדערער גליד דארף טאהן, די אויגען זעהן אונ קענען ניט טאהן וואס די האנד טוהען, די האנד קענען ניט טאהן וואס די אויגען טוהען, נאר יעדער גליד טוהט פאר דעם גאנצען מענטש, אזוי זענען אלע יודען וויא איין מענטש מיט פיל גלידער פארשידענע צו דיא מצות פון די תורה, יעדער יוד וועלכע מצוה ער טוהט טוהט ער זיא פאר אלע יודען, אונ אזוי ווי די האנד קענען נאר טאהן פאר דעם גאנצען מענטש, ווען זיי זענען צוזאמען באהעפט צו דעם מענטש, אבער ווען דיא האנד איז אבגעבראכען פון דעם מענטש קען זיא ניט טאהן פאר זיך אונ ניט פאר דעם מענטש, ווארום דער מענטש ניט א לעבינג אין די האנד אונ די האנד ניט א לעבונג אין דעם מענטש.

ווען

ווען טוהט יעדער יוד א מצוה פאר אלע יודענס וועגען ווען ער איז באהעפט צו אלע יודען, עס איז שלום בייא אלע יודען אונ יעדער יוד האט ליב אלע יודען דאריבער ווערט געדעקענט די מצות וואס יעדער יוד טוהט גלייך ווי אלע יודען וואלטען זיא געטאהן, דאס זאגט דיא תורה וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ דו זאלסט ליב האבען דיין חבר, כמוך, אזויא וויא דו, אלע מצות וואס דיין חבר וועט טאהן וועט זיין גלייך ווי דו וואלסט זיי געטאהן, דאס איז ביי מצות וואס געהער צו די נשמה, אבער ביי אלע זאכען וואס געהער צום גוף, זענען אלע מענטשען וויא איין מענטש, יודען מיט אלע פעלקער גלייך, מייל עס זענען דא זאכען וואס דער מענטש קען טאהן אונ דער מענטש קען דאס נים טאהן, דער יוד לעבט פון דיא זאכען וואס דיא גוים [פעלקער] טוהען, די גוים לעבען פון די זאכען וואס די יודען טוהען דא[...] דארף יעדער מענטש ליב האבען אלע מענטשען.

## פרק קא

אזוי וויא דיא גלידער פון מענטש היטען איינע די אנדערע, זיי זאלען נים שאדען טאהן איינער דעם אנדערען, אונ ווען איין גליד האט שמערצען לידען אלע גלידער די שמערצען, אזוי דארף יעדער מענטש היטען אלע מענטשען וואס ער קען היטען זיי זאלען קיין שאדען האבען, נים פון אים אונ נים פון אנדערע מענטשען, נים גענוג וואס ער וועט נים גנבען אונ נים גזלען את אנדערע שלעכטס נים טאהן, אויב ער קען היטען איין אנדער זאל אויך נים גנבען בייא זיין חבר, מוז ער אים היטען, אונ וועלכע טובה ער קען טאהן זיין חבר זאל ער אים טאהן, אפילו זיין חבר וועט גאר נים וויסען אז ער האט אים געטאהן דיא טובה, פון דעסטוועגען מוז ער אים טאהן די טובה, דהיינו ער האט געהערט גנבים ווילען גנבען ביי איינעם, איז נים גענוג וואס ער וועט גיין צו זיין חבר אים זאגען היט דיין שטוב ווארום מען וויל ביי דיר גנבען, נאר ער אליין זאל זוכען אלע מיטלען מען זאל דעם חבר נים בעגנבענען, אונ זיינע גלידער טוהען אויך אזוי, אז איינער גייט אין גאס אונ זעהט פון ווייטען א שטיין ליגט אויף די ערד, נעמט די האנד דעם שטיין [...] ליינט אים אויף א זייט, די פוס זאל זיך נים א קלאפ טאהן אין דעם שטיין, אונ די נאטור ציהט די האנד זאל אוועק געבען דעם שטיין פון וועג, אונ נים מען זאל ווארטען ביז דיא פוס וועט אוועק שטויסען דעם שטיין פאר זיך, אונ אויב דער חבר האט צער פון א זאך זאלסט דיך אויך מצער זיין אין אמת גלייך ווי ער צער וואלט אין אמת געוועזען דיינער, אזוי ווי אלע גלידער האבען צער פון די שמערצען וואס איין גליד האט, אונ פארקערט אויב דיין חבר האט א שמחה, זאלסט די דיך פרייען מיט זיין שמחה גלייך וויא דיא שמחה וואלט געוועזען דיינע, אונ נים נאר דו זאלסט דיך פרייען מיט דיין חברס שמחה נאר זיי זאלסט אים העלפען אויס צו פירען די שמחה, אזוי ווי די גלידער העלפען איינע די אנדערע, דהיינו די אויגען ווילען זעהן א שיינע זאך, אונ גאר דיא אויגען

וועלין

וועלען הנאה האבען פון די זאך צו זעהן, אונ די פוס וועלען אין דעם זעהן קיין הנאה האבען, פון דעסטוועגען פירען אים די פוס צו זעהן די שיינע זאך דיא אויגען זאלען הנאה האבען. אונ אפילו איינער זעהט אז ער וועט מאהן א רעה צו זיין חבר פעט ער האבען פון דער רעה א טובה, אפילו דיא טובה וועט זיין א גרויסע אונ די רעה וועט זיין א קליינע פון דעסטוועגען זאל ער נים וועלען האבען א טובה פון זיין חברס רעה, אונ צוויא מענטשען קרעמער וואס ביידע קרעמערים האבען גלייכע סחורות, אז א סוחר קומט אריין צו איינעם אין קראם קויפען סחורה, זאל ער קיין שלעכטס ריידען אויף זיין חברס סחורה, אונ יעדער סוחר מעג זוכען קונים וואס זאלען ביי אים קויפען זיין סחורה, אונ ער מעג גיין צו סוחרים א היים פארקויפען זיין סחורה, דער ענין איז למשל איינער האט געזאגט צו צוויא מענטשען וועלכע פון אייך ער וועט פריער קומען צו דעם ארט וועל איך אים געבען הונדערט רובל, מעג יעדער פון זייא ביידע זיך שטארקען צום לויפען ער זאל קומען צו דעם ארט פריער פאר זיין חבר, ער זאל בעקומען די הונדערט רובל נאר ער זאל מאהן מיטלען זיין חבר זאל נים קענען קומען פריער פאר אים, דאס טאר מען נים. אזוי מעג א מענטש אויפשטיין גאנץ פריה אונ גיין צו סוחרים פאר־קויפען זיינע סחורה ווען זיין חבר שלאפט נאך, אבער צו טאהן מיטלען זיין חבר זאל נים קענען פריה אויפשטיין, אדער ער זאל נים קענען פערקויפען זיין סחורה דאס טאר מען נים. שלמה המלך האט געזאגט לך אל נמלה עצל, דו פוילער מענטש גייא צו די מילב אונ זעה איר פירונג וועסט דו וויסען ווי אזוי דו זאלסט טאהן. דיא מילבין גרייטען אן זייער עסען זומער אויף ווינטער, אז דיא מילב קומט צו א קערענדיל ווייץ, נעמט זיא נים דאס קערענדיל ביז זיא שמעקט צו איר, אונ אויב זיא דערקענט אז איין אנדער מילב האט אנגערירט דאס קערענדיל גייט זיא אוועק פון דעם קערענדיל אונ רירט אים נים אן, זיא טראכט זאל דאס קערענדייל ליגען ביז עס וועט קומען דיא מילב וואס דאס קערענדיל געהער צו איר וועט זיא אים נעמען, אונ זיא גייט זוכען איין אנדער קערענדיל, אונ אפילו זיא געפינט נים איין אנדער קערענדיל וועט זיא אויך נים נעמען דאס קערענדיל וואס געהערט צו איין אנדער מילב, אונ זיא טוהט דאס נים ווייל זיא האט מורא זיא וועט געשטראפט ווערען, נאר ווייל עס איז איינגעפלאנצט אין איר באטור דאס ערליכקייט, אזוי דארף טאהן יעדער מענטש ער זאל נים אנרירען וואס געהער נים צו אים.

**פרק יב** אונ עס איז נים גענוג וואס איין מענטש טוהט נים שלעכטס צו זיין חבר וואס האט אים קיין שלעכטס געטאהן. נאר אפילו זיין חבר האט אים יא שלעכטס געטאהן פון דעסטוועגען זאל ער אים נים אבטאהן שלעכטס פאר שלעכטס, נאר ער זאל לערנען א זכות אויף דעם מענטש וואס האט אים דאס שלעכטס געטאהן, טאמער האט ער דאס געטאהן אומוויסענדיג אונ נים ווייטענדיג

זיך

ער האט נאר ניט געוואוסט אז פון אים וועט ארויס קומען דאס שלעכטס וואס איז געקומען אונ אין אמת איז ער מיר קיין שונא, דאריבער זאל יעדער מענטש זעה קיינעם ניט טאהן שלעכטס, אונ אפילו דו ווייסט געוויס אז דיין חבר האט דיר געטאהן שלעכטס ווייל ער האט דיר געוואלט שלעכטס טאהן, פון דעסטוועגען זאלסט די אים קיין שלעכטס טאהן, אונ אפילו די טוהסט אים קיין שלעכטס נאר ער האט א שארען דעה אין אנדערען זאלסט דיא דיך ניט פרייען, אונ זאלסט ניט האבען א נקמה אונ אפילו אין הארצען זאלסט דיא ניט האבען אויף אים א פיינדשאפט, אונ אפילו דיא מצוה איז גענגען דיא נאטור זיא איז אבער ניט געגען דעם שכל אונ ווייל דיא מצוה איז שווער צו מקיים זיין דאריבער האט גאט ברוך הוא צו געזאגט פאר די מצוה פיל שכר, וועגען די מצוה איז גאט ברוך הוא מוחל דעם מענטש זיינע אלע עבירות, אונ אויב דו האסט געבעטען ביי א מענטש ער זאל דיר טאהן א טובה, אונ דער מענטש האט דיר די טובה ניט געוואלט טאהן, זאלסט די אויף אים ניט בייז זיין, זאלסט דיא אויף אים לערנען א זכות, טאמער האט ער ניט געקענט דיר די טובה טאהן, אזוי ווי עס האט געטראפען ביא דעם פילאזאף דיאגינוס ער האט געלייקענט אין אלע עבודה זרות, ער האט געזאגט פאר אלע מענטשען אלע עבודה זרות זענען גאר ניט זיי קענען ניט טאהן שלעכטס אונ ניט גוטס, נאר איין גאט איז דא אויף דער וועלט, ער האט די וועלט באשאפען אונ ער קען טאהן אין דער וועלט אלץ וואס ער וויל, א מאהל איז ער געגאנגען אין גאס געזעהן א עבודה זרה, האט ער געקניט פאר דיא עבודה זרה, אונ איז געפאלען מיט זיין פנים אויף דיא ערד אונ האט אויסגעשפרייט די האנד צו דיא עבודה זרה אונ האט געוויינט, מענטשען האבען דאס געזעהן איז ביא זיי געווען די זאך א גרויסער וואונדער, דיאגינוס זאל ווייגען פאר א עבודה זרה, מען האט אים געפרעגט דוא האסט ביז יעצט געזאגט אז דיא עבודה זרה קען גאר ניט העלפען, אונ יעצט וויינסט דו פאר איר, האט דיאגינוס זיי געענטפערט איר ווייסט דאך אז איך בין ארעם, אונ האב קיין אנדער פרנסה נאר די נדבות וואס מען גיט מיר, אונ א מאהל בעט איך ביי איינעם א נדבה אונ ער גיט מיר ניט, ווער איך בייז אויף דעם מענטש, אונ איך האב מיך בארעבענט אז דאס איז א שלעכטע מדה מען דארף ניט בייז זיין אפילו אויף דעם מענטש וואס גיט מיר ניט, דריבער בין איך געקומען איינגעוויינען אין מיר דיא מדה ניט בייז צו זיין אויף דעם וואס גיט מיר ניט, אונ האב געבעטען אונ געוויינט פאר דיא עבודה זרה זיא זאל מיר עפעס געבען, אונ זיא האט מיר גאר ניט געגעבען, קען איך דען זיין בייז אויף די עבודה זרה וואס זיא האט מיר גאר ניט געגעבען? קען זיא דען געבען? אזוי דארף איך ניט בייז זיין אויף א מענטש וואס איך האב אים געבעטען אונ ער האט מיר ניט געגעבען, לאז מיר דאכטען ער איז אויך א עבודה זרה. זעהט מיר [illegible]

דער

דער חכם דיאגינוס האט בעמערקט אז דאס איז א שלעכטע מדה בייז צו זיין אויף א מענטש ווייל ער האט ניט געוואלט טאהן א טובה.

## פרק קב

דער ספר חרדים שרייבט מען טאר ניט פארשעמען א מענטש, ניט א יודישען מענטש און ניט א קליינעם מענטש ניט א גוי און ניט א יוד, און מען דארף געבען כבוד צו יעדער מענטש, און נאך מער כבוד דארף א מענטש געבען זיין ווייב, עס זעגען דא מענטשען וואס גיבען כבוד צו אלע מענטשען און זייא האבען ליב אלע מענטשען, נאר זייערע ווייבער האבען זייא פיינד און פארשעמען זיי, ער מיינט ווייל זיא איז זיין ווייב מעג ער מיט איר טאהן וואס ער וויל, זאל מען וויסען צו פארשעמען זיין ווייב איז א גרעסערע עבירה ווי ער פארשעמט א פרעמדען, און יעדער מענטש מוז זיך היטען ער זאל ניט מצער זיין דאס ווייב זיינע, און זאל זיין געהיט ער זאל ניט אויפהייבען געגען איר א האנד צום שלאגען זיא, דער ר"י זכרונו לברכה שרייבט דער מענטש וואס הייבט אויף א האנד געגען זיין ווייב צו שלאגען זיא אפילו ער איז אזוי א צדיק וואס דיא שכינה רוהט אויף איהם, וועגען די עבירה ווערט אבגעטאהן פון איהם די שכינה, ביז ער וועט זיא איבערבעטען און זיא וועט איהם מוחל זיין, ז"ג א מענטש טאר ניט זיך דערווייטערן פון זיין ווייב ער זאל אוועק פאהרען פון זיך אין א ווייטע מדינה, און זייער לאזען אן געלד טאר מען געוויס ניט אוועק פאהרען פון איר. און א מענטש טאר ניט נעמען זיין ווייב אויב ער האט ניט געזעהן פון איר שלעכטע מעשים, וויא דער נביא מלאכי האט געזאגט כי שנא שלח, גאט ברוך הוא האט פיינד דעם מענטש וואס גט זיין ערליכע ווייב. און דער מענטש וואס לעבט ערליך מיט זיין ווייב איז דיא שכינה ביי זיי, די גמרא זאגט דער מענטש וואס האט ליב זיין ווייב ווי זיך אליין און ער גיט איר כבוד מער ווי ער וויל זיין כבוד וועט זיין א ברכה ביי איהם אין שטוב, ווארום יעדער מענטש ווערט געבענטשט נאר אין דעם זכות פון זיין ווייב, און אלע זאכען וואס דער מענטש דארף טאהן זאל ער נאר פרעגען א עצה ביי זיין ווייב, און אן איר ערלויבניס זאל ער קיין זאך טאהן, דער מענטש וועט זיין געבענטשט פון גאט ברוך הוא, מיט פרידען אין שטוב און פרנסה און מיט גוטע פרומע קינדער. און יעדער פאטער און מוטער זאלען אכטונג געבען אויף זייערע טעכטער זיי זאלען גוט בעהאנדלען זייערע מאנען, און זייא זאלען איינפלאנצען אין זייערע הערצער די ליבשאפט צו זייערע מאנען, זייא זאלען דיא מאנען ליב האבען מיט אמת און געבען כבוד צו זייערע מאנען, און עס זאל אין זייער שטוב קיין קללה געהערט ווערען.

## פרק קג

יעדער פאטער און מוטער דארפען ליב האבען זייערע קינדער און זאלען ניט מצער זיין זייערע קינדער אומזיסט, נאר ווי פיל נוען דארף ניט קעגער זיין צו פירען איהם אין פרומען און גוטען וועג, ווי די גמרא זאגט א

פאטער און מוטער זאלען אבשטויסען זייערע קינדער פון זיך מיט די לינקע האנד און זאלין אים דער נענטערען צו זיך מיט דיא רעכטע האנד, זיי זאלען נים ארויף לייגען אויף זייערע קינדער א שווערע בעדינונג און זאלין נים ביירען צום קינד וויא א אלצטער רעט צו א יונגער, נאר ער זאל ריידען צו אים מיט גוטע רייד, און מיט א פריילינען פנים, וועט דער קינד אים פאלגען און ביידע וועלען זיין צו פרידען, ווי עס שטייט אין יורה דעה (סימן ר"מ) א מענטש טאר נים ארויף לייגען א שווערע ארבייט אויף זיינע קינדער, און זאל נים פארלאנגען פון זיי צו פיל כבוד, אפילו זיי גיבען אים נים אזוי פיל כבוד ווי עס קומט אים, זאל ער זיך נים מאכען וויסען, און זאל זיי מוחל זיין, או איינער שלאגט זיין ערוואקסענעם זוהן דארף מען אים מחרים זיין, ווייל דער פאטער ברענגט אים צו א עבירה, דער זוהן וועט ביז ווערען אויף דעם פאטער און וועט אים פלוכען און ער וועט ביין ווערען אויף די תורה, פאר וואס די תורה האט געמאכט געוועלטיגען דעם פאטער אויף אים. און ער זאל נים געביטען אויף זיין קינד א זעלכע זאכען וואס ער קען זיי נים טאהן, און ווען ער וועט ביידען צו זיין קינד ער זאל עפעס טאהן זאל ער נים זאגען איך הייס דיר זאלסט אזוי טאהן מוזט די אזוי טאהן נאר ער זאל צו אים זאגען מיין מיינונג [אדער מיין פארלאנג] איז מען זאל אזוי טאהן, וועט דער קינד געוויס טאהן ווי דער פאטער וויל. דער פאטער וועט זיין נוט צום קינד, און דער קינד וועט זיין נוט צום פאטער. רש"י שרייבט אין חומש אנהייב סדרה דברים אויף דעם פסוק ויהי בארבעים שנה „משה רבנו האט געשטראפט די יודען נאנט פאר זיין שטארבען פאר וואס האט ער זיא נים געשטראפט פריער, ווייל ער האט געזעהן ווי יעקב אבינו האט געטאהן, יעקב אבינו האט אויך נים גע־שטראפט זיינע קינדער ביז פאר זיין שטארבען, יעקב האט געזאגט צו ראובן מיין זוהן איך וועל דיר זאגען פאר וואס האב איך דיך נים געשטראפט די גאנצע צייט ביז היינט פאר מיין שטארבען ווייל איך האב זעהר מורא געהאט טאמער וועסט דיא מיך פארלאזען און דיא וועסט זיך באהעפטען צו מיין ברודער עשו, און אז יעקב אבינו האט אזוי מורא געהאט אויף זיין זוהן ראובן, דארפען מיר ודאי געוויס מורא האבען מיט אונזערע קינדער, נאר דער עיקר איז יעדער פאטער זאל שלאגען און שטראפען זיין קינד ווען ער איז נאך קליין און זאל נים פארמיידען פון אים די רוט, און זאל מיט הונדערטער אויגען אכטונג געבען אויף יעדער טריט פון זיין קינד און אויף יעדער זאך וואס ער טוהט און וואס ער רעט, ער זאל אים לערנען ווי אזוי ער זאל ריידען צו זיינע עלטערען און צו פרעמדע מענטשען, און זאל אים לערנען זיין פרום צו גאט און גוט צו מענטשען, ער זאל זיי שטראפען א מאהל מיט גוטען און א מאהל מיט בייזען און א מאהל מיט א רוט, ביז ער וועט אין זיי איינוואָרצלען יראת שמים און אלע גוטע מדות, און אזוי ווי ער וועט

אין די איינוואַרצלען קינדווייז וועט אזוי בלייבען ביי זיי אויף זייער גאנצען לעבען, דער עיקר איז יעדער פאטער זאל פירען זיינע קינדער מיט חכמה, אויב ער איז רייך זאל ער נים געבען זיינע קינדער צו פיל פערגעניגען ער זאל זייא קיין געלד געבען, נאר וואס זיי וועלען דארפען זאל מען זייא געבען אין שטוב, ער זאל אכטונג געבען ווער עס זענען זייערע חברים, אונ מיט וואס זיי פארברענגען זייער צייט, ער זאל זעהן זיי זאלען זיין שטענדיג באשעפטיגט, נים מיט גאנץ שווערע ארבייט נאר באשעפטיגט זאלען זיי זיין מיט לערנען שרייבען, אונ זאל זיי לערנען א שיינע אונ א גרינגע מלאכה (ווי מיר האבען שוין געשריבען). אונ דער פאטער וואס איז גאנץ רייך זאל ער בעווארענען בייא זיין לעבען אז נאך זיין שטארבען זאלען זייא אויך נים האבען צו פיל געלד אין די האנד, נאר ער זאל אוועק לייגען דאס געלד אין א קאסע אונ זיי זאלען לעבען נאר פון דעם רווח ביז זייא וועלען גרויס ווערען אונ וועלען וויסען ווייא צו האנדלען מיט דעם געלד. פון דעסטוועגען דארף דער מענטש זעהן צו בעווארענען זיין נשמה אויך, אונ אז ער וועט לאזען פאר זיינע קינדער א ביסעל געלד ווייניגער וועט אויך גוט זיין, ווייא די גמרא זאגט ריש לקיש איידער ער איז געשטארבען האט ער געלאזען אין שטוב א ביסעל זאפרען, האט ער געזאגט אויף זיך דעם פסוק ועזבו לאחרים חילם, זיי לאזען זייער פארמעגען צו פרעמדע, דער פירונג איז אין דער וועלט אז א סוחר נעכטיגט אין א גאסט הויז אפילו נאר איין נאכט איידער ער פארט אוועק לאזט ער עפעס געלד פאר די משרתים, אונ ער שענקט קליינע מתנות צו דיא קינדער פון בעל הבית זייא זאלען זאגען א אנדענקונג אויף דעם נאמען פון דעם סוחר, אונ אויב דער סוחר איז געוועזען אין דעם גאסט הויז א לאנגע צייט בעפרידיגט ער די מענטשען נאך מער, אונ אז דער מענטש איז אין דער וועלט וואס דאס איז אויך נאר ווי א נאכט הויז עטליכע יעהרליג יאהרען דארף ער דאך געוויס עפעס לאזען אויף דער וועלט מען זאל אים האבען צו געדענקען, יעדער מענטש דארף עפעס לאזען א אנדענקונג אויף דער וועלט אויסער דעם שכר וואס ער וועט האבען בעולם הבא ווי מיר האבען שוין געשריבען עס איז דא א חיה וואס זיא האט זייער שיינע האר גאנץ ווייכע מיט פיל קאלירען, דיא פעל איז זייער טייער די פעל ווערט פארקויפט צו מלכים אונ גרויסע גבירים אונ די חיה וואהנט זייער טיף אונ וויים אין דער מדבר, עס איז זייער שווער איר צו געפינען, נאר ווען זיא שפירט ביי זיך זיא איז שוין אלט אונ שוואך אונ עס איז געקומען איר צייט צו שטארבען גיים זיא ארויס פון דער מדבר אונ לייגט זיך אויף דעם וועג וואו מענטשען גייען, אונ ליגט דארט ביז זיא שטארבט, מענטשען זאלען זיא געפינען וועלען זיי הנאה פון איר פעל, פון די חיה דארף יעדער מענטש אראפ נעמען א מוסר איידער ער גיים אוועק פון דער וועלט זאל ער פארזארגען מענטשען ארעמע זאלען אויך עפעס הנאה האבען פון זיין רייכקייט וואס ער האט אנגעזאמעלט

אויף דער וועלט, וועט זיין אנגעגרייט פאר אים עולם הבא ווי די גמרא זאגט צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה, די צדיקים זיצען מיט זייערע קרוינען וואס זיי האבען פאר זיך אנגעגרייט פון זייער תורה אונ מצות אונ מעשים טובים אויף דיא וועלט, אונ האבען פארגעניגען צו זעהן דיא שיינקייט פון דיא שכינה.

פרק קד איינע פון דיא גוטע מדות וואס דער מענטש דארף זיך געוויינען צו איר, ער זאג זיין אלע מאהל פרייליך, ווי עס גייט אים מיט זיין פרנסה, פון דעסטוועגען זאל ער ניט טרויעריג זיין, נאר ער זאל שטענדיג האפען צו גאט ברוך הוא אז ער וועט אים די צייט פארבעסערען, ווארום אויף וועלכע זאך וועט ער זיך מצער זיין, אויף די צייט וואס איז אוועק געגאנגען וואס וועט אים העלפען זיין צער, וואס עס איז געוועזען איז שוין געוועזען, אונ אויף די צייט וואס יעצט איז איז איינס פון ביידע, אויב ער קען די זאך פאר ריכטען אדער ניין, אויב ער קען זאס פאר ריכטען. דארף ער דאך ניט טרויערען, דארף ער טאהן אונ זעהן דיא זאך זאל גוט ווערען, אונ אויב ער קען ניט העלפען צו פארבעסערען די זאך איז דאך פארפאלען וואס וועט אים העלפען וואס ער וועט זיך מצער זיין, אונ אויב ער זארגט אויף די שפעטערדיגע צייט, פון וואנען ווייסט ער וואס שפעטער וועט זיין, ווי דער ספר משלי שרייבט זאלסט ניט זארגען אויף מארגען ווארום דוא ווייסט ניט וואס דער היינטיגער טאג וועט פאר דיר געבארען, עס קען דיר דער היינטיגער טאג געבען אזוי א גליק אז די מארגענדיגע צרה וואס דו זארגסט וועגען איר זאל גאר ניט קענען זיין, נאר יעדער מענטש דארף באקלערען זיך בעטראכטען זיינע עניינים אונ געשעפטען אונ זוכען עצות ווי אזוי צו פארבעסערען זיין בעשטאנד ניט פויל צו זיין אונ צו ארבעטען נאר אלץ אן זארג, ווארום דאס זארג מאכט פויל דעם מענטש, צו עולם הזה אונ צו עולם הבא, אונ דער מענטש זאל ניט רעכענען ווען אים איז שלעכט אז עס וועט אייביג אזוי זיין, נאר ווי דער תנא זאגט אין לך אדם שאין לו שעה, צו יעדער מענטש טרעפט א גליקליכע שעה, דער מענטש דארף טאהן צוויי זאכען, תפלה אונ בעטען צו גאט ברוך הוא אונ ארבעטען, אונ א מענטש זאל ניט זאגען וואס וועט מיר העלפען מיין ארבעט אונ מיין תפלה אז איך בין געבארען אין א שלעכטען מזל, ווארום ערשטענס יעדער מזל איז אויך מיט א צייט, דער שלעכטער מזל גייט אריבער מיט זיין צייט אונ עס קומט א בעסערער מזל, ווי מיר זעהן פיל מאהל מענטשען וואס זענען געוועזען אין דער יוגענד ארעם אונ צו די אלטער זענען זיי רייך געווארען, אונ עס טרעפט פארקערט אויך, עס זענען דא מענטשען אין דער יוגענד זענען זיי רייך אונ צו די אלטער ארעם, זעהן מיר אז דער מזל ענדערט זיך וועגען מענטשען, דער עיקר איז תפלה, מען זאל בעטען ביי גאט ברוך הוא ער זאל ענדערען דעם מזל זיינעם צו גוטען, ווארום גאט ברוך הוא קען מאכען

ביידע

בידע זאלען זיין דער מזל וואס איז שלעכט זאל זיין גוט און ער זאל דעם מענטש קיין שאדען מאכען, ווי דער משל איז אין מדרש אייגער האט געשווארען ער זאל דעם שטיין ווארפען אויף זיין זוהן נאכדעם האט ער חרטה געהאט אויף די שבועה, ווארום ער וועט דאך דעם זוהן הרגנען, האט ער דעם שטיין צו שטויסען אויף קליינע שטיקלאך און האט איינציגווייז געווארפען די קליינע שטיקלאך אויף זיין זוהן, די שבועה זיינע איז מקוים געווארען ער האט געווארפען דעם שטיין אויף זיין זוהן, און דעם זוהן האט ער קיין שאדען געטאהן, אזוי טוהט א מאהל גאט ברוך הוא אויך וואס דער מזל ווייזט אויף דעם מענטש ווערט מקוים, און עס מאכט דעם מענטש קיין שאדען און א מאהל מאכט גאט ברוך הוא דער מזל זאל מקוים ווערען אויף א זאך וואס איז גלייך צו די זאך וואס דער מזל ווייזט אויף איר, אזוי ווי פרעה האט געזעהן דער מזל ווייזט אויף יודישע בלוט, האט ער געמיינט אז די יודען וועלען געהרגעט ווערען האט גאט ברוך הוא געמאכט אנדער בלוט מען זאל די יודען מלה זיין, און אז א מענטש וויל זיין תפלה זאל געענטפערט ווערען זאל ער פריער מאהן תשובה אויף זיינע זינד, נאכדעם זאל ער מתפלל זיין, און דער מענטש וואס וויל אבמאהן פון זיך די זארג און טרויעריקייט זאל ער מאהן זיין פארזיכערונג אויף גאט ברוך הוא, וועט גאט ברוך הוא מקיים זיין ווי משה רבנו האט געזאגט צו די יודען יברכך בכל אשר תעשה.